


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ▪ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 11 ● חשבון־כסלו תשל"ז ● תל־אביב ● נאָוועמבער 1976 ● נומער 11

## התוכן ● אינהאַלט

**העיר בכליונה וגבורתה ▪ אומקום און גבורה פון לובלין** — שרה ארליכמן־בנק (סויקה); שמואל שפּיראָ; זעליג וואַסערשטראם; שלום גארן; משה זילבערבערג; תום שגב; אבי בטלהיים (עמ' 2 — 13).

**רייזע־איינדרוקן** — אהרון ניסענבוים; מענדל לעווינבוים (ז"ז 14 — 15).

**זכרונות** — מ. הרץ־לנקייביץ'; אפרים איינשטיין; י. רייכענשטיין; לובא קאָרן; צבי זילבערמאַן (16 — 27).

**צום צווייטן וועלט־צוזאַמענפאָר** — סעם ברייטער; דוד שטאָקפיש (28 — 30).

**לובלינער אין דער וועלט** — פאָלע און סוכער פאַכטשאַש; סעם ברייטער; משה זאַלצמאַן; שרהלע גאָלדאדלער; טעשקע פאָרשטעטער; ישראל אייזענבערג; יוסף שפייזמאַן; יוסף זינשטיין; לאָזער גאָלדבוים (31 — 38).

**קולטור און ליטעראַטור** — אלתר זאָבערמאַן; משה שולשטיין; אריה שמרי; אפרים איינשטיין; עובדיה פעלד; יעקב גלאַטשטיין (39 — 44).

**הלובלינאים בישראל ▪ לובלינער אין ישראל** — דוד שטאָקפיש; סוכער פאַכטשאַש (46 — 50).

**לזכר הנפטרים ▪ צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע.**

בערב פתיחת „חדר לובלין" בתל־אביב, דיזנגוף 158, בהשתתפות אורחים מחו"ל (ראה עמ' 49)

אויף דער דערעפענונג פון „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב, מיטן אָנטייל פון געסט פון אויסלאַנד (זע ז' 49)




teatrnn.pl



שרה ארליכמן-בנק (סויקה)

# לובלין שלנו

בית הקברות העתיק בלובלין, בקלינובשטשיזנה — ציור של רפאל כוולס, משנת 1967.

קטעים מפרק ראשון מתוך ספרה של בת-עירנו ארליכמן-בנק „בידי טמאים", שהופיע השנה, במהדורה שניה מתוקנת בבית לוחמי הגיטאות והוצאת הקיבוץ המאוחד. תרגם מכתב-יד פולני: נחמיה רבן. המהדורה הראשונה הופיעה בשנת תש"ו בהוצאת המשמרת הצעירה למפלגת פועלי ארץ-ישראל. פתח-דבר: אהרון מאירוב'ץ. 264 עמ'.

...ב-9 בספטמבר הותקפה לובלין בהפצצה שלא היתה כמותה עד כה. עד אותו יום ישבנו כולנו שלוים בבית. ביום ההוא נעתרנו לבקשות אמא ועזבנו את דירתנו שהיתה סמוכה למטרות צבאיות שונות. בעיר שבה היו שלושה בתי-חרושת למטוסים וקסרקטין, לא נמצא עד היום הזה אף תותח אחד נגד אוירונים.

ישבנו בבית קרובים ברחוב לוברטוסקה. זוכרת אני את לובלין הבוערת. רחל'קה עומדת לידי על הגזוזטרה וקוראת לאלוהים במורא ופחד: „אלי, עיניך הרואות זאת, ואתה נתת רשות למשחית!". לא ידעה המסכנה, כי הדבר, שהיא מסתכלת בו כעת באימה, הוא כאין וכאפס לעומת כל מה שיתרחש כעבור שנים אחדות.

בלילה יושבים אנו במרתף הבית ברחוב לוברטוסקה 15. המון אנשים נתאספו ובאו הנה, וביניהם גם חיילים משירות ההגנה מפני מטוסים. אין החיילים רוצים להישאר על משמרתם: „לשם מה? — שואלים הם — הרי פולין כבר נמכרה, הקצינים ברחו והם מעבירים את רכושם במכוניות צבאיות לכפר. הם צברו כסף ומתחבאים כעכברים, ומה לנו, החיילים הפשוטים, כי נחרף את נפשנו למות?".

רעם הפצצות נשמע בלי הפוגות. מפציצים את מרכז העיר, שאוכלוסייתו צפופה ביותר. הרי זו מלחמת-עצבים — מלחמה נגד אזרחים חסרי-ישע.

לפתע-פתאום מתפרצים למקלט כמה אסירים פוליטיים, הם פירקו את הנשק מעל השומרים ונמלטו על נפשם. עכשיו בוכים הם בדברם עם הוריהם. ידידים בודקים את בגדיהם בקפדנות, מוצאים רשימות ותעודות שאין בהם צורך, קורעים אותן לגזרים, שורפים באש הנר, משליכים המימה. עדיין נערים הם, וכבר הספיקו לשבת שתים-שלוש שנים בבית-הסוהר בעוון קומוניזם.

ביום ה-13 בחודש היתה שוב התקפת-אויר עזה על לובלין. כשוך הסער יצאתי עם חנ'קה להפש מכרים בין הרוגי ההפצצה. החללים הראשונים. משפחות שלמות קבורות מתחת לעיי-המפולת.

אני עובדת בבית-החולים. הפצועים רבים מאוד. רעם התותחים מן החזית המתקרבת מלווה את אנקות הפצועים. הרעם מתגבר ולבסוף משתתק לפתע-פתאום...

18 בספטמבר. הגרמנים נעולים מגפיים גדולים נכנסים ללובלין. התותחים נשתתקו, האנקות לא חדלו. בבוקר הראשון אספו את כל הגברים. אני אצה הביתה לאחר תורנות לילה. בעיר אין רוח חיים. את אבא לקחו עם שאר האנשים לכיכר-ליפובה 7. בדרכי רואה אני בכיכר-הקתדראלה בחורות פולניות העוסקות כבר במעשי-עגבים עם הגרמנים. הכנסיה בוערת, אולם הבחורה הפולנית מבינה יפה-יפה את הגרמני במחיר ה"שוקולאד היהודי שהוא מגיש לה.

בכיכר ליפובה ממיינים את הגברים לפי מוצאם. את היהודים מקיפים במכונות-יריה. מחזיקים את התושבים כבני-ערובה עד שתשוב העיר למסלול החיים ה„תקינים". אחר-הצהרים עלה בידי לשחרר את אבא בעזרת הצלב האדום. מניחים לקבוצת אנשים, סמוך לשעת העוצר, ללכת הביתה ובדרך רוצחים אותם.

בו-בערב מביאים לבית-החולים את הקרבן הראשון של המשטר ההיטלרי. יהודי ששוחרר בשעה מאוחרת, רץ מן הכיכר לביתו, מהלך שלושה קילומטרים, ומצא את מותו בחצר ביתו „בעוון" הליכה ברחוב לאחר השעה המותרת. מדי יום ביומו מביאים „פושעים" יהודים חדשים. מי שעמידתו בתור לקבלת לחם אינה כשורה, מי שאינו מברך חייל גרמני וכיוצא בזה — צפוי לעונש מיתה.

מתחיל שוד החנויות והדירות היהודיות. תושבי המקום הפולנים הם המוסרים לגרמנים ידיעות מדויקות. „ביטטע, ביטטע!" מזמין הפולני את הגרמני לחנות יהודית. ילדים קטנים שלא למדו עוד לדבר כראוי, קוראים „יודא" לכל יהודי עובר ושב. שורות הפולקס-דויטשה (תושבים מקומיים ממוצא גרמני) הולכות ומתרבות. רבים מבין הפולנים נזכרו פתאום, שהיו להם במשפחה סבא וסבתא, שאף אם אינם מזרע הגרמנים, הרי שירתו לפחות פעם בצבא הגרמני. יום-יום שומעים על אנשים שהשלכו מדירותיהם; במקום אחד מצאו ואלוטה, במקום אחר גילו מכשיר רדיו. על עבירות כאלה שולחים למחנות-ריכוז.

ב-1 בנובמבר קושטנו במגן-דוד צהוב. מה נורא הרושם שעשה עלי ד"ר הרש טננבאום הזקן, שהקדים לבוא לבית-החולים והטלאי מודבק על בגדו. עיני נתמלאו דמעות. הקפנו אותו והוא הרגיע אותנו בקולו הרועד: „אין בכך כלום, ילדים; גם כך נישאר יהודים. אין זאת חרפה לנו".

איני יודע מדוע נתרגשתי כל-כך למראה הזקן הטוב. אף גם לפני שנים אחדות התרגשתי מאד בראותי את המחזה „הטלאי הצהוב" בהצגתו של אלכסנדר גראנאך. בשעה שענדתי את הטלאי לא חרה לי הדבר, תמיד הלכתי בראש מורם. פעם שמעתי מפי גרמנים שעמדו ברחוב: „זיא מאל! די טראגט דאן שאנדצייכן ווי איין אהרנצייכן" (הביטה! היא נושאת את אות-הקלון כאילו

זה אות־כבוד !). „דאס איסט פיר מיך איינא אהרא איינא יידין צו זיין ! (כבוד הוא לי להיות יהודיה !)׳ עניתי בעברי על פניהם. והם ניענו בראשיהם — כנראה לא יכלו לתפוס את הדבר.

כל פקודה חדשה מכריזה על עונשים חדשים. לובלין היהודית משלמת מס בעד ה„זכות" לשאת את הטלאי מלפנים בלב. מתחילות הגזרות האוסרות על היהודים לעבור ברחובות מסוימים, מתפרסמת פקודה המחייבת לברך כל גרמני העובר ברחוב ולפנות את המדרכה בפניו. עתים אתה סופג סטירה מפני שאינך מברך גרמני העובר על פניך ; ועתים אתה נענש דוקא מפני שבירכת ; כלום ניתנה לך זכות לכך ? כלום מכרך או מודעך הנהו ?...

ב־1 בנובמבר השתתפתי בהלווייתו של חולה אשר נפטר. שמו היה קורנרייך. בימי המלחמה הראשונים היה האיש בין הפליטים שבאו מקראקוב. ליד ראדום תפסו אותו הגרמנים וביקשו להטביעו. דעתו נטרפה עליו וגברה מחלתו הישנה „אנגינה פקטוריס". למשפחתו לא היתה דירה בעיר הזרה ובקושי הכניסוהו לבית־החולים. בלילה השתולל החולה והיה זורק דרך החלון כל מה שהעלה בידו. היה בזה משום סכנה לכולנו, כי הבנין הסמוך של „ישיבת חכמי לובלין" המפורסמת הפך עכשיו לבית־חולים בשביל אנשי אם אם הנשלחים מן החזית. פעם נזדמן לי להיות בבית־החולים בשעות הלילה וטיפלתי בחולה זה. נראה שקולי השקט השפיע עליו לטובה, ומאז היה מציית לי וממלא אחר הוראותי כאילו מתוך היפנוזה. בלית ברירה, נאלצתי לקבל עלי תורנות לילה ולטפל בקורנרייך. אחר שבוע ניטל ממנו כוח הדיבור. צר היה לי על הזקן הטוב ועל משפחתו ונשארתי ליד מיטתו עד צאת נשמתו.

אני, בתו וחתנו היינו המלווים, ומלבדנו אין איש. עגלות־המתים לא היו עוד ברשותנו, ולפיכך נשאו שניים ממשרתי בית־החולים את המת כשהוא עטוף בשמיכה. בלכתנו אל בית־הקברות עברנו ליד הישיבה. על הבנין המפואר נראו עוד אותיות־זהב עבריות, ומתחת להן לוח ה„שטירמאר" ועליו הכתובת : „יודא פארראקא !" גרמנים ופרחחים פולנים שעמדו לפני הישיבה רגמו את המת באבנים...

אכולי קור ומדוכאים שבנו אל החדר האפל, שבו התגוררה משפחת הפליטים מקראקוב. זקנה קטנה, אלמנת קורנרייך, יצאה לקראתנו. נשקה לי בראשי : „תודה לך בתי, על שהמתקת את ימיו האחרונים והקשים של בעלי, שחייתי אתו חיי אושר חמישים ושתים שנים" — אמרה ומיררה בבכי.

לפני ה־11 בנובמבר התחילו לאסור את אנשי האינטליגנציה הפולנית והיהודית בלובלין ולשלחם למחנות־ריכוז. כמה מוזר מראה החסידים היהודים בלי זקנים והכמרים בלי גלימות. הפולסקדויטשא החדשים אינם נרתעים מפני מסירת תלמידים צעירים לבית־סוהר. מובן, כי בתי־הספר היהודים בלובלין לא נפתחו עוד. התחילה חטיפת אנשים לעבודות־כפיה, חוטפים נשים הדורות ומכריחים אותן לנקות רצפות בחלקי בגדיהן. בעיני ראיתי כיצד תפסו יהודי זקן והכריחוהו לנקות בלשונו את בור־השופכין. והרי בקראי פעם את „הספר החום" נראו לי הדברים כמוגזמים. מנת המזון היא מנת־רעב. הקור עז. בבית־החולים רבים המתים.

הרוסים הולכים ומתקרבים. הם נמצאים כבר כשישה קילומטרים מלובלין. היהודים נמלטים לאיזור הרוסים. בקריאות שמחה מברכים הם את הצבא האדום. הרוסים התחילו אחר־כך לסגת, כשהם משדלים את האוכלוסיה המקומית להימלט ולחזור אתם. רבים הלכו אחריהם, אולם על הנשארים בשטחים שנעזבו על־ידי הרוסים עבר נחשול פרעות.

*

בפברואר 1940 הובא ללובלין מחנה שבויים יהודים ששרתו בצבא הפולני. הפולנים, „חבריהם" לנשק, הודיעו מיד לאחר שנלקחו בשבי, כי אין ברצונם להיות יחד עם היהודים. מפקד המחנה דולף, מספר קרבנותיו הוא לאין־ספור. כדי להגדיל את זכויותיו אלה הריהו מגדיל יום־יום את מספר קרבנותיו. בחוצות העיר תופסים את כל חולי־הרוח היהודים ומצלמים אותם. תצלומים אלה נשלחים אחר־כך ל„שטירמאר" המציגם לראוה כיהודים טיפוסיים. לאחר מילוי „תפקידם" זה נרצחים המסכנים ביריות.

יהודי חוץ־לארץ הראשונים המגיעים ללובלין הם היהודים הגרמנים משטטין. את הנוער שולחים לעיירות שבסביבה, את הזקנים והחולים, שלא עצרו כוח ללכת בשלג, בקור של 35 מעלות, מכניסים לבית החולים. אני משגיחה על המחלקה הזאת. מחזות צער ויאוש. אנשים שהיו פעם עשירים ועודם פאטריוטים גרמנים (רבים מאלה עונדים עוד את צלבי־הברזל שניתנו להם על הצטיינותם במלחמת־העולם הראשונה), מושלכים כדגים מלוחים מתוך המזחלות. כל החפצים נלקחו מהם, אפילו אלה שהורשה להם לקחת עמם. רק מפתחות מזוודותיהם נשארו בידיהם, והם שומרים אליהם בהקפדה יתירה. כולם ידיהם ורגליהם קפואות. במשך יום אחד נעשו אצלנו עשרות ניתוחים של אצבעות הרגלים והידים. שבעה־שמונה אנשים מתים יום־יום במחלקה, הם גוועים דומם, ללא אנחה, כתרנגולות. יש מתים ויש נולדים, כי המאורעות לא עיכבו את הנישואים ולא מנעו את הלידות. ולא עוד אלא שמספר הנישואים הולך ורב כי בתחילה התחשבו בזוגות הנשואים בשעת הגירוש למחנות.

תופעה מוזרה באמת התרחשה באותו פרק זמן בבית־החולים שלנו. יום־יום היה מספר הנולדים במחלקת־היולדות עולה בד בבד עם מספר המתים במחלקת הזקנים. מצב זה התמיד במשך שבועים. דומה שהטבע עצמו לא רצה להשלים עם כליון הגזע היהודי.

*

הצרות האחרונות ממשיכות את הראשונות. לובלין היא עיר המעבר לכל צרות ישראל. המגורשים מגרמניה מובלים לובלינה ומחנות־הריכוז ביותר הגרועים נקבעו בפלך זה. לפי הידיעות שהגיעו אלינו, עמדו לרכז באיזור זה את כל יהודי אירופה. כללו של דבר, היטלר מקים בפלך לובלין „ארץ־ישראל חדשה", אלא שב„ארץ־ישראל" זו מצאו מנוחת עולם יותר יהודים מבכל ארץ אחרת...

פליטי לודז׳, קליש ושאראדז באים ללובלין. אנשים אלה שרויים בעוני ובחוסר־כל, כי הם הדלים שבאוכלוסי הערים האלה ; העשירים הקדימו לברוח לווארשה. היודנראט בלובלין אינו יודע מה לעשות בהם. גרוע מכל הוא ענין השיכון, כיון ששכונות המגורים מתמעטות והולכות ; היכן לשכן אנשים רבים כל־כך ?

הגרמנים מכריזים „בנדיבות־לבם" על שחרור שבויי־המלחמה היהודים מן המחנות בתנאי שילבשו בגדים אזרחיים. בדרך זו שללו מן היהודים הללו את זכויות שבויי־המלחמה, ובתורת אזרחים נעשו מעתה שותפים לגורלם של כל היהודים. היודנראט מסדר אוסף בגדים בכל מקום שידו מגעת. פעם סירב לספק בגדים וביקש לשחרר את השבויים במדי־הצבא. הגרמנים הוציאו 250 שבויים וביער הסמוך לטראווניקי רצחו אותם ביריות...

היודנראט נאלץ לחזור בו מפנייתו. לאחר התייעצות בין היודנראט והנהלת בית־החולים, הוחלט למסור לשבויים את בגדי היהודים הגרמנים שמתו. היהודים הגרמנים איימו שיודיעו לגסטאפו. ד"ר גרוסמן, פליט מצ׳כוסלובקיה שעבד אותה שעה בבית־החולים, נשא בפניהם נאום בנוסח הגרמנים ואז „הבינו".

במארס 1941 החליפו את הטלאי הצהוב בסרט לבן עם מגן־דוד כחול ענוד על השרוול. פעולת הגירוש למחנות נמשכת בלי הפסק. בכל עיר ועיר הוקם ארבייטסאמט (משרד־עבודה) יהודי מיוחד הכפוף לארבייטסאמט הגרמני, שמתפקידו היה לספק

**האזכרה לקדושי לובלין**

**תתקיים ביום ג׳ 16.11.76**

**ב נ ח ל ת  י צ ח ק**

(ב־15.30)

**ו ב ב י ת  ל י י ו י ק**

**בתל־אביב**

(ב־19.00)

**פרטים — בעמוד אחרון.**

את מכסת העובדים. לא תמיד סומכים הגרמנים על היהודים, ולעתים קרובות עושים הם את המלאכה בעצמם.

תכופות מעירים אותנו בלילה. הגרמנים דופקים במגפיהם ומקימים רעש ובודקים כל מקום בפנסים. על־פי־רוב לא שיחק להם מזלם אצלנו, שכן נשים בלבד היו בבית; אבא ישן בדרך־כלל בבית־המלאכה, או שהחזיק בידו פנקס־עבודה. עתים נאלצו דוקא הנשים להסתתר, כי הגרמנים היו מתעלמים לעתים מחובתם לשמור על „טהרת הגזע" והיו עוסקים בחטיפת נשים. הנשים היו קופצות בלילה לתוך החצר ומתחבאות בכל מקום שנזדמן להן.

*

בלובלין מסדרים הגרמנים מקומות עבודה, אחד ברחוב ליפובה בהנהלת הצבא הגרמני; שני ברחוב אוגרודובה בהנהלת הז'אנדארמריה, ושלישי בפיקוח אס אס. כאן מוצאים עבודה בעיקר הפליטים מערים אחרות שבפולין. התושבים הקבועים הסתדרו ביתר קלות וכשהיתה אפשרות להימנע מעבודה, לא רצה איש מהם לעבוד אצל הגרמנים במחיר 2 זלוטים ליום ולהיות תמיד צפוי למכות. במרוצת־הזמן נתברר שזהו הדבר הטוב ביותר; כי עם הקמת הגיטו אפשר היה לעסוק בהברחה למקומות שמחוץ לתחומי הגיטו.

כל העובד אצל הגרמנים או במוסדות היודנראט היה מקבל פנקס־עבודה. פעם הגיעו הדברים לידי גילוי „אהבה" אנטישמית מובהקת. הז'אנדארמריה, שהיתה זקוקה לפועלים, חסמה את הרחוב וחטפה את העוברים והשבים. מי שיש לו תעודה כלשהיא, מראה אותה; אך הז'אנדארמריה לא רצו להתחשב בפנקסי־העבודה שהוצאו על־ידי הווארמאכט ולקחו את האנשים לעבודתם. כיון שנודע הדבר לאנשי הצבא, יצאו החוצה והתחילו לחטוף את היהודים מידי הז'אנדארמריה מעין: „אתה מכה את מושקה שלי, לכן אכה אני את מושקה שלך". כמעט פרצה מלחמת אגרופים בין הגרמנים לבין עצמם, עד שבא הצד השלישי — אנשי האס אס — ויישבו את הסכסוך.

בבאלז'איץ הוקם מחנה־עבודה מן הגרועים ביותר. דולף צמא־הדמים נתמנה מפקד המחנה. תפקידו היה להקים ביצורים, ומטרתו — להשמיד את היהודים. עובדים שם בביצות בבגדים רגילים, ואין פושטים אותם שלושה חודשים רצופים. תנאי השינה איומים עד תכלית: שוכבים בצפיפות נוראה והמבקש להתהפך על צדו האחר, אינו יכול לעשות זאת אלא אם כן יתהפכו כל השוכבים באותה שורה. על המזון מוטב לא לדבר. יש כאן גם אנשים מוארשה.

על כן רבה העבודה בבית־החולים שלנו. כינמת, התנוונות גופנית, מחלות הכליות, דיזנטריה, הפרעות עצבים, שחפת וטיפוס־הבהרות — קוצרים כאן את קצירם. בית־החולים קטן מלהכיל את כל האומללים האלה.

והגרמנים באים יום־יום לשם בדיקת־הנקיון; ולוקחים מיטות וכלי־מיטה.

אנו, האחיות העלובות, רוצות לבכות מרוב יאוש ואזלת־יד. הנה הביאו שוב „איש־מחנה" מלא כינים. היום נגלחו מכף רגל ועד ראש, נרחצנו, נמרח את בשרו במשחה נגד כינים, ניתן לו בגדים נקיים. ולמחרת היום יצאו שוב הכינים למסעותיהן; הן מקננות מתחת לעור וקשה להשמידן. את התחבושות מחליפים בכל חמשה־ששה ימים. חסרים חומרים לתחבושות. יתר־על־כן, אנשים אלה מלאים קאפריזות, ואינם תופסים כלל את תנאי הזמן והמקום שבו הם שרויים, ואשר לאוכל, באים הם בתביעות מופרזות מאד. אנשים אלה דעתם טרופה עליהם כל הזמן.

נפתח בית־חולים חדש למחלות מידבקות. ארבעה חולים במיטה אחת — אם ספסל־עין ראוי לשם מיטה. מי שדעתו צלולה מוטל ליד חולה חסר־הכרה. הלה עושה את צרכיו תחתיו ותחת שכניו. בני־אדם מתים בצוותא; מיד נוטלים את המת ומצרפים שכן חדש לשלושה הנותרים בחיים. מלאך־המוות חוגג את חגו...

*

על־ידי ניתוק שכונות שלמות הגבירו הגרמנים את מצוקת השיכון והרסו את תנאי ההיגיינה. נמצאו בעלי־תחבולות שהיו משכיבים אחד מבני המשפחה במיטה ותולים על הדלת כרטים: „טיפוס־הבהרות". הגרמנים חששו למחלות מידבקות בדירה מזוהמת ולא היו נכנסים לתוכה, ובדרך זו היו בני־אדם מצילים את שארית רכושם.

רבים מרופאינו ואחיותינו מצאו מותם במגיפת הטיפוס הנוראה. לבסוף הוכרחנו גם אנו להחליף את דירתנו. יש לנו חדר קטנטן עם מטבח. אנו מתגוררים לבדנו, על כן אין פרץ ואין צוחה, כרגיל תמיד במעונות המשותפים. מקום עבודתי קרוב לדירה. אבא עבד כל הזמן בבית־המלאכה שלו שמחוץ לגיטו.

יום אחד ישבתי בבית לאחר תורנות; אמא הלכה להביא סעודת צהרים לאבא. והנה פורץ הביתה פועל הנושם בכבדות: „סויקה, מהרי רוצי, לבית־המלאכה — הגרמנים מכים את אביך!" ריבונו של עולם, מה קל לומר: „מהרי רוצי!" ומרחוב מיקולאי הקדוש ועד „רחוב ה־3 במאי" מהלך של שלושה קילומטרים!..

אני מתלבשת בחפזון ורצה בדרך אחת, ולאה'קה אינה ממתינה ופונה בדרך אחרת בקוותה להגיע לשם בהקדם. כשהגעתי לרחוב ה־3 במאי, ליד בית־החרושת של וולסקי, פגשתי את לאה'קה עם אבא בעגלה, וכולו מגואל בדם. אני עולה על העגלה ונוסעת עמו לבית־החולים. לאה'קה הולכת הביתה להרגיע את הילדים.

בדרך מספר לי אבא: הוא התקין טבעת בשביל אחד מאנשי אס. אס. ועמד לגמור עבודתו, והנה בא איזה גרמני, „טוטנקופף" (נושא סמל גולגולת־מת), הטבעת מצאה חן בעיניו והוא דרש מאבי לתתה לו. אבא מסביר, שגרמני הוא שהזמין אותה, שהכנת טבעות אינה מלאכתו, ואף־על־פי־כן מתחייב הוא להמציא לו טבעת אחרת מסוג זה. אך הגרמני אינו רוצה לשמוע מאומה — חשקה נפשו בטבעת זו דוקא. כמי מן הכלבים להתגרות? פתאום תפס הגרמני איזה כלי והתחיל מכה את אבא בלי רחם, בראשו ובכל מקום שידו השיגה. אבא התעלף ונפל. הגרמני בעט בו, השיב רוחו אליו וציווה להראות לו איך סוגרים את המנעול המסובך של הדלת. וכך השאיר אותו מתעלף ושותת דם.

תארי לעצמך את הרגשת אמא כשמצאה את אבא במצב זה! אזהרות אבא לא השפיעו עליה; היא לא זזה מן המקום עד שמצאה מישהו שהוציא את המפתח מידי „נושא־הקולטור" השיכור. בבית־החולים תפרו לאבא את פצעיו, נתנו לו כמה זריקות, ולאחר שנח שבועים חזר הביתה לימים הנוראים.

בימי החגים ערך אבא „מנין" בביתו בשביל יהודי הסביבה. בבתי־הכנסת התפללו רק בראשית הכיבוש. הגרמנים הוציאו את היהודים החוצה כשהם עטופים בטליתות, לרקוד „מה־יפית" וצילמו אותם בשביל ה„שטירמאר". יהודי לובלין ערכו אז בפעם האחרונה את תפילתם בציבור. עדיין מצלצל באזני קולו הערב של אבא העובר לפני התיבה...

*

פעם אחרת ביקרתי אצל אבא בבית־המלאכה, וכשנכנסתי לחצר עם אמא ועם פליטה אחת מקאליש שהתגוררה אצלנו, תפס איש אס אס אותנו ואת היהודיות האחרות שנמצאו בחצר, ופקד שכל אחת מאתנו תביא תוך חמש דקות יהודי אחד לפחות; ובינתים נשארה בידו האשה הקשישה והשמנה ביותר — בת־ערובה. חששתי לחטיפת אחי וניסיתי להסביר לו, שאין אני מן הבית הזה. בתשובה ספגתי בעיטה, ואז פנינו אשה אשה ל-


## די יערלעכע אזכרה

ק ו מ ט  פ אָ ר

**דינסטיק 16.11.76**

אויפן בית הקברות

**נחלת יצחק**

**(פון 3.30 נ. מ.)**

און אין

**בית לייוויק אין תל־אביב**

(פון 7 אָוונט)

**פרטים — אויף דער לעצטער זייט**

עברה. אני עולה במדרגות. מה לעשות? האסגיר יהודי לעינויי המחנה, או אפקיר את האשה למות?

מלמטה עולה קול התליון: נאָך פיר מינוטען, נאָך דריי מינוטען, (עוד ארבע דקות; עוד שלוש דקות). מה לעשות? אילו לקח אותי בתורת בת־ערובה, היה הדבר ברור — אולם אותה אשה היא אם לילדים קטנים!..

אני נכנסת לדירות ופוקדת על הגברים להסתתר כראוי, ומלמטה מגיע הקול: „נאָך צוויי מינוטען, נאָך איינע מינוטע" (עוד שתי דקות, עוד דקה אחת)...

פתאות צעקה, מהלומות ובכי! אני רצה למטה: אחת היא לי מה יעשה בי. והנה נודע לי, כי בתה של אותה אשה נפלה לרגלי הגרמני, נשקה מגפיו, התחננה לפניו וביקשה רחמים על אמה — הרי גם לו אם. הגרמני בעט בה: „דו שוויין, דו זאָלסט ניכט וואַגן מיינער מוטער שפּרעכן" (חזירה שכמותך, אל תשאי את שם אמי על שפתיך!). אולם הסתפק בזה שהיכה את האשה עד אבדן הכרתה, השאיר אותה כשהיא מתעלפת והלך לו.

*

ב־22 ביוני התקיפה גרמניה את רוסיה. לא היה גבול לשמחתנו. הכל צופים את סיומה הקרוב של המלחמה. נזכרת אני במכתבו של זקן אחד, אביו של שמואל ז'יטומירסקי, מראשי פועלי־ציון צ. ס. בלובלין (שמואל הבן הראה לי את המכתב אחרי מות אביו).

בעצם ימי הקיץ הרגיש הזקן במותו הקרוב והוא מתאר את בית־החולים שלנו מתוך הומור רב; לבו היה טוב עליו על־אף היותו על סף המות, כי אכן האמין בישועתנו הקרובה. „באביב ינחלו הגרמנים תבוסה במלחמה. את קברי תכרו לי ליד פתח בית־הקברות ממש — לא באחד ממקומות הכבוד המרוחקים — כדי שלא תצטרכו להרחיק לכת אל קברי לכשתבואו להודיעני את הבשורה הטובה, על גאולתנו אשר תבוא באביב. ואני אשמח בקברי יחד אתכם"...

שנה־שנה עם בוא האביב משתעשעים אנו בתקוות... ובינתים מתקדמים הגרמנים אל לב רוסיה ומוסיפים לענותנו בעינויים חדשים לבקרים.

אותה שנה מתרחש משהו, שעדיין אין אנו יודעים מה טיבו. מ י י ד א נ א ק — יישוב קטן ליד לובלין שעד כה לא ידענוהו — מתחיל להיות נישא בפי כל. למיידאַנאַק זו מתחילים להביא את היהודים מצרפת והולאנד. אבא מוסיף לעבוד סמוך לתחנת־הרכבת. הוא רואה את ההמונים החדשים הבאים וחבילות בידיהם לצרכי עבודה. בתחנת־הרכבת בלובלין נוטלים מהם את החבילות ומוליכים אותם למיידאנאק. אחר מתחילים לשלוח לשם את השבויים היהודים מן הצבא הסובאטי. עונש מות צפוי לכל מי שניגש אל האנשים האלה. המחנה מוקף תיל דוקרני מחושמל. רק לפעמים באים העצורים מליפובה לעבוד סמוך למחנה. בבואם משם הם שרויים בפחד, וכמעט שאינם מאמינים עוד בחייהם. מספרים על לאטבים רמי־קומה השומרים על המחנה, תולים יום־יום כמה יהודים ונותנים אחר־כך את בשרם מאכל לנשארים במחנה. אין איש יודע אל נכון מה מתרחש שם. מספרים שכולם לבושים פיז'אמות לבנות־כחולות ונעולים ערדליי־עץ ושרבים גוועים ברעב יום־יום.

אנו רואים אחר־כך בחורף, כשהם מובלים ברגל למרחץ, לבושים פיז'אמות בלבד, מהלך שמונה קילומטרים. הם עוברים ליד בית־החולים אל המרחץ שמאחורי שער־לובארטוב. עצורי ליפובה יודעים לפעמים את שעת בואם של השבויים ומכינים לחם בשבילם; אך לא תמיד עולה הדבר בידם. כמה מהם נמלטו לתוך בית־החולים כשהם נרדפים על־ידי הגרמנים והלאטבים. כהרף־עין היינו מסדרים בחור כזה בתוך אחת המיטות, כשאנו רועדים מפחד פן יפרצו הרודפים אחריהם ויכירום.

איני יודעת כיצד נמצאו בין כתלי בית החולים שלנו כמה חולים מן השבויים הסוביטיים בעלי־הכרה, שמוכנים היו להקריב חייהם למען רעיונם. אולם היו גם מתנגדי המשטר, כנהוג בכל מדינה ומדינה. ופעם נמצא עז־נפש אחד שנמלט גם ממיידאנאק. לשם הטלת פחד על האחרים בחרו הגרמנים מאה איש מתוך השורה וירו בהם לעיני הנשארים. ומצרפת והולאנד הוסיפו להגיע מכתבים ל„מחנה־העבודה" מיידאנאק...

# 9 טער נאָוועמבער — אָנדענק־טאָג.

שמואל שפּיראָ / פּאַריז

מיט 37 יאָר צוריק זענען די היטלעריסטישע באַנדעס באַפאַלן פּוילן און געזייט פאַרוויסטונג און טויט. דער ערשטער און טאָטאַלער קרבן איז געווען דער יידישער ישוב. 3 מיליאָן יידן זענען אומגעקומען דורך גאַז און פייער.

לובלין האָט געהאַט די טרויעריקע פּריווילעגיע צו זיין דאָס ערשטע אָרט, וווּ די נאַצי־רוצחים האָבן אויפגעשטעלט זייער ערשטע טייוולאַנישע מאָרד־מאַשין אין דעם גהינום מיידאַנעק, אין וועלכן עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוויי מיליאָן יידן, צווישן זיי, פיל לובלינער. דעם טאָג פון 9־טן נאָוועמבער 1939 וועלן די לעבן־געבליבענע יידן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אין יענעם טאָג איז פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע אַקציע פון אַרויסטרייבן יידישע משפחות פון זייערע וווינונגען. און אין 3 יאָר שפּעטער איז אין דעם זעלבן טאָג פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. די דאָזיקע ווערטער פון אידאַ ראַפּאַפּאָרט־גליקשטיינס מעמואַרן אין דער מאָנאָגראַפיע „דאָס בוך פון לובלין", קלערן אויף פאַרוואָס אַלע לובלינער יידן האָבן אָנגענומען די דערמאָנטע דאַטע אַלס אָנדענק־טאָג פון זייערע פאַרשניטענע נאָענטסטע און טייערסטע.

שילדערן יענע טראַגישע צייט — איז אוממעגלעך. די מענטשלעכע שפּראַך האָט נאָך נישט געפונען די געהעריקע ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען אויסדריקן די פּיין און ליידן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

איך וויל זיך באַגרענעצן בלויז צו דערמאָנען עטלעכע באַזונדערס וויכטיקע דאַטעס און פאַקטן, איינציקע גבית־עדות פון די לעבן־געבליבענע, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע פון לובלין:

דער טאָג פון 9־טן נאָוועמבער 1939 האָט, ווי עס דערציילט אַ לובלינער איינוווינערין אויסגעזען אַזוי: „8 אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיך פאַר קאָפּל קעניגסבערגס הויז באַוויזן באַנדעס געסטאַפּאָוצעס. די עס־עס־לייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט — די הויפּטגאַס אין לובלין — און אויף די זייטיקע גאַסן און גייענדיק פון הויז צו הויז האָבן זיי אַרויסגעטריבן די יידן פון זייערע דירות. די רוצחים האָבן די קרבנות געגעבן 10 מינוט אָדער אַ האַלבע שעה אויף צונויפנעמען זייערע זאַכן. ביים פּאַקן האָבן זיי אַלע ווערטפולע חפצים גלייך צוגענומען פאַר זיך... אַזוי אַרום איז דער אויבערשטער טייל פון שטאָט אין יענעם טאָג אָפּגערייניקט געוואָרן פון די יידישע איינוווינער, וואָס האָבן זיך געמוזט אַריבערקלייבן צו קרובים אָדער באַקאַנטע אין די נידעריקע טיילן פין שטאָט. אַן ערך 500 פאַמיליעס האָבן דעמאָלט פאַרלוירן

דעם דאַך איבערן קאָפּ, דאָס מעבל, בעטגעוואַנט, מלבושים און לעבנס־מיטלען".

דעם זעלבן חודש האָבן די דייטשן פאַראָרדנט צו טראָגן די געלע לאַטע פאַר אַלע יידן, פון 12 יאָר אָן. אין דער זעלבער צייט איז די יידן פאַרבאָטן געוואָרן צו פאָרן מיט באַנען און אַרויסצוגיין אין די אָוונט־שעהן אין גאַס. ווי עס האָבן אויסגעזען די ווייטערדיקע אַקציעס, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ אין מערץ 1943 קאָן געבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג די אינפאָרמאַציע פון אַ צווייטן עדות — אין דעם „בוך פון לובלין" — הערש פעלדמאַן. ער דערציילט:

„אַלע יידן פון לובאַרטאָווסקע גאַס האָט מען אַרויסגעטריבן פון די הייזער און אַריינגעטריבן אין דער מהרש"ל שול. פון דאָרט האָט מען זיי געטריבן צום שעכטהויז. די, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין, די שוואַכע און פאַרחלשטע, האָט מען גלייך געשאָסן אויפן אָרט. דער גאַנצער וועג פון דער מהרש"ל שול ביזן שעכטהויז איז געווען פאַרזייט מיט מתים. פון דעם שעכטהויז האָט מען זיי שפּעטער, אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אָפּגעפירט צום שיסן קיין בעלזשעץ".

די טראַגישע לאַגע פון די לובלינער יידן פאַרן אָנהייב פון דער ליקווידאַציע, באַשרייבן די דערמאָנטע עדות אויף פאָלגנדיקן אופן: „חדשים לאַנג האָבן מענטשן זיך נישט אויסגעטאָן, ווייל עס זענען כסדר פאָרגעקומען נאַכט־אַבלאַוועס. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען אָן מוט, הונגעריקע. אין דער שמאָלער צירולניטשע־גאַס זענען געזעסן אַ סך מענטשן — מענער, פרויען און קינדער, נאַקעטע און געשוואָלענע און געבעטלט אַ שטיקל ברויט. אויף טריט און שריט האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף אויסגעדאַרטע סקעלעטן."

*

אין 1945 איז איינגעבראָכן געוואָרן „דאָס דריטע רייך". די נאַצישע חיה איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דער מבול פון בלוט און חורבן, וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט, איז געקומען צום סוף. די בשורה פון באַפרייאונג האָט אויסגעקלונגען איבער ימען און קאָנטינענטן און מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען שיכור פון פרייד. אָבער אָט אין סאַמע ברען פון די פייערונגען, האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג פון נעכטן און אַ דערשיטערטע וועלט האָט אָנגעקוקט מיט שרעק און אימה אַ געשפענסט־בילד, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען: קוימענס פון די גאַז־קאַמערן אין אָשוויענטשים, בערגען־בעלזען, מיידאַנעק, דאַכאַו, מאַטהאַוזען און נאָך, אין וועלכע עס זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן לעבעדיקערהייט מיליאָנען מענטשן, זעקס מיליאָן יידן צונויפגעזאַמלטע פון גאַנץ אייראָפּע, מענער, פרויען, אַלט און יונג. פון זיי איז פאַרבליבן בלויז אַש. און דאָרט, ווו עס האָבן נישט געסטייעט קיין אויוונס, זענען געקומען צו הילף די מאַסן־עקזעקוציעס. די קרבנות זענען געצוווּנגען געוואָרן צו גראָבן פאַר זיך אַ קבר. טויזנטער שטעט און שטעטלעך אין פוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, ווו עס האָט געווימלט מיט אַ יידיש לעבן, זענען אויסגעליידיקט געוואָרן. נישט געבליבן קיין סימן פון אַ ייד.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער בלאָסער באַגריף חורבן, וואָס דער מענטשלעכער דמיון קאָן נישט באַנעמען. דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט און דורכגעלעבט די פינצטערע תקופה פון מיטלאַלטער, די קרייץ־צוגן, שפּעטער די גזירות ת"ח, די שחיטות פון באָגדאַן כמיעלניצקי און נאָך שפּעטער די פעטליוראַ־ און דעניקין־פּאָגראָמען, ווען טויזנטער זענען אומגעקומען. אָבער דער לעצטער חורבן האָט נישט זיינס גלייכן — נישט אין פאַרנעם, נישט אין אכזריות. ער איז אויסגעפּלאַנעוועט און דורכגעפירט געוואָרן קאַלטבלוטיק, כדי אומצוברענגען ביזן לעצטן ייד.

יעדעס יאָר אָרדענען איין די לעבן־געבליבענע פוילישע יידן אין דער גאָרער וועלט יזכור־אָוונטן, צו דער יאָרצייט פון זייערע אומגעקומענע שטעט און שטעטלעך. אויף די אָוונטן באַמיען זיך די אָרגאַניזאַטאָרן, די רעפערענטן צו דערציילן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון זייערע ישובים, נישט בלויז כדי סתם צו קענען בעסער די געשיכטע פון דעם יידיש־לעבן אין זייער שטאָט אָדער שטעטל, נאָר אויך — און דער עיקר — כדי בעסער צו קעמפן פאַר אונדזער צוקונפט. אויך מיר, לובלינער, דאַרפן גיין אויף דעם וועג. אַזוי אַרום וועלן מיר אַריינגלידערן אונדזער ישוב אינעם המשך פון די דורות.

(אויסצוגן פון אַ רעדע אויף דעם יזכור־אָוונט אין פּאַריז, נאָוועמבער 1975)

# אַ געפיל אַזאַ...

מיין אַלטע היים, איך ליב דיך ווי מיין לעבן.
דיך נאָך איינמאָל זען — בין איך אַלץ גרייט
צו געבן.
ווו איך זאָל נישט זיין, קוק איך צו דיר אַרויף
מיין שטרעבן דיך צו זען, גיב איך קיינמאָל
נישט אויף.
וואָס ציט מיך אַהין? — איך בין דאָרט געבוירן.
מיינע נאָענטסטע און טייערסטע האָב איך
דאָרט פאַרלוירן.
איך האָב דאָרט געטעמט, געאַרבעט, חלומות
געוועבט.
נאָר איצט איז אויס מיט אַלעמען, צו וועלכן
איך האָב געשטרעבט.
און דאָך ציט מיך דאָרט אַהין.
ווייל כ'בין אַ שטיק פון דער היים־שטאָט לובלין.
איך ווייס, אַז פוילישע שכנים זענען צופרידן,
וואָס אויף פוילישער ערד זענען מער נישטאָ קיין
יידן.
ווו איך זאָל נישט זיין, פיל איך דעם האַס
פון די אַנטיסעמיטן און זייער ווילדן כעס.
נאָר אויב מיר וועט נאָך זיין צו לעבן באַשערט —
צו־להכעיס די פוילישע שכנים, זיין אויף זייער ערד.

**זעליג וואַסערשטראָם**, ניו־יאָרק.

# מיר זענען דיך מזכיר, יידישע לובלין

שלום גארין, לובלין

**יזכור־רעדע אויפן בית־הקברות אויף אוניצקע, געהאַלטן יעדעס יאָר אין טאָג פון דער יאָרצייט נאָך דער לובלינער קהילה)**

מיר זענען עדות פון שאַפן אַ טרויער־טאָג ביי די לובלינער יידן — דאָס איז די דאַטע פון 9טן נאָוועמבער, דער טאָג ווען ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע באַנדיטן דער חורבן, דאָס אומברענגען דעם יידישן ישוב אין לובלין.

אין דעם טאָג זענען מיר מזכיר לובלין, דאָס יידישע לובלין. שטייענדיק דאָ, פאַר דעם מאַסן־קבר, טויכט אויף פאַר אונדז דאָס גאַנצע יידישע לובלין, דאָס פולסירנדיקע, פאַרבנדרייכע, אייגנאַרטיקע יידישע לעבן. דאָס קבר איז אַ סימבאָל, אַ מיניאַטור־סימבאָל פון דעם גאַנצן לובלינער אומגעקומענעם יידישן ישוב.

עס טויכט אויך אויף פאַר אונדז דער גאַנצער וועג פון צער, פיין, ליידן, בזיונות וואָס איר זייט דורכגעגאַנגען ביז דער לעצטער מינוט פון טויט: קאָנטריבוציעס; צוואַנגאַרבעט; פריער געשלאָגן פאַר נישט בוקן זיך פאַר די רוצחים און שפעטער געשלאָגן — פאַר יאָ בוקן זיך; אַרבעטס־לאַגערן, פאַרשלאָסן אייך אין געטאָ, ווו איר זייט געווען פאַרמשפט אויף הונגער, טיפוס, טובערקולאָז און אַנדערע אָנשטעקנדע קראַנקהייטן, ביז — — — —

ביז ס'איז געקומען דער טאָג פון 17טן מערץ 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון אויסזידלען קיין בעלזשעץ. מען האָט אייך געגנאַרט מיט אַרבעטס־שיינען, נוץ־יודען־שיינען. מען האָט ביי אייך צוגערויבט אייערע פרויען און געליבטע. איר האָט געמוזט צוזען, ווי מען ברענגט אום אייערע קינדער. שפעטער איז געקומען מיידאַן טאַטאַרסקי און דערנאָך — — — — — דער טויט פון אַלע, אַלע, אַלע!!!

פון 17טן מערץ ביז דעם 9טן נאָוועמבער 1942 האָט געדויערט דער פראָצעס פון אומברענגען אייך.

צי קאָן עמעצער משיג זיין, וואָס איר זייט במשך דער צייט דורכגעגאַנגען? צי וועט זיך געפינען ווען אַ משורר, אַ קונן, וואָס זאָל קאָנען מיט ווערטער איבערגעבן דעם ים פון צער, ליידן, דערנידערונגען, וועלכע איר זענט דורכגעגאַנגען, ביז איר האָט אייערע הייליקע נשמות אויסגעהויכט?

מיר זענען אייך אַלע היינט מזכיר:

— מיר זענען מזכיר די לומדים, רבנים, רביים, די נאָכפאָלגערס פון ר' שלום־שכנא, מהר"ם, מהר־ש"ל, אייזערנער קאָפּ, חוזה מלובלין און אַנדערע גדולים.

— מיר זענען מזכיר די יידישע אינטעליגענץ, דאָקטוירים, פראָפעסאָרן, וואָס האָבן מיט זייער וויסן געוואָלט די וועלט באַרייכערן.

— מיר זענען מזכיר די יידיש משכילים, וואָס האָבן געוואָלט שענער מאַכן דאָס יידישע לעבן.

— מיר זענען מזכיר די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אַ בעסערער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

— מיר זענען מזכיר די חסידישע, שבת־יום־טוב־יידן אין די זיידענע זשופיצעס.

— מיר זענען מזכיר די יידישע סוחרים, האַנטווערקער, האָרעפאַשניקעס, יידישע טרעגער, קצבים און אַנדערע.

— מיר זענען מזכיר די תלמידים פון ישיבות חכמי לובלין און אַנדערע חסידישע ייִנגעלייטלעך, די איידעלע, רוחניותדיקע בחורימלעך, וואָס האָבן געבענקט צו מענטשן־אויסלייזונג דורך ביאת המשיח.

— מיר זענען מזכיר די מאָדערנע יידישע יוגנט, די רעוואָלוציאָנערע, אימפולסיווע, קעמפערישע, וואָס האָבן געשמאַכטעט אין תפיסות, קאַרטוז־בערעזאַ, כדי צו ברענגען פרייהייט פאַר דער מענטשהייט.

— מיר זענען מזכיר די יוגנט פון די ציוניסטישע פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געריסן צו פאָלקסבאַפרייאונג דורך בויען אַן אייגענעם מקום־מקלט.

— מיר זענען מזכיר די יידישע פרויען, מאַמעס און טעכטער, די באַחנטע, איידעלע, וואָס מען האָט זיי אין די יינגע יאָרן פאַרשניטן פון דער וועלט.

— מיר זענען מזכיר די תינוקות של בית רבן, די קליינע משהלעך, שלמהלעך און יאָסעלעך.

— מיר זענען מזכיר די פיטשענקע עופהלעך, וואָס מען האָט זיי אַוועקגעריסן פון די מאַמעס ברוסטן און זיי געוואָרפן אין די גאַז־אויוונס.

— מיר זענען מזכיר דאָס פערטל מיליאָן יידן פון דער גאַנצער לובלינער וואָיעוודשאַפט, וואָס איז אומגעקומען על קידוש־השם.

מיר בויגן פאַר זיי דעם קאָפּ און שרייען אויס: שפוך חמתך על הגוים, אשר לא ידועך, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען דאָס רעכט אויף לעבן פאַרן יידישן פאָלק, אשר אָכלו את יעקב, וואָס האָבן פאַרברענט יעקבן אין בעלזשעץ, מיידאַנעק, סאָביבאָר, טראַווניק, פאָניאַטאָוו און אַנדערע. זאָל אויף זיי קומען גאָטס צאָרן.

מיר, די לעבן־געבליבענע, נעמען אויף זיך די התחייבות: קיינמאָל אין דעם נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט מוחל זיין.

**על שינוי הכתובת —**

נא להודיע למזכירות

ארגון יוצאי לובלין בישראל

**תל־אביב, דיזנגוף 158.**

# חורבן לובלין

משה זילבערבערג

דייטאָן, פאַר. שטאַטן

## 2

די גאַסן פון לובלין, וועלכע זענען פריער געווען פאַר פלייצט פון מענטשן — ווערן פלוצלינג אויסגעליידיקט. אין שטאָט פאַרשפרייטן זיך קלאַנגען, אַז פרעזידענט מאָשציצקי מיט דער רעגירונג זענען אַנטלאָפן, און אַ גרויסער טייל פון פוילן איז שוין פאַרנומען פון די דייטשן. די פוילישע און יידישע פרעסע פון וואַרשע, וואָס האָט דערגרייכט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אין לובלין, ווי אויך די לובלינער ציישונג, דערציילן וועגן די מפלות אויף די שלאַכט־פעלדער. אין די אַרטיקלען ווערט געשריבן וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן די שטעט פון שונא. ביינאַכט ווערט די גאַנצע שטאָט באַלויכטן מיט רעפלעקטאָרן, דערנאָך קומט אַ שווערע קאַנאָנאַדע פון דייטשן מיליטער. אַ ציטערניש נעמט אַרום די איינוווינער פון שטאָט... עס דוכט זיך, אַז נאָך איין מאָמענט און מיר וועלן אַלע איינגעזונקען ווערן אין דער ערד.

אַ גאַנצע נאַכט געווען אויף דער וואַך. נישט אויסגעטאָן און נישט געוואַשן זיך, נישט געגעסן, נאָר געוואַרט, אַז ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו דעם קאָשמאַר, צו דער באָמבאַרדירונג און באַשיסונג. דער הימל איז העל באַלויכטן. די נאַכט האָט זיך געענדיקט, נאָר ווידער הערן מיר אַ שיסעריי, דערנאָך — אַ שווערן גאַנג פון אַרטילעריע און לאַסט־אויטאָס. די דייטשע זעלנער, מיט העלמען אויף די קעפּ, באַווייזן זיך אין שטאָט. זיי רייסן אויף די געשעפטן פון עסנוואַרג, טרינקען פלעשער וויין און אַמוזירן זיך, שיסנדיק אין דער לופט...

דעם 18טן סעפטעמבער 1939, האָבן די דייטשן אַריינמאַרשירט אין לובלין — און די פוילישע מיליטער־לייט, וואָס זענען פאַרבליבן אין שטאָט, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די מונדירן און לויפן דורך זייטיקע גאַסן און געסלעך, כדי זיך אָנצושליסן אין די וועלדער אין די קאַמפּס־אָפּטיילונגען, וועלכע אָפּערירן נאָך אין דער געגנט. די דייטשישע זעלנער באַווייזן זיך אין די הויפן און פאָדערן אויף די מענער פון 12 ביז 60 יאָר זיך צונויפצוזאַמלען אויף דעם פלאַץ פון דער קראָקעווער פאַרשטאָט. צענדליקער טויזנטער יידן און קריסטן זעט מען דערנאָך אויף דעם פלאַץ פון די קאָשאַרן פון געוועזענעם אַכטן פאָלק. דאָס אָרט איז אַרומגעשטעלט מיט דייטשיש מיליטער און האַרמאַטן־לופעס זענען אָנגעצילט אויפן פאַרזאַמלטן עולם. אַלע ווערן אויפגעפאָדערט צו זעצן זיך אויף דער ערד און זיך פאַרהאַלטן רואיק. פון צייט צו צייט באַרואיקן דייטשישע זעלנער די מאַסן פאַרזאַמלטע: „האָט נישט קיין אַנגסט, איר וועט אַלע באַפרייט ווערן, ווען אין שטאָט וועט זיין רואיק און קיין געוואַלדטאַטן קעגן אונדזער מיליטער וועלן נישט פאָרקומען”. צוויי בייטאָג ווערן אַלע אויפגעפאָדערט זיך אויפצושטעלן. די עלטערע, איבער פופציק יאָר, ווערן באַפרייט; די יינגערע מוזן פאַרבלייבן.

פאַרנאַכט ווערן מיר אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און מויערן. אויפן וועג באַגלייטן אונדז זעלנער אויף פערד, זייערע ביקסן אָנגעשטעלט אויף אונדז. אַ שווערע קאַנאָנאַדע הערט זיך אין דער לופט. די פרויען מיט די קינדער וואָס זעען אונדז פירן, אויך אַ טייל פון די פאַרהאַלטענע — האָבן געוויינט... די נאַכט־פינצטערניש, די שטרענגע באַוואַכונג און שטאַרקע שיסעריי, האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. פיל יידן, מאַרשירנדיק, האָבן געשעפטשעט: „שמע ישראל”. מיין ברודער צבי־דוד האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און געפרעגט: „צי גייען מיר נישט דעם לעצטן מאָל דורך די לובלינער גאַסן?” ער האָט פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן אַנטלויפן, אָבער צוליב דער שטאַרקער שמירה, איז דאָס געווען אוממעגלעך. נאָך אַ לאַנגן מאַרשרוט זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ צווייטן אָרט, ווו מ׳האָט אונדז געצוווּנגען אַ גאַנצע נאַכט צו זיצן אויף דעם נאַסן גראָז. מיר האָבן געזוכט וועגן צו אַנטלויפן, אָבער אַלע מאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ דייטשישן זעלנער, וואָס האָט געשאָסן אין אונדזער ריכטונג.

אין צרות און פיין זענען מיר דערקראָכן צו אַ געביידע און דערזען הונדערטער מענטשן ליגן אויסגעצויגן אויף דעם שמוציקן דיל, אויסגעשפרייט מיט פאַפּירענע בייטלען פון צעמענט. מיר האָבן פרובירט איינשלאָפן, ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך צוליב די געשרייען און זידלערייען מיט דער „פערלדיקער” שפּראַך פון דער פוילישער אונטערוועלט. דער עיקר האָט פאַרדראָסן, וואָס מיר זענען איינגעוויליק אַוועק צום שונא, נישט געטראַכט פריער ווי גרויס ס׳איז די געפאַר. אין מוח זענען דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע געדאַנקען פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, פונעם פאַרהעלטנישמעסיקן רויקן לעבן אינעם אַנטיסעמיטישן פוילן, און דאָ — געפאַרן, שרעק און אפשר טויט. זעט אויס, אַז אונדזערע פאָרגעפילן זענען נישט געווען איבערגעטריבן.

צומאָרגנס, דעם 19טן סעפטעמבער, ווען עלטערן, פרויען און קינדער זענען געקומען ברענגען עסן פאַר די אינטערנירטע, האָבן אין שטאָט זיך באַוויזן מעלדונגען, אַז די יונגע מענער פאַרהאַלט מען ווי ערובניקעס, כדי צו גאַראַנטירן רו און אָרדענונג אין שטאָט. וועט די באַפעלקערונג זיך רואיק אויפפירן, עפענען די געשעפטן און נאָרמאַל אַרבעטן, וועלן די פאַרהאַלטענע באַפרייט ווערן אין די נאָענטסטע טעג. אין פאַל ווען ס׳וועלן פאָרקומען איבערפאַלן אָדער אַטענטאַטן אויף די דייטשן, וועלן די מענער דערשאָסן ווערן. צום גליק, הערשט אין שטאָט פולשטענדיקע רו, די געשעפטן ווערן ביסלעכווייז געעפנט, די באַפעלקערונג באַוויזט זיך אויף די גאַסן און די מענטשן ווערן ביסלעכווייז באַפרייט. דאָס דייטשע מיליטער האָט אין אָנהייב נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן יידן און פאָלאַקן. נאָר דענונציאַציעס פון די פוילישע אַנטיסעמיטן, כדי נושא חן זיין ביים אָקופּאַנט, האָבן צוגעאיילט דעם פּראָצעס פון אָפּצוטיילן די פאָלאַקן פון די יידן.

אין דעם טאָג פון אונדזער באַפרייאונג פון לאַגער, זענען די פאָלאַקן געקומען מיט דייטשישע זעלנער, אַראָפּגעצויגן פון די פאַרהאַלטענע יידן שיינע אָנצוגן, שיך, שטיוול, צוגענומען געלט און זייגערלעך. די יידן גייען אַהיים, נאָר באַקומען צו קלעפּ מיט באַליידיקונגען — „פאַרפלוכטע יודען”.

די ערשטע צוויי חדשים איז די יידן אין לובלין נישט געווען אַזוי שלעכט אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַכט: דער האַנדל האָט זיך געפירט מיט טאַבאַק, סאַכאַרין, לעדער, שניט־סחורה, וואַלוטע. יידן זענען געפאָרן פון שטאָט און שטעטל, פאַרדינט נישט שלעכט. אַ טייל יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון לובלין אויף די פאַרנומענע געביטן פון די רוסן, זענען צוריק

געקומען קיין לובלין און אין די שטעטלעך פון לובלינער געגנט. נאָך אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. לובלין איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער ס. ס.

דער ספּאָרט־פּלאַץ פון געוועזענעם פּוילישן מיליטער־קלוב „אוניא״, איז געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון יידן, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט צו צוואַנג־אַרבעט. די פאַראָרדענונגען פון גענעראַל גובערנאַטאָר האַנס פראַנק, האָבן געלויטעט: „יידישע מענער פון 16 ביז 60 יאָר זענען פאַרפליכטעט צו אַרבעטן פאַר דער דייטשער מאַכט. די פאַראָרדענונג איז אויף צוויי יאָר. מיט ציניזם האָט די דייטשע „קראָקעווער ציימונג״ אונטערגעשטראָכן: „דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, וועלן יידן ווערן פּראָדוקטיוויזירט, און זיין נוצלעך פאַר די אַרומיקע פעלקער. די געשיכטע וועט דאַנקען דער דייטשער מאַכט, וואָס האָט די יידישע פאַראַזיטן פאַרוואַנדלט אין אָנשטענדיקע און פּראָדוקטיווע מענטשן״.

ס׳איז נאָמינירט געוואָרן אַ יודענראַט, פון די געוועזענע יידישע פרנסים, לויט דעם אַלטן פאַרטייאישן שליסל, מיט אינזש׳ בעקער און ד״ר מ. אַלטען בראש. דער יודענראַט איז געוואָרן אַ מאַריאָנעטקע. די דייטשן האָבן טעראָריזירט די מיטגלידער פון יודענראַט אויף טריט און שריט, געפאָדערט צושטעלן יידן צו צוואַנגאַרבעט, געלט, סחורות און אַלץ וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. יידן זענען געוואָרן הפקר — און דער יודענראַט האָט, ליידער, נישט געקענט עפּעס אויפטאָן לטובת די אונטערדריקטע קרבנות... פאַראָרדענונגען פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק האָבן אויפגעצוווּנגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג צו טראָגן אַרעמבענדער מיטן מגן דוד אויף די הענט.

די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. טאָגטעגלעך האָבן טויזנטער יידן געמוזט זיך צושטעלן צו דער אַרבעט— און הונדערטער זענען געכאַפּט געוואָרן פון די דייטשע „היצלעס״, וואָס האָבן געפייניקט און געשלאָגן זייערע קרבנות. די אַרבעט פון די יידן איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע: פאַכמענער און בעלי־מלאכות האָבן אויף ליפּאָווע, אין די געשעפטן פון שניידעריי, שוסטעריי, עלעקטראָטעכניק, טישלעריי און אַנדערע, געהאַט דאָרט באַשעפטיקונג. די פאַכלייט זענען געווען די גליקלעכסטע אין שטאָט, ווייל מ׳האָט זיך געפונען אין וואַרעמע וואַרשטאַטן, אַפילו נישט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. דאַקעגן די געכאַפּטע, אָדער פרייוויליק צוגעשטעלטע, זענען ברוטאַל באַהאַנדלט געוואָרן. זיי האָבן געמוזט שווער אַרבעטן, ווי: טראָגן ציגל, פירן שטיינער, האַקן שטיינער, טריקענען זומפּן — אונטער דער אויפזיכט פון פאָלקס־דייטשן, וואָס האָבן געשלאָגן, רעווידירט די מענטשן און צוגערויבט וואָס ס׳האָט זיך געגלוסט.

איינמאָל האָב איך בייגעוווינט אַן אינצידענט אויף ליפּאָווע 7. אַ גרופּע יידישע פרויען און מיידלעך זענען געכאַפּט געוואָרן אין גאַס און מ׳האָט זיי געבראַנגט אַהין. זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן אויסצוטאָן זייער אונטערוועש און רייניקן מיט דעם די שמוציקע שטיינער. ווען אַ טייל מיידלעך האָבן נישט געוואָלט אויספילן דעם סאַדיסטישן באַפעל, זענען זיי מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן מיט אַ רימען. נאָך אַ טאָג פון מאַטער און פּיין, זענען זיי אין אָוונט באַפרייט געוואָרן מיט צינישן געלעכטער און זידלערייען...

(המשך קומט)

# משפט מיידאנק אינו מעניין את הגרמנים

**תום שגב**

**אינגריד מילר, כתבת בכמה עתונים יומיים במערב גרמניה, קימטה את דפי הרשימות שלה והשליכה אותם לסל. „עוד יום מבוזבז״, נאנחה בפנותה אל עתונאי ישראלי שישב לצידה. „אני מקנאה בך — אמרה — לך המשפט הזה משמש חומר לכתבה. ממני לא יקנו את זה. אצלנו אין איש מתעניין בפשעים נאציים״.**

העתונות הגרמנית דיווחה רק על יום פתיחתו של משפט מיידאנק. עשרות כתבים ושדרני טלוויזיה היו שם. הם הסתערו מכל עבר על תשעת הגברים ושש הנשים העומדים לדין על חלקם בהשמדתם של לפחות רבע מיליון יהודים בתקופת מלחמת העולם השניה. הנאשמים ניסו להסתתר מאחורי עתונים, תיקי קרטון או גלימותיהם השחורות של סניגוריהם.

„זו השחיטה הגדולה״, העיר סניגור אחד בעוינות ושותפו ניחם אותו: „אל דאגה, בעוד יום או יומיים נישאר פה לבדנו. העתונאים יסתלקו״. ימים אחדים עוד באו לאולם כתבי עתונים זרים היושבים בגרמניה; אחר כך נעלמו גם הם.

אינגריד מילר היא בת עשרים ושמונה. היא משתייכת לדור שלמד על השמדת היהודים בבית הספר. כמחצית מתושבי גרמניה־המערבית נולדו כמוה אחרי המלחמה. „לא למדנו הרבה על רדיפת היהודים, אך כללית אנחנו יודעים כמובן מה שקרה״. היא אומרת. אביה, חבר המפלגה הסוציאל־דמוקרטית, איבד את משרתו בעלות הנאצים לשלטון. אמה אינה מבינה דבר בפוליטיקה.

„לא היה לי במה להאשים את הורי. בין חברי היו כאלה שהוריהם היו חברים במפלגה הנאצית ואפילו ב־ס״ס. הם שאלו את הוריהם שאלות, אבל לא קיבלו תשובות״.

בהפסקה פותחת אינגריד מילה בשיחה עם אחת הנאשמות, הילדגארד לקרט, בת 55, שהיתה משגיחה על אסירות במיידאנק ונאשמת ברצח 1,196 אסירים ובסיוע לרצח 203 אחרים, לרבות ילדים רבים שקרעה מזרועות אימותיהם.

## הניצולים יעידו

כמה מניצולות מיידאנק, וביניהם אסתר רוכפלד ויננה לאטוביץ מתל־אביב, מרילה רכט מרמת־גן ורחל שטראוסר מחולון — יעידו במשפט על מעשי אכזריות מסמרי־שיער שביצעה הנאשמת .היא נהגה לרצוח נשים בהצלפות שוט. פעם אחת שיסתה כלב זאב באסירה הרה והוא קרעה לגזרים.

בשיחה עם העתונאית הצעירה אומרת הילדגארד לקרט שאיננה מבינה כלל על מה הועמדה למשפט. כשהיא מזהה בחברת הכתבת הגרמניה גם עתונאי ישראלי, היא אומרת שתמיד היו בין ידידיה יהודים. אחרי רצח הספורטאים הישראלים במינכן, היא טוענת, באה אל בית הקהילה היהודית וחתמה שם בספר התנחומים, ועד היום, בפוגשה את „הרב שלנו״, הוא מברך אותה לשלום.

היא אשה חסונה ששיפעת שערה המאפיר אסוף מעלה

בתסרוקת קפדנית. פניה אטומי מבע, אך כשקראו בבית המשפט פרטים על הזוועות המיוחסות לה, פרצה בבכי.

הילדגארד לקרט נולדה בברלין. אביה, מסגר, לא היה נשוי לאמה. היא למדה שמונה שנים בבית ספר עממי. בגיל 14 נשלחה ללמוד תפירה. שנה לפני כן עלו הנאצים לשלטון. אחר־כך עבדה כפועלת בבית־חרושת לנשק ובמפעל „היינקל" לייצור מטוסים. תקופה מסויימת הועסקה גם כמטפלת בבית חולים צבאי.

בשנת 1939 ילדה בן ושנתיים אחר־כך בת — ללא נישואים. בראשית אפריל 1942, נשלחה מטעם לשכת העבודה למחנה הריכוז לנשים ראוונסברוק ושם הכשירו אותה לתפקידי השגחה. כעבור חודשים אחדים הועברה עם תשע נשים אחרות למחנה ריכוז חדש — מיידאנק.

כשנה אחר שהגיעה למחנה פוטרה משום ששוב הרתה. אולם אחר־כך הועסקה מחדש במחנות אחדים עד לסיום המלחמה.

## „לא הייתי מלאך"

במארס 1946 נסעה לאוסטריה לבקר אצל ארוסה, נאסרה שם והוסגרה לפולין. שם נדונה ל־20 שנות מאסר על פעילותה ב־ס"ס, כעבור 10 שנים קיבלה חנינה וחזרה לגרמניה. כשנה וחצי התגוררה במוסדות קליטה ובמחנות־מעבר, ולבסוף התגלגלה להיידלברג ועבדה שם כפועלת נקיון בבית־בושת.

מדי פעם הניחה המשטרה ידה עליה ואז הובאה למשפט ונענשה בקנסות. לפני שנתיים החלה לעבוד בבית חרושת ושם היא מועסקת עד היום. ילדיה מתגוררים במזרח ברלין.

„אולי באמת לא הייתי מלאך, אומרת האשה שכונתה בפי האסירות „צמאת דם". „הייתי צעירה ועצבנית. למי זה עוזר שגוררים אותי מחדש לפני שופט?" היא שואלת את אינגריד מילר.

יחד עם הילדגארד לקרט יושבות על ספסל הנאשמים חמש נשים אחרות שהיו כמוה משגיחות במיידאנק. כולן נאשמות בביצוע מעשי זוועה הריגים. אחת היא הרמינה ראיין, שנישאה אחרי המלחמה לחייל אמריקני, עברה עימו את האוקיינוס והוסגרה לפני שלוש שנים חזרה לגרמניה. הנאשמת אלסיט אורלובסקי היא בת 72. לפני שנים אחדות הובאה לפני שופט משום שהשמיעה בפומבי קללות אנטישמיות. הנשים בולטות בין הנאשמים וגם מרבית העדים יהיו נשים. כמה מאות מהן תבואנה ממדינות חוץ, לרבות בריה"מ וארה"ב.

משפט מיידאנק הוכן כעשר שנים. חומר העדיות משתרע על פני 19 אלף עמוד המכונסים ב־79 כרכים. כתב האישום מחזיק למעלה מ־500 עמוד.

## משפט אחרון

משפט מיידאנק יהיה ככל הנראה האחרון מסוגו, להוציא כמה משפטים קטנים יותר הנערכים עתה נגד פושעים נאציים בערים שונות בגרמניה. בחמש השנים הראשונות אחרי מלחמת העולם השניה נדונו 806 פושעים נאציים למוות בבתי דין של בעלות הברית, 486 מהם הוצאו להורג. מערב־גרמניה החלה להעמיד פושעים נאציים למשפט רק בשנת 1958. בסך הכל הואשמו עד כה כ־800 איש ברצח — 542 מהם הורשעו, 115 נידונו למאסר עולם (בגרמניה לא קיים עונש מוות). רבים מהם שוחררו בינתיים.

במילים אחרות, רק מעטים מהפושעים הנאציים הובאו לדין, שהרי בסמוך לסיום מלחמת העולם השניה שירתו במחנות ריכוז נאציים למעלה מ־37 אלף גברים ויותר מ־3.000 נשים.

אילו היתה אפשרות חוקית להימנע מעריכת משפט מיידנק היו מנצלים אותה ברצון. המשפט, שיימשך לפחות שנתיים ואולי יותר, עולה למשלם המיסים הגרמני למעלה מ־30 אלף מרק ביום. הוא מתנהל כמשפט רצח רגיל ואין עושים דבר להקל על העתונות לסקרו. להיפך, כתבים זרים מתרשמים שהשלטונות הגרמניים משתדלים שהנאמר במשפט יישאר ככל האפשר בין כותלי בית הדין.

כתב האישום, למשל, אסור בפירסום. בבית־המשפט אין קוראים אותו במלואו אלא רק בנוסח מקוצר. פירוש הדבר, שתולדות חייהם של הנאשמים ופרטי מעשיהם ידועים רק לתביעה, לסניגוריה ולבית המשפט, והציבור הרחב אינו יכול לדעת במי מדובר ובמה מואשמים.

## מה דחף?

התובע, ד"ר רודולף גרלין, אומר שעל פי החוק הגרמני אין מפרסמים את פרטי האישום כדי למנוע מן העדים לדעת מראש במה מדובר. האיש, העומד בראש מרכז לחקר פשעי הנאצים בקלן טוען כי החוק מחייב אותו לא להבדיל בין רצח לרצח, ומשפט פושע נאצי חייב להתנהל על פי אותם כללים התופסים בכל משפט אחר.

אביו של התובע נהרג במלחמת העולם השניה, והוא אומר כי לא אחת הירהר מדוע התגלגלו אנשים לשיטת הזוועות במחנות הריכוז — מה דחף אותם? מה גרר אותם? מה נתן להם כוח לעמוד בתפקידים שביצעו? ההיו סאדיסטים, רובוטים צייתנים, סתם מנוולים? ד"ר גרלין טרם מצא תשובה.

המשפט, הנערך 30 שנה אחרי ביצוע הפשע, היה מאפשר לחברה הגרמנית לברר לעצמה את השאלות האלה, שנותרו עד היום ללא מענה אף שכ־50 אלף ספרים כבר נכתבו על המשטר הנצי, על מלחמת העולם, על השואה. אולם המשפט לא יברר שאלות אלה ובמקום זאת יתרכז בוויכוחים מייגעים ובפרטים שאינם מוסיפים ואינם גורעים.


**בני לובלין בבניין הארץ**

זכרונות של יוצאי עירנו על השתתפותם בהקמת מדינת ישראל — בקיבוץ, במושב, ובעיר, נפרסם בחוברת מיוחדת „קול לובלין", שתופיע לקראת הכנס העולמי השני של לובלינאים, באפריל־מאי 1978.

את החומר לשלוח בהקדם:

ארגון יוצאי לובלין, דיזנגוף 158, תל־אביב.





teatrnn.pl

# א יידישע שטאט אומגעקומען על קידוש השם

זעליג וואסערשטרום / ניו־יארק

לובלין איז אן אלטע פוילישע שטאט. זי האט שוין עקזיסטירט אין 13־טן יארהונדערט. אין יענער צייט איז געקומען א וואנדערנדיקע גרופע יידן מיט זייערע פאמיליעס, געראטעוועטע פון די שפאנישע אינקוויזיציעס און דייטשישע קרייץ־צוגן. זיי האבן געבעטן א דערלויבעניש ביים קעניג זיגמונט, צו באזעצן זיך אויף דער פוילישער ערד, אין דער שטאט לובלין. זיי האבן באקומען אזא דערלויבעניש, — אבער ארום לובלין, נישט אין שטאט. די יידן האבן זיך איינגעארדנט און א דאנק זייערע פעיקייטן, שנעל זיך אנטוויקלט.

סוף 13טן און אין 14טן יארהונדערט, איז שוין די יידישע קהילה פון לובלין באקאנט און בארימט מיט איר גרויסקייט. אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יארהונדערט, האט שוין די יידישע קהילה איר זיץ־ארט און דעם ערשטן יידישן בית־עולם אין לובלין. ווי אלע יידישע געמיינדעס אין פוילן, האט אויך די לובלינער זיך באמיט צו באקומען די זעלבע רעכט און פריווילעגיעס. דעם ערשטן רעכט־סטאטוס האבן לובלינער יידן באקומען דעם 27־טן פעברואר 1523, פאר די גוטע ארבעטן פארן קעניגלעכן שלאס, פאר רייניקן דעם טייך ארום דעם שלאס און דערהאלטן די דאמבעס.

מיט דער צייט ווערט לובלין א גרויסער האנדלס־צענטער, ווו עס קומען פאר ירידים, צו וועלכע עס פארן זיך צונויף סוחרים פון א סך לענדער. אויף אזא אופן איז אויסגעוואקסן א רייכע יידישע געמיינדע, מיט א פארצווייגטן יידישן ישוב. דער פוילישער באפעלקערונג געפעלן נישט די יידישע קאנקורענטן און מען טראגט אריין אן אנקלאגע אין קעניגלעכן געריכט, אז די יידן האבן פארכאפט דעם גאנצן האנדל. דעם 30סטן דעצעמבער 1521, אויף א סיים־זיצונג אין פיעטריקאוו, גיט דער קעניג ארויס א פארבאט די יידן צו האנדלען. עס ווייזט זיך שפעטער ארויס, אז דער אורטייל איז נישט געווען ריכטיק — און מען דערלויבט די יידן ווייטער צו פירן זייער מסחר. די קריסטלעכע באפעלקערונג האט אבער נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז אויך יידן דארפן לעבן. דער קאמף איז אנגעגאנגען צענדליקער יארן.

אין צווישן־צייט האבן די יידן זיך אנגעהויבן אויסברייטערן, א סך האבן שוין דירות נאענט צו דער שטאט, ארום דעם שלאס־בארג, אויף א פייכטן, זומפיקן באדן. אין יאר 1550 האבן זיי פארהאנדלט ביים שלאס־סטאראסטע פון לובלין א שטח, כדי אויפצושטעלן א שעכטהויז און א הקדש. דערצו האט דער סטאראסטע זיי געשענקט א דריטל פונעם בארג, ווו ט'האט זיך געפונען דער יידישער בית־עולם. דעם 11טן נאוועמבער 1557 האט דער יידישער מעדיקער, ד"ר יצחק מאי, געקויפט ביים זעלבן סטאראסטע א שטיק באדן, לעבן דעם טייך ביים שלאסבארג, ווו די קהילה האט אויפגעבויט א ישיבה און א שיל. די שיל איז געווען א גרויסער, מאסיווער בנין, וואס האט באקומען דעם נאמען נאך דעם ערשטן ראש־ישיבה פון לובלין, ר' שלמה לוריא (מהרש"ל שיל). אין דעם בנין איז מיט א צייט שפעטער איינגעארדנט געווארן א צווייטע, קלענערע שיל, אויפן נאמען פון דעם גאון ר' מאיר בן גדליה מלובלין (מהר"ם שיל). אזוי האט זיך ביסלעכווייז אויסגעברייטערט די לובלינער קהילה און שוין געהאט אירע שילן, בתי־מדרשים, א ישיבה און צדקה־אנשטאלטן. מיט א צייט שפעטער האט מען אויך אויפגעשטעלט הייזער — און ס'איז געווארן א פולער, אנגעזעענער יידישער ישוב. דער קעניג זיגמונט אויגוסט האט דורך א ספעציעלער פריווילעגיע (אין יאר 1568) פארזיכערט די יידישע רעכט.

ווען די יידן זענען געקומען קיין לובלין — ווערן אנגעגעבן פארשידענע דאטעס: דער היסטאריקער, א לובלינער מוכר־ספרים ר' שלמה ברוך ניסנבוים האלט, אז דער ישוב האט זיך אנגעהויבן אין יאר 1396, א דאנק דער ליבעראלער באציונג פון דעם פוילישן קעניג קאזשימיעזש ווילקי, וואס האט זיי אפגעגעבן דאס ארט פיאסקי, נישט



„הכוח" לובלין ב־1927/8

דער ספארט־קלוב „הכוח" אין לובלין, אין 1927/8.
דאס בילד האבן צוגעשיקט:
א. פוקסמאן (טורקעלטאוב) פון חיפה און גרינבערג
(פאר. שטאטן).

ווייט פון לובלין. אין פארלויף פון א קנאפע 70 יאר, האבן אבער די יידן נישט געהאט דארט קיין מנוחה. אין יאר 1568 ווערט פארעפנטלעכט א קעניגלעכער אקט, וואס באשטע־טיקט זייערע רעכט און פריווילעגיעס. יענעם יאר האט דער ישוב אין לובלין געשפילט א וויכטיקע ראל. זיין השפעה איז געווארן גרויס אויפן גאנצן פוילישן יידנטום. אין לובלין זענען דאן געווען די בארימטע פרנסים, וואס האבן אנגעפירט מיט דעם ועד ד' ארצות. די גרויסע גע־שעענישן פלעגט פארקומען בעת דעם יאריד אין לובלין. די פארזאמלונגען פון די פרנסים פון עטלעכע לענדער, זענען פארגעקומען צוויי מאל א יאר. זיי פלעגן זיין די שופטים פון גאנצן פוילישן יידנטום. די פארזאמלונג האט אין יאר 1559 אויך געגעבן די הסכמה צו עפענען אין לוב־לין די ערשטע יידישע דרוקעריי.

אין יענער צייט האט זיך לובלין בארימט געמאכט מיט די גאוני וגדולי הדור, ווי: הרב פאלאק, דער חוזה מלוב־לין; דער אייזערנער קאפ, דער בארימטער ר' שכנא בן יוסף.

סוף פון 16טן און אנהייב 17טן יארהונדערט, האבן גע־לעבט אין לובלין די דאקטוירים שלמה לוריא און שמואל מתתיהו און דאקטער משה מאנטאלטא, געשטאמט פון די מאראנען. די יידישע קהילה אין לובלין האט שוין געהאט אן אייגענע קאנסטיטוציע, וועלכע האט זיך געשטיצט אויף די אזוי גערופענע גענעראל־פריווילעגיעס פון די פוילישע קעניגן. שטייערן האט מען געשלעפט ביי די יידן פון אלע זייטן, מען האט זיי נישט געלאזט רוען. ווי אין אלע שטעט, ווילן אויך אין לובלין די פוילישע צעכן נישט דולדן די קאנקורענץ פון די יידישע געשעפטן און האנטווערקער. עס קומט צו גוואלט־אקטן, געשלעגן און צום ראבירן יידישע געשעפטן און ווארשטאטן. אזעלכע איבערפאלן אויף די יידן פלעגן זיך איבערחזרן מיט אלץ וואקסנדיקער גרויזאמקייט. אין יאר 1646 זענען געטויט געווארן 8 יידן, 50 פארוואונדעט און 20 יידישע הייזער זענען אין גאנצן חרוב געווארן.

אזוי האבן יידן געלעבט אין כסדרדיקער שרעק. דער דער קאמף איז אנגעגאנגען הונדערטער יארן. דערנאך זענען געקומען נייע שלעק: דער איבערפאל פון די רו־סישע קאזאקן, מיט כמיעלניצקין בראש.

אין דער צייט פון דער צארישער הערשאפט, דערפילט דאס פוילישע פאלק דעם שטארקן דרוק פון צאריזם. עס הייבן אן בלאזן אנדערע ווינטן. דאס פוילישע פאלק בונ־טעוועט זיך קעגן די צארישע אקופאנטן. אויך יידן זוכן אנדערע וועגן אין קאמף. עס דערוואקסט א נייער גייסט אין יידישן לעבן. עס אנטשטייען יידישע ארבעטער־ארגאניזא־ציעס און וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס. דאס אלטע לובלין באקומט אן אנדערן אויסזען. אין יאר 1915, ווען די צארישע ארמיי איז געצוואונגען צו פארלאזן פוילן, פאר־נעמט עסטרייך לובלין.

אין יאר 1918, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה ענדיקט זיך און פוילן ווערט זעלבשטענדיק — איז דאס ערשטע — א פאגראמען־מארש אין די גרויסע שטעט אין פוילן קעגן דער יידישער באפעלקערונג. איך מיין, אז די לעבן גע־בליבענע לובלינער געדענקען דעם פרייטיק, ווען אונטער־געהעצטע אנטיסעמיטן האבן זיך א לאז געטאן אויף די יידישע גאסן צו רויבן און פאגראמירן. יידישע ארבעטער האבן געשטעלט א ווידערשטאנד און די פוילישע כוליגא־נעס זענען אנטלאפן — און האבן דאס געדענקט יארן.

קיין אינדוסטריעלע שטאט איז לובלין נישט געווען. עס האבן עקזיסטירט אייניקע פוילישע מעטאל־פאבריקן, ווו קיין יידן האט מען נישט צוגעלאזט. די יידישע באפעל־קערונג מוז דעריבער לעבן אן אייגן לעבן. יידן אנטוויק־לען א גוטן האנדל, פארשידענע מלאכות און צווייגן ארבעט. דאס לעבן איז שטארקער פון אלע בייזע געזעצן — און אזוי האבן יידן געלעבט איינער פון צווייטן.

די יידישע קהילה, וואס האט רעפרעזענטירט אונ־דזערע יידן, איז דעמאלט געווען שוואך פון אזוי פיל בלוט־אפצאפן, זי זאל קאנען א סך אויפטאן פאר דער יידישער באפעלקערונג. גאר שנעל האבן זיך די יידישע פארטייען אנטוויקלט און געווארן דער שטוס־קראפט אין לעבן פון דער יידישער לובלין. דאס איז געווען „בונד", פועלי־ציון לינקע און רעכטע, ציוניסטן, רעוויזיאניסטן, קאמוניסטן און אנדערע. אונדזערע טאטעס, וואס האבן זיך אין אנפאנג געשראקן, האבן זיך שנעל איבערצייגט, אז דער נייער דור איז נישט אראפ פון וועג, אז מיר היטן דאס יידישע לעבן עס זאל זיך אנטוויקלען וואס שענער און בעסער. נאר די יידישע באפעלקערונג קרעכצט אונ־טער דער לאסט פון די שווערע געזעצן און גרויסע שטיי־ערן; אנטיסעמיטישע העצעס און בויקאט־אקציעס; פאג־ראמען אין א ריי שטעט און שטעטלעך; דאס געזעץ קעגן יידישער שחיטה; פיקעטן ביי יידישע געשעפטן נישט אריינצולאזן קריסטן קויפן ביי יידן.

היטלער האט געהאט גוטע צוהעלפערס אויף אומצו־ברענגען דריי מיליאן יידן פון פוילן, וואס האבן גע־לעבט און זיך געמאטערט אין הונגער און נויט, קרוב טויזנט יאר אין יענעם לאנד. אזוי האט א יידישער ישוב אין לובלין געלעבט און געקעמפט פאר זיין עקזיסטענץ קנאפע אכט הונדערט יאר — און 40 טויזנט לובלינער יידן, צוזאמען מיט די זעקס מיליאן יידן אין אייראפע, זענען אומגעקומען על קידוש השם.

**נאר 30 ל״י**

איז הײ־יאר דער מיטגליד־אפצאל, צוזאמען מיט דער אויסגאבע „קול לובלין". — ווער עס וועט איינצאלן מערער — זאל אויף אים (א י ר) קומען א ברכה.

# „ליהודים אין קול" — אמר איש ה־ס. ס. ו„הזמיר" הומת...

## בית־משפט גרמני גובה בארץ עדויות מבת־עירנו שרה רוהר, נגד הפושע ארנסט גולק

**אבי בטלהיים**

**„ליהודים אין קול" — כך אמר בשנת 1942 איש הס.ס. ארנסט גולק, העומד בגרמניה לדין באשמת ביצוע כמה מעשי רצח. הוא אמר זאת במחנה עבודת הכפיה ליד לובלין, שעה שרצח — לטענת התביעה — צעירה יהודיה, ילידת וארשה, שנודעה כבעלת קול ערב להפליא. „הזמיר" — כינוה במחנה, בזכות שירתה היפה. שירה זו היוותה, לפי כתב האישום, את עילת הרצח.**

הרכב של בית המשפט המחוזי בהמבורג עושה בימים אלה בישראל וגובה בבית משפט השלום בתל אביב עדויותיהן של שתי נשים, שהיו עדות ראיה למעשי רצח שביצע ארנסט גולק, בן 68.

מעשי הרצח בוצעו בשנים 1942—1943 במקום עבודתו של גולק במחנה כפיה בנמל התעופה הישן של לובלין. גולק היה הממונה על החוק והסדר.

יחד עם גולק עומד לדין גם ממלא מקום מפקד אותו מחנה, אוגוסט היינריך בירמס, בן 66. בכתב האישום נזכרים כ־20 מקרי רצח, שבהם מואשמים השניים.

מחנה הכפיה שימש עד לפני מלחמת העולם השניה כנמל תעופה. לאחר כיבוש פולין הוקמו בו מחסנים שונים של הצבא ו־ס.ס.

יותר ויותר יהודים מן הסביבה — המחנה שכן מרחק קילומטרים ספורים מלובלין ומיידאנק — הועברו אליו לצורך עבודה. במשך הזמן נהפך המחנה לנקודת איסוף ומיון של רכוש ומלבושי היהודים, שהושמדו במחנות בלז'ץ וטרבלינקה.

לכאורה, לא יועד מחנה זה, שכונה גם: „מחנה לאגה־פלאשקיביץ", להשמדת יהודים. ואולם, ביוזמת מדור חקירת פשעי הנאצים במשטרת ישראל, נאספו עדויות ששימשו את התביעה הגרמנית, בהגישה את כתב האישום נגד גולק ובירמס.

רס"ר אריה אורבך, שהוא מופקד על חקירת תיק זה, סיפר, כי כעשרים עדים נסעו מישראל לגרמניה, כדי להעיד נגד שני הנאשמים. לדבריו, בעקבות תומר החקירה שליקט המדור לחקירת פשעי הנאצים, נעצרו בגרמניה ארבעה אנשי ס.ס. לשעבר, והוגשו כתבי אישום נגדם.

התביעה הגרמנית מפרטת בכתב האישום את כל אותן רציחות המיוחסות לגולק, על־פי עדויותיהם של ניצולי שואה.

במקרה אחד קרא הנאשם ליהודיה צעירה, תושבת קרקאו, שעבדה במיון בגדים משומשים של עצירים: „גשי הנה, חזירה יהודיה" — ואחר רצחה ביריות.

במקרה אחר הורה הנאשם למכונאי יהודי, שעליו לתקן מכונת תפירה תוך ימים מועטים, אחרת יהיה גורלו רע ומר. המכונאי לא יכול היה לעמוד בהוראה, מכיון שלא היו לו חלקי חילוף. או אז אירגן וביים גולק — לפי כתב האישום — לאותו יהודי תלייה, ובמהלך ה„הצגה" דחף לפתע את השרפרף עליו עמד המכונאי, וזה נפח את נשמתו.

באישום אחר מציינת התביעה, כי הנאשם תלה גבר יהודי ונער כבן 10. בזמן התליה נקרע החבל של אחד הקורבנות שלוש פעמים, עד שקרבנו מת.

סעיף אישום אחר קובע, כי הנאשם אילץ שני עצירים יהודיים להתפשט עירומים כביום היוולדם באמצע החורף, ולהתיישב בתוך מיכל שמולא במים. גולק ניצב ליד המיכלים עם מקל בידו, וחבט בשני היהודים כל אימת שניסו, במר יאושם, להיחלץ מן המיכל ולברוח. לבסוף מתו השניים.

במרכז עדויות השבוע עמדה עדותה של שרה רוהר, ששהתה תקופה קצרה באותו מחנה, והיתה עדת ראיה לשני מקרי רצח, שביצע ארנסט גולק.

גב' רוהר סיפרה, כי בעלה, שהיה רופא המחנה, נקלע לעמדה קשה מאד בגין עבודתו. מאחר שידע, כי גולק נוהג להעביר חולים ל„סנטוריום ביער סמוך", שם היה „גואלם" מיסוריהם על־ידי יריה בעורפם, נמנע מלאשר מחלות לכל אותם עצירים קודחים מחום, כדי לנסות בדרך זו להצילם ממוות. ואולם, יושבי המחנה, שלא ידעו מה מסתתר מאחורי מעשהו חשבו שהרופא משתף פעולה עם ה־ס.ס.

אולמו של שופט בית־משפט השלום בתל אביב, יהושע אברבך, אינו כתמול־שלשום בימים אלה. על דוכן השופטים, לבד מן השופט הישראלי, תופסים את מקומם שלושה שופטים גרמניים. באולם עצמו — מימין, התובע הגרמני, ומשמאל — שני עורכי דין, סניגוריהם של הנאשמים.

בתווך יושבת אשה קטנת קומה ולמודת תלאות. היא עברה שבעה מדורי גהינום, עד שהגיעה ארצה.

עתה ניצבת היא תחת חקירה צולבת, נרברת בעל כורחה בעברה, ומנסה לשחזר אותם ימים נוראים, כדי שאולי — אולי ייעשה דין צדק, אף באיחור של 34 שנים.

(„מעריב", 8.1.76).



דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער לובלינער שארית־הפליטה אין פוילן, וראָצלאַוו 1947.

כינוס ארצי ראשון של שארית הפליטה מלובלין, שהתקיים בוורוצלאב ב־1947.

# אַ באַזוך אין לובלין און אין וואַרשע — 1975

אהרון ניסענבוים / מאָנטרעאל

זייט איך בין מיט 11 יאָר צוריק געקומען קיין קאַנאַדע, בין איך מיט אַ יאָר צוריק, צום דריטן מאָל, געווען אין פוילן.

אין משך פון די דרייסיק יאָר נאָך דער מלחמה, האָט זיך פוילן נישט בלויז אויפגעבויט פון די חורבות, נאָר זי איז אַ סך שענער ווי פאַר דער מלחמה. איך בין דאָס מאָל נישט אַרומגעפאָרן אין אַ סך שטעט: געווען נאָר אין וואַרשע און אין לובלין. איך גלויב אָבער, אַז די שטעט קאָנען זיין מאָסגעבנד פאַר גאַנץ פוילן.

וואַרשע, וועלכע איז נאָך דער מלחמה געווען אַ באַרג חורבות און פאַכמענער האָבן געזאָגט, אַז עס דאַרף דויערן מער ווי הונדערט יאָר, זי זאָל זיך אויפבויען, האָט כמעט ליקווידירט אַלע חורבות.

אויך לובלין איז גרעסער און שענער ווי פאַר דער מלחמה. די פאָרשטעט בראָנאָוויץ, וואָליע, ביי דעם יידישן בית־עולם און נאָכן גאָרטן (סלאַווינעק), זענען פאַרבויט מיט 8—12 שטאָקיקע הייזער. אין די געשעפטן באַקומט מען אַלצדינג, אַ מאַנגל איז נאָר, פון צייט צו צייט, אין רינדערן פלייש. אויך דרום־פרוכטן קאָן מען באַקומען נאָר אין סעזאָן. ס׳איז אויך אַ מאַנגל אין דירות. אויב מען צאָלט איין אויף אַ דירה, מוז מען וואַרטן 7 יאָר, ביז מען באַקומט זי.

דעריבער איז נאָך אַ גרעסערער צער און ווייטיק, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס ס׳איז געוואָרן מיטן דריי און אַ האַלבן מיליאָניקן יידישן ישוב אין פוילן, בעת היינט זענען געבליבן צו עטלעכע הונדערט יידן אין לאָדזש, ווראָצלאַוו, קאַטאָוויץ, ליגניץ. אין די קלענערע ישובים, וווינען איינצעלנע אָדער אַ פאָר צענדליק יידן.

אין לובלין וווינען ביים היינטיקן טאָג פופציק יידן. עס עקזיסטירט ביי זיי אַ קולטור־פאַרבאַנד און אַ רעליגיעזע קהילה. זיי קומען זיך צוזאַמען יעדן פרייטיק־צונאַכטס, ווו זיי דאַווענען און עסן בציבור. זיי קומען זיך אויך צוזאַמען אין די יידישע יום־טובים, און, פאַרשטייט זיך, אין די ימים נוראים. סוכות האָט מען געדאַוונט אין דער פרי און אין אָוונט. עס זענען געווען 12 יידן, מען האָט געדאַוונט אין דעם בית־המדרש פון די „חברה נושאים" דאָרט האָט מען אויך געגעסן די יום טובדיקע סעודות.

לובלין האָט אַן אייגענעם שוחט. אין וואַרשע, לאָדזש און ווראָצלאַוו עקזיסטירן כשרע קיכן. אַ גרויסער פּראָבלעם איז דאָס אָפּהיטן די בית־עולמ׳ס. אָפיציעל פאַרנעמען זיך מיט די בעת־עולם׳ס די יידישע קהילות, אָבער זיי האָבן נישט קיין פאָנדן אָפּצוהיטן דעם בית־עולם, ווו עס ליגן הונדערטער טויזנטער יידן.

אין לובלין ווערט אַ טייל בית־עולם אויף דער אוניצקע גאַס געהאַלטן אין אָרדענונג, אָבער זיי זענען נישט בכח אָפּצוהיטן דעם גאַנצן בית החיים. אויך מיטן אַלטן בית־החיים זענען דאָ פּראָבלעמען. דאָרט זענען געבליבן עטלעכע היסטאָרישע מצבות, צווישן זיי — די מצבות פונעם רבין ר׳ שלום שכנא און פון חוזה פון לובלין. דאָס בית־עולם איז אַרומגעצוימט, אָבער צו די קברים קאָן מען נישט צוקומען, ווייל דאָס בית־עולם איז ווילד פאַרוואָקסן. לויט מיין מיינונג, וואָלטן די לאַנדסמאַנשאַפטן באַדאַרפט שאפן די סומעס, וועלכע זענען נייטיק אויפצוהאַלטן די בית־הקברותן.

אין לובלין וואָלט מען אויך באַדאַרפט פאַרזיכערן דאָס בית־המדרש, עס זאָל נישט חרוב ווערן. דערווייל וואָלט מען באַדאַרפט אויף דעם אַלעמען אַ טויזנט דאָלאַר. איך האַלט, אַז עס זענען דאָ גענוג לאַנדסלייט, וואָס וואָלטן געקאָנט שפענדן אַזאַ סומע.

כדי צו ווייזן אַז איך בין נישט בלויז הנאה דורש, נאָר אויך הנאה מקיים, כאָטש עס איז נישט מיין טבע זיך צו באַרימען, מוז איך אָבער דאָס מאָל דערציילן, אַז אויסער די יערלעכע קליינע הילף וואָס איך שיק צו דער קהילה אין לובלין, האָב איך מיט דריי יאָר צוריק געגעבן 100 דאָלאַר צו פאַריכטן דעם אוהל פון רבי אייגער ז״ל, ווייל וועגן אַזאַ סומע האָט זיך מיר נישט געלוינט צו אַפּעלירן צו די לובלינער לאַנדסלייט.

---

דער איצטיקער נומער (11)

„לובלינער שטימע"

איז אַ באַוויז, אַז אין משך פון עלף יאָר, אָן איבערייס, באַדינען מיר די לובלינער יידן מיט אַן אינפאָרמאַטיוון אינהאַלטרייכן זשורנאַל, וועלכער דינט אויך ווי אַ בריק און אַדרעס פאַר קאָנטאַקטן און צוזאַמענאַרבעט צווישן אונדזערע בני־עיר, צעזייטע און צעשפרייטע איבער דער וועלט און צווישן די וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מדינת ישראל.

אַרויסגעבן אַזאַ זשורנאַל איז פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע אויסגאַבן, באַזונדערס נאָך דער גרויסער פאַרטייערונג פון פאַפּיר, דרוק, קלישעס און פאָסט.

דעריבער, חשובע לאַנדסלייט, רופט זיך אָפּ מיט אַ גרעסערער באַשטייערונג!

# מיינע איינדרוקן פון אַ וויזיט אין פוילן און אין ישראל

**מענדל לעווינבוים / פּאַריז**

אין אַפּריל 1954 בין איך פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך געשיקט געוואָרן צו דער געטאָ־פייערונג אין וואַרשע. צוריק קומענדיק, האָב איך מיר געגעבן אַ נדר נישט צו טרעטן מער אויף דער מיט יידיש בלוט אויסגעווייקטער ערד, הגם איך האָב דאָרט געהאַט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער וואָס זענען לעבן געבליבן נאָך דעם גרויסן חורבן. מיינע געזעגענונג־ווערטער צו זיי זענען געווען, אַז אויב זיי ווילן קומען נאָך פראַנקרייך, בין איך גרייט זיך צו טיילן מיט דעם לעצטן ביסן. ליידער, האָט מיין ברודער נישט מסכים געווען צו פאַרלאָזן פוילן, ווייל ער איז געווען דאָקטאָר־סטאָמאַטאָלאָג און שעף פון שפּיטאָל אין וואַלבזשיך. דערנאָך האָב איך אים אַרויסגעשיקט סערטיפיקאַטן און ער איז צו אונדז געקומען 3 מאָל, אָבער נישט געוואָלט בלייבן אין פראַנקרייך, מיטן אויסרייד, אַז ער קען נישט דאַ פאַרדינען אויפן לעבן צוליב די שפּראַך־שוועריקייטן — ער איז ווידער צוריקגעפאָרן קיין פוילן.

מיט אַ צייט צוריק באַקום איך אַ טעלעגראַם, אַז ער איז אין שפּיטאָל, מען האָט אים אָפּערירט און ער האַלט זייער שלעכט. איך בין מיט מיין זון געפאָרן קיין וואַלבזשיך — נאָר לײדער איז שוין געווען צו שפּעט. איך האָב קוים מיט צרות צוזאַמענגעשטעלט אַ מנין יידן, בכדי צו קענען אַדורכפירן די קבורה אויפן יידישן בית־עולם. אין אַ שטאָט וואָס האָט אין יאָר 1954 פאַרמאָגט 20 טויזנט יידן, געפינען זיך היינט אַן ערך 30. אַ צענדליק יידן קומען נאָך אין שילעכל יעדן שבת צום דאַווענען. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון האַלבע מתים. איינער האָט אַ פּוילישע פרוי פאַר אַ ווייב; אַ צווייטער — אַ דייטשקע; אַ דריטער — האָט קינדער וואָס טראָגן צלמים אויפן האַלדז... אָט די קליינע צאָל יידן וואָס דרייט זיך נאָך דאָרט אַרום, דאַרף נאָר אַרויסרופן רחמנות.

אַזוי האָט זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט אַ ייד, אַז ער האָט שוין 6 מאָל געבעטן אַן אַרויספאָר־וויזע קיין ישראל, ווייל ער האָט דאָרט אַ זון, האָט מען אים אָפּגעזאָגט. אַ ייד וואָס איז שוין נישט ווייט פון די 75 יאָר, דער קברן — וויל מען אויך נישט אַרויסלאָזן; אַ פרוי וויינט פאַר מיר, אַז זי וויל שוין נישט לעבן, נאָר זי וויל נישט שטאַרבן צווישן גוים. זי איז אַ געבילדעטע פרוי, איר מאַן איז געווען דירעקטאָר פון אַ ביוראָ אין משך פון 40 יאָר און זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אים געהייסן אָפּגעבן די שליסלען און זיך אָפּטראָגן פון דאָרטן. ער איז היינט דער גבאי פון בית־המדרש; אַ דריטער וויינט, אַז די פרוי האָט אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ און די זין האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, מיט די ווערטער: „פאַרנעם זיך, שמוציקער ייד!”

עס איז נישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ פאָלק קען לעבן אין אַזאַ רעזשים. די טונקלקייט און אָפּגעשיילטקייט פון די הייזער, די אומעטיקע געזיכטער, די שמוציקע אויטאָבוסן — דאָס אַלץ וואַרפט אָן אַ שרעק. מען גנבעט אַפילו אַרויס מצבות פון בית הקברות. איר קענט דורכגיין די גאַנצע שטאָט און זעלטן ווען טרעפן אַ פריילעך פנים. דאָך געפינען זיך נאָך אַזעלכע יידן, וואָס פאָרן דאָרטן אויף וואַקאַנסן..

*

ווער קען דערשאַצן די אומגעהויערע אויפטוען פון אונדזער מדינה, וואָס ציילט קוים היינט־צו־טאָג דריי מיליאָן — און מער ווי אַ העלפט עלטערע, צעבראָכענע, צוריקגעקומענע פון די גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריעס, אָבער דאָך זיך באַוויזן פאַר דער וועלט מיט אירע גרויסע אויפטוען אויף יעדן אָפּשניט פון מלוכהשן לעבן. האָט מען געהערט, אַז אַ לאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בלויז שונאים און פאַר די 28 יאָר עקזיסטענץ שוין אַדורכגעמאַכט פיר מלחמות — זאָל זיין מסוגל צו באַזאָרגן זיך מיט באַוואָפענונג — פון די „עוזי”־ביקסן ביז די נייע אַוויאָנען „כפיר”, וואָס האָבן באַקומען אויסצייכענונגען און אַנערקענונג פון הויך־אַנטוויקלטע, אינדוסטריעלע לענדער אין ביידע אַמעריקעס און אין אייראָפּע.

נאָך עפּעס: אין ישראל דינט מען אין מיליטער 3 יאָר. ביז 55 יאָר, איז יעדער מאַן אַ מאָביליזירטער — אין דער אַרמיי, אָדער אין הג״א (ציווילע שוץ). דער סאָלדאַט ווערט גערופן 2 אָדער 3 מאָל אין יאָר אויף איבונגען. נאָך די 55 יאָר, ווערט ער אַ וואָלונטער צו גיין אויף שמירה. אַזוי איז מיר אויסגעקומען אין דער סדר־נאַכט צו טרעפן יידן, אין עלטער נישט ווייט פון די 70, מיט ביקסן אויף די אַקסלען, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די גאַסן פון בת־ים.

ווען איך דערמאָן זיך אין דעם גרויסן פראַנקרייך, ווו מען דינט קוים נישט קיין גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר און מען זוכט זיך נאָך אַרויסצודרייען, אַנטקעגן ישראל, וואָס אויב אַ בחור איז דאָרט אומפעיק, אָדער קראַנק, שעמט ער זיך פאַר אַלע אַנדערע, הלמאי מען האָט אים נישט גערופן צום מיליטער־דינסט!

מיר האָבן געהאַט די זכיה בייצווווינען אַ מיליטערישע דעפילאַדע פון פרויען, וואָס זענען געוואָרן אויסגעצייכנט. זייער מאַרשירן, דערנאָך די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און אַקראָבאַטיק, געניי ווי מענער, אָפּטמאָל — נאָך בעסער, האָבן אַרויסגערופן שטוינונג און באַוווּנדערונג.

פון איין באַזוך ביז דעם צווייטן — איז ממש נישט צו דערקענען די געגנטן, הגם איך בין אַן אָפטער באַזוכער (שוין דאָס צענטע מאָל!), ווייל מ'האַלט אין איין בויען און אַנטוויקלען די מדינה. און איצט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, דער וויצמאַן־אינסטיטוט — דער וויסנשאַפטלעכער צענטער אין רחובות. דאָרט אַרבעט מיינער אַ קרוב, ישראל בורשטין (יאָסעק בורשטינס ברודער, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן פון די היטלער־מערדער אין שערזשמידי). ישראל איז געקומען ערשט ניט לאַנג פון פוילן. אגב, איך האָב אים געטראָפן אין וואַרשע ביי דער געטאָ־פייערונג אין יאָר 1954, ביי טעטשקען אין שטוב.

און אחרון אחרון חביב — די קיבוצים. דאָס מאָל האָב איך קוים באַזוכט עברון, אילון און רמת הגולן. די איבערגעגעבנקייט פון די העלדישע קעמפערס — שטייגט ווייט אַריבער אונדזער פאָרשטעלונג. מיר האָבן אויך באַזוכט די גרענעץ־וואַכן פון די אונ״אָ־כוחות. מיר האָבן געזען די סיריער שפּאַצירן אַרום אויף דער צווייטער זייט, ווייל מיר זענען געווען ביי אַ 500 מעטער פון זייער גרענעץ. איך וועל פאַרענדיקן מיטן אין ישראל אָנגענומענעם אויסדרוק פון אַנערקענונג און באַוווּנדערונג: כל הכבוד פאַר אונדזער לאַנד!

מאַי, 1976.

# „הרצליה" — ארגון הסטודנטים היהודיים בלובלין

עו"ד מאקס הרץ־לנקייביץ'

„הרצליה" נוסדה בידי קבוצת סטודנטים בשנת 1927. המייסדים היו: יחיאל זאורמן, נתן טמקין, לב קורנבליט — סטודנטים למשפטים; אליהו פישמן, רומה זייפן ויהושע פריידנברג — סטודנטים לרפואה; יהודה רוזנצוויג, שלמד ב־צרפת ואחרים, ששמותיהם, לצערי, נשכחו ממני.

בתקנות שנתקבלו ע"י האסיפה הכללית, באולם הגימנסיה ההומניסטית, הודגשו מטרותיו של האירגון:

א) שיתוף פעולה עם ההסתדרות הציונית בכל הפעולות החברתיות;

ב) לימוד תולדות הציונות והשפה העברית;

ג) אירגון מפעלים תרבותיים, טיולים וכו' וכו'.

בתקנות היה סעיף, שאסר על החבר להשתייך למפלגה ציו־נית כלשהי וחברי הרצליה היו גאים בזה, שהיו יכולים להיות נייטרליים בוויכוחים החריפים, שפרצו לעתים קרובות בתנועה הציונית ויכלו ללא פחד להביע את השקפותיהם.

עליה לישראל לא היתה מודגשת באופן הכרחי — היתה רק הערה כללית על המטרה הנכספת — להתיישבות בארץ. חבר האירגון רשאי היה להיות גם תלמיד, אחרי שמלאו לו 16 שנה והצהיה שהוא ציוני. לקבלת חבר קדמה תקופת נסיון במשך כמה חודשים, בו המועמד השתתף באירועים של האירגון ללא זכות הצבעה. ל„הרצליה" הצטרפו תלמידים מכל הגימנסיות ב־לובלין — יהודיות ופולניות. אחרי החודשיים הראשונים, ש„הרצ־ליה" היתה אורחת של הגימנסיה ההומניסטית, — נתקבלה רשות מהנהלת בית־הספר „תרבות", ברח' סטשיצה 22, להשתמש פעמיים בשבוע בחדרי כיתותיו, וזאת עבור תשלום סמלי.

בית־הספר שהיה אחרי הצהריים ריק — נכנסה בו רוח חדשה: הרצאות שירים וריקודי „הורה". המזכיר של בית־הספר, יצחק מנדלבליט ושמשו זקליק, אנשים עממיים בעלי לב חם, לא יכלו לעצור את הנוער, שבמרצו הרב הרעיד את הריצפות והחלונות. גם בעלי־הבית, משפחת שפירא, לא דרשו שקט מוחלט בביתם.

חברי „הרצליה" התחלקו לחוגים, בהתאם לגילם ולידיעתם השפה העברית. הנוער שהצטרף לאירגון, למד בבתי־ספר לא יהודיים, בהם לא למדו אפילו את תורת הדת, למרות המלצו־תיו של השלטון.

בין חברי האירגון היו כאלה שלא ידעו לדבר אפילו יידיש — ושהתבוללות בבתיהם היתה מאוד מרחיקת לכת — וצריך היה ללמד את החברים אלף בית, פשוטו כמשמעו. פעמיים ב־שבוע היו צריכים להתאסף, אבל לאמיתו של הדבר לא עבר יום, שבו אחרי הצהריים החדרים נשארו פנויים.

חברי „הרצליה" השתתפו בפעולות הציוניות למיניהם ו־בעיקר — בהרקת הקופסאות הכחולות של הקרן הקיימת. מידי שבוע אפשר היה לראות זוג נוער הולך מבית לבית ופותח ב־חרדת קודש את הקופסה של קרן הקיימת ונותן את הקבלות. בין הזוגות התקיימו תחרויות מי יאסוף יותר כספים בחודש.

האירגון הוציא לאור מפעם לפעם עלון על לוח המוד־עות. פעם אחת אפילו הודפס בבית דפוס ברח' קרולבסקה, עיתון ב־500 עותקים ושמו „העתיד" (אולי יש ברשותו של מישהו מבין החברים עותק אחד? רצוי שימסור אותו לחדר ההנצחה של אירגון יוצאי לובלין).

בלובלין היתה מסורת, שאת אסיפת האבל לזכר האיש שעל שמו נקראת „הרצליה", אירגנו חבריה. חודשיים לפני כ' תמוז היו מתחילים ההכנות של המקהלה, הנגנים והשחקנים. גם לל"ג בעומר היינו צריכים בהכנה, כדי שלא נהיה האחרונים באירוע, בו צעדנו עם דגלים מתנופפים ברחובות העיר. המספר של חברי האירגון נע בין 80 ל־100 לשנת לימוד. רובם היו תל־מידים ובסיום הלימודים בגימנסיה כשעזבו את העיר, נותקו איתם הקשרים. בקיץ, כשהסטודנטים חזרו מהאוניברסיטאות, התלהבה שוב האווירה.

אורגנו טיולים ליערות ולנהרות; לכפר קרמפיץ של זיסרמן, לשדליצ'ה של אייכנבאום או זילברריך, לכפר נופש של יהודי לובלין נימצה, ואפילו לקוזמיר על הוויסלה.

מדי שנה נערכו בחירות להנהגה, שתפקידה היה לתכנן את פעולות האירגון ולקיים קשרים עם אירגונים ציוניים אחרים. ל„הרצליה" לובלינאית היתה גם שאיפה להרחיב את פעולותיה מחוץ לעיר. נציגיה יסדו סניפים בערי המחוז לובלין — ב־זאמושץ' ולנצ'נה והדריכו אותם בהסתמך על **הנסיון שרכשו.**

בשנת 1929 החליטה האסיפה הכללית להצטרף לאירגון ה־נוער הציוני על יד הוועד המרכזי של ההסתדרות הציונית ב־ווארשה, תחת שם — „הרצליה". מאז היתה ההנהלה המקומית בלובלין מקבלת הנחיות מהמרכז, נציגיו ביקרו בסניפים והיו גם מזמינים חברים מערי שדה לווארשה. נוצר קשר עם סניפים בעיירים אחרות, כגון: לודז', בנדין, צ'נסטוכוב.

הפילוגים בהנהלת התנועה הציונית הכללית, השפיעו גם על הנוער — וגם ל„הרצליה" היו משברים. למרות שהנהלת האיר־גון הקפידה ושמרה על אי־מפלגתיות, היו פורצים מזמן לזמן ויכוחים קשים וחריפים על רקע השקפות שונות.

הופעות פומביות בלובלין של יצחק גרינבאום או גרשון לוין, ז'אבוטינסקי או זרובבל, השאירו הדים חזקים אצל הנוער.

בעקבות חילוקי דעות כאלה עזבה קבוצה חברים בשנת 1930 את „הרצליה" ויסדה את אירגון הנוער הרביזיוניסטי „מסדה".

בשנת 1931 החליטה ההנהלה הראשית בפולין להתאחד עם „השומר הלאומי". גם בלובלין נתקבלה אחרי ויכוחים ארו־כים החלטה זו ושני אירגוני הנוער התחילו לפעול כאירגון אחד תחת השם — „הנוער הציוני". תולדותיו נכתבו בצורה מקורית ויפה על ידי פרופ' נחמן קורן, והח' עובדיה פלד.

כשאני חוזר לשנים של פעולותי בהרצליה, עומדים לנגד עיני בחורים ובחורות יפי גוף ורוח, שהיו מוכנים להקדיש את הכל עבור התנועה. רייזל ברגר שטיפלה בענייני קק"ל; רוז'קה גיירמן, המזכירה — תמיד עם פנקס פרוטוקולים ביד, והערו־תיה שהחלטה כלשהי עדיין לא הוגשמה; רוז'קה וייסבלך ואווה אוקסנהנדלר — גיזבריות; פולה בס, הראשונה שיצאה להכשרה; הניו זייפן, פסנתרנית בחגיגות; גדליה פישמן וחוה גלמן — מארגני טיולים.

באחרונה הצטרף אל הנעדרים גם יוסף כספי ז"ל, אחרון יושבי־הראש של „הרצלי".

רק חלק קטן מפעילי האירגון מצאו את מקומם בארץ.

# אַראַבישער טעראָר, געשילדערט אין „לובלינער טאָגבלאַט" מיט 40 יאָר צוריק

**אפרים איינשטיין**

„איך בין נאָך יונג, אין גאַנצן 21 יאָר אַלט — איך וויל נאָך לעבן" — אַט מיט די האַרצרייסנדע ווערטער האָט זיך געווענדעט צו די דאָקטוירים פון ירושלימער „הדסה" דער 21־יעריקער יעקב גערזאָן, ווען מ׳האָט אים געבראַכט אַהין אַ שווער פאַרוואונדעטן. 2 טעג האָט ער זיך געמאַטערט אין אַנגסטלעכע גסיסה־יסורים און לסוף געשטאָרבן מיט דער נישט פאַרענטפערטע פראַגע אויף זיינע פון ווייטיק צעביסענע ליפּן: „פאַרוואָס?"

פאַרוואָס איז דאָס אים געקומען אונטערצוהאַקן אַט דאָס יונגע לעבן וואָס האָט קיינעם נישט געשטערט, קעגן קיינעם קיין שלעכטע כוונות געהאַט, נאָר געטאָן זיין טעגלעכע אַרבעט מיט מסירת נפש, פירנדיק זיפזיף פון תל־אביב קיין ירושלים.

יעקב גערזאָן, ביז נעכטן נאָך אַן אומבאַקאַנטער נאָמען, איינער פון די אומבאַוווסטע, נאָמענלאָזע טויזנטער שטילע העלדן, וואָס פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, האָב־און־גוטס, איינגעפונדעוועטע פון דורות באַקוועמלעכקייטן, איינגעוואָרצלטע קולטור — און קומען אין לאַנד אַריין אויף אַלע וועגן און אונטער אַלע באַדינגונגען, כדי צו בויען און אַליין געבויט צו ווערן, כדי צוטראָגן ציגל צום בנין פאַר פאַר אַ געראודפט פאָלק — פון פשיטיק ביז בערלין; די וואָס קומען אין הייליקער תמימות, מיט אומדערשיטערלעכן גלויבן, אָן „אימפּעריאַליסטישע, פאַרכאַפּערישע אַספּיראַציעס" צו העלפן אויפשטעלן אַ ריזיק, געוואַגט ווערק, וואָס שטערט קיינעם נישט, פאַריאָגט קיינעם נישט און וואָס האָבן נאָר איין פאַרלאַנג: לאָזן זיי רויִק אַרבעטן און בויען פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר זיך און אויך פאַר אַנדערע.

אָט דער נאָך נעכטן אומבאַקאַנטער נאָמען האָט ווי אויפגעציטערט דעם גאַנצן ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל, ווען מ׳האָט געלייענט זיינע טיף־רירנדיקע ווערטער: „איך בין נאָך יונג, אינגאַנצן 21 יאָר, איך וויל לעבן!" 2 מעת לעת האָבן דאָקטוירים געוואַכט ביי זיין בעט, געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אים צו דערהאַלטן ביים לעבן — אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן! דער טויט איז געווען שטאַרקער.

מען האָט באַדאַרפט די גאַנצע ענגלישע אַדמיניסטראַציע, אַלע מאַסגעבנדע פאַקטאָרן, פאַרבייפירן פאַר זיין טויטן קערפער און זיי פרעגן: „פאַרוואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן יעקב גערזאָן. דער 21־יעריקער בחור, וואָס איז צו 17 יאָר געקומען אין לאַנד פול מיט גלויבן און האָפענונג און מיט יוגנטלעכן ברען זיך גלייך געשטעלט אַרבעטן?"

מען האָט זיי באַדאַרפט פרעגן, די אָרדענונג־היטער, צי איז זייער געוויסן ריין פאַר דעם דאָזיקן קרבן און פאַר אַלע פריערדיקע? צי קענען זיי זאָגן „ידינו לא שפכו את הדם הזה"?!

זיין טויט, דער 32סטער שוין אין משך פון 60 טעג, ווי אויך אַלע פריערדיקע קרבנות, איז אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, קעגן די זיכערהייט־כוחות, וואָס 2 חדשים נאָך דעם צעיושעטן אַראַבישן טעראָר, האָט זי נישט באַוויזן צו דערדריקן די מעשי־תעתועים פון עטלעכע אונטערגעהעצטע באַנדעס, גלייך דאָס וואָלט נישט געווען די עלעמענטאַרסטע פליכט פון יעדער רעגירונג צו שיצן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון אירע בירגער.

וועגן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער פון די קרבנות, זאָלן עדות זאָגן די פאַקטן:

ווען צבי דאַנענבערג, איינער פון די ערשטע קרבנות פונעם אָנפאַל פון אַראַבישע באַנדעס אויף ייִדישע אויטאָבוסן ביי טול־כרם, האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט און דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן אים טראַנספוזירן בלוט, האָט זיך גלייך געמאָלדן דער איצטיקער קרבן יעקב גערזאָן.

ווען דער נציב העליון איז געקומען אין ירושלימער „הדסה" באַזוכן די פאַרוואונדעטע (אַ מין קורטואזיע־אַקט סיי לגבי די אַראַבישע אָנפאַלערס און אָנגרייפערס און סיי לגבי די ייִדן, זייערע קרבנות) — און זיך אָפּגעשטעלט ביי גערזאָנס בעט, געפרעגט וועגן זיין מצב — האָט ער אין די שווערסטע יסורים, ווייל די מערדערלעכע קויל ביים אַראַבישן דאָרף ארזה האָט אים געטראָפן אין דער לעבער, פאַראורזאַכנדיק אַ בלוט־פאַרגיפטונג, — און פילנדיק זיין נאָענטן סוף, האָט ער אָנגענומען דעם נציב׳ס האַנט און געזאָגט: „אני מקוה שאהיה הקרבן האחרון" („איך האָף אַז כ׳וועל זיין דער לעצטער קרבן"). ער אַליין האָט שוין שלום געמאַכט מיט דעם טויט. ער האָט נאָר דעם לעצטן וווּנטש געהאַט: צו זיין דער לעצטער קרבן... אָבער צי איז ער ווירקלעך דער לעצטער?

יעקב גערזאָן, 21 יאָר אַלט — מיר ווייסן ווער ס׳איז שולדיק אין זיין פריצייטיקן, אכזריותדיקן טויט; מיר ווייסן ווער ס׳איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין יונגן, נישט אויסגעלעבטן לעבן. יעדער איינער ווישט אויס אַ טרער אויף זיין קבר — און מיר נעמען זיך ווידער צו דער אַרבעט!

(איבערגעדרוקט פון „לובלינער טאָגבלאַט" פון 15טן יולי 1936, ווי אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ס׳האָט צוגעשיקט פון תל־אביב אפרים איינשטיין).

# הנצחת זכר הבנים
# של יוצאי לובלין — חללי צה"ל
# ומערכות ישראל

**רבים מיוצאי עירנו ובניהם נפלו במערכות ישראל,**

**ב ה ג נ ת  ה ע ם  ו ה מ ו ל ד ת :**

**במלחמת השחרור, ב„מבצע קדש", ב־ מלחמת ששת הימים, במלחמת יום הכיפורים ובפעולות אחרות, בהתמודדות**

**ע ם  ה א ו י ב.**

**ברצוננו להנציח את זכרם — ולמטרה זו יוקדש קיר אחד**

**ב„ח ד ר  ל ו ב ל י ן"  ב ת ל ־ א ב י ב**

**ההורים השכולים ומשפחות הנופלים מתבקשים לשלוח את תמונותיהם של בניהם או קרוביהם, עם הנתונים הביוגרפיים האלה:**

- ☐ שם החלל
- ☐ שמות ההורים
- ☐ נולד (תאריך ומקום)
- ☐ נפל (תאריך ומקום)
- ☐ בנסיבות

**את החומר נא להעביר ליו"ר ועדת הנצחת הנופלים במערכות ישראל:**

**י ה ו ד ה  ז ' י ט ו מ י ר ס ק י**
**ארלוזורוב 20, תל־אביב**
**טלפון: 223780**

## ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל
## ועדת ההנצחה

# אויפן וואַנדער־וועג. לובלין—לוצק — סיביר — לובלין — ישראל. אין די יאָרן 1939—1945

אַ בינטל זכרונות פון
**י. רייכנשטיין / גבעתיים**

## א

לובלין, דאָנערשטיק, סוף אויגוסט 1939. אין דעם הויז פון „לובלינער טאָגבלאַט“, וווּ כ׳האָב געאַרבעט אַלס זעצער. אין דער לופט פילט מען שוין דעם אָנקומענדיקן חורבן. דער פרייטיק־נומער פון דער צייטונג דערשיינט בלויז אין 4 זייטן. שבת אין דער פרי — די ערשטע באָמבאַרדירונג אויף פלאַגע־לאַשקעוויטשעס פאַבריק. אַ גאַנצע וואָך גייט אַרויס די צייטונג אין אַ קלייגעם פאָרמאַט, נאָר מיט מלחמה־ידיעות. אין די אָונטן, בעת דער פאַרטונקלונג, שטייט מען אין טויער פון הויז זאַמויסקע 14 — און מ׳וואַרט אויף סירענע־אַלאַרמען. פרייטיק, דעם 8טן סעפּטעמבער, דערשיינט נאָך אַ נומער „לובלינער טאָגבלאַט“ — און ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען דער לעצטער נומער.

שבת, דעם 9טן סעפּטעמבער, איז געווען די גרויסע באָמבאַרדירונג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטלויפן פון שטאָט. אויך איך בין געווען צווישן די לויפערס אויפן וועג קיין לובאַרטאָוו. געווען דאָרט ביזן אָונט און דערנאָך צוריק געפאָרן קיין לובלין, וועלכע איז געווען העל באַלויכטן פון די שריפות. דער שטאָט־זייגער — צעקלאַפּט. שבת־צונאַכטס האָט מען שוין די זעצעריי פון „לובלינער טאָגבלאַט“ נישט געעפנט, ווייל קיינער פון די אַרבעטער און בעלי־בתים זענען נישט געקומען. יעדן טאָג בין איך ביי די בעקערייען געשטאַנען אין די רייען צו באַקומען אַ ברייטל.

די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה האָב איך פאַרברענגט אין לאָקאַל פון „הפועל“, אויף לובאַרטאָווסקע 22. דאָ האָב איך געגעסן און ווי ס׳איז דורכגעלעבט דעם טאָג. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרטונקלונג, בין איך שנעל אַוועק אַהיים, אויף זאַמויסקע 14, וווּ כ׳האָב געוווינט ביי דער פאַמיליע מאיר גאָרפינקעל.

אויף ראש־השנה בין איך אַוועק קיין איזביצע, צו מיינע עלטערן און שוועסטער, אָבער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. זיי זענען אַנטלאָפן פון דער באָמבאַרדירונג אויפן וועג קיין הראָדלע. אין דער וווינונג האָב איך געפונען שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס די שוועסטער האָט איינגעקויפט, ווייל זייענדיק לערערין אין דער „פּאָווזעכנע“־שול, האָט זי באַקומען אויסגעצאָלט דעם לוין פאַר 3 חדשים פאָרויס. אָבער ווער האָט געהאַט דעם קאָפּ צו געניסן פון די פּראָדוקטן?

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, בין איך אַוועק צופוס קיין הראָדלע זוכן מיין משפחה. אויפן וועג געטראָפן לאַנגע רייען מיליטערישע וועגענער מיט פּוילישע זעלנער, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די פראָנטן. אָנגעקומען אין אָונט קיין הראָדלע, בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז מיין משפּחה איז אַוועק ווייטער, צום בוג. איך בין שוין דעם צווייטן טאָג ראש־השנה געבליבן ביי אַ יידישער משפּחה. געשלאָפן אין אַ קעלער, וווּ די אייגנטימער האָבן אַריינגעשטעלט זייער מעבל. אַזוי ווי מיט דער באָמבאַרדירונג איז געוואָרן אַ ביסל שטיל, האָט מען אין קעלער געברענגט פאַרשיידענע שמועות, אַז די מלחמה איז שוין אָפּגעשטעלט און מ׳קען אַרויסגיין אין דרויסן.

נאָך ראש השנה בין איך אויף אַ וואָגן צוריק אַהיים קיין לובלין. אין שטאָט האָט שוין געוועלטיקט דער דייטש. אויף רוסקע 34 בין איך אַרויף צו מיין חבר ישעיהו קאָרץ, מיט וועמען כ׳האָב געאַרבעט אין „טאָגבלאַט“. ער האָט מיר געזאָגט אַז כ׳זאָל שנעל אַהיימגיין, איידער ס׳פאַלט צו די נאַכט, ווייל מען טאָר זיך נישט באַוועגן אין גאַס. איך בין אַוועק אַהיים, אויף זאַמויסקע 14, נאָר די משפּחה גאָרפינקעל נישט געטראָפן. אין יענעם הויז איז געווען אַ בית־המדרש, איז מען דאָרט געזעסן אַ גאַנצן יום־כיפּור.

ווען איך בין פון הראָדלע אַוועק קיין לובלין, איז מיין משפּחה צוריק געקומען אין שטעטל, וויסנדיק אַז די סאָוויעטן דאַרפן קומען אויך אַהין. אַז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן זיך צוריק ציען פון די שטעטלעך אַרום לובלין, זענען מיין שוואָגער און ברודער פון קראַסניסטאַוו אַוועק צוזאַמען מיט די רוסן, און מיינע עלטערן און שוועסטער זענען געבליבן אין איזביצע מיטן דייטש.

כ׳האָב פון מיין משפּחה דערהאַלטן אַ צעטעלע, כ׳זאָל קומען קיין איזביצע, כדי מיר זאָלן זיין צוזאַמען. כ׳האָב איינגעהאַנדלט אַ ברייטל, צונויפגענומען אַ ביסל אָנטועכץ און אַוועק מיט אַ בעל־עגלה קיין איזביצע, וווּ מיר זענען אַלע געווען צוזאַמען, ביז דעצעמבער. אָנהייב דעצעמבער 1939 איז דורך אַ געלעגנהייט אָנגעקומען אַ צעטעלע פון מיין שוואָגער, וואָס האָט זיך געפונען אין לוצק צוזאַמען מיט מיין ברודער, אין וועלכן זיי שרייבן אַז די פרויען (מיין שוועסטער און ברודערס פרוי מיט זייערע צוויי קליינע קינדער, ווייל אַז אויך איך בין אין איזביצע, האָבן זיי נישט געוווּסט) — זאָלן קומען קיין לוצק. מ׳האָט איינגעפּאַקט דאָס נויטיקסטע באַגאַזש, אויך מיך מיטגענומען — און היידא אין וועג אַריין, אויף אַ וואָגן. אין איזביצע זענען געבליבן מיין פאָטער, מוטער און עלטערע שוועסטער הדסה.

אָנגעקומען אין בעלזשעץ, זענען מיר געזעסן אויף די פּעק ביז אין אָונט. דערנאָך זיך פאַרשטענדיקט מיט גרענעץ־שמוקלער און ביי זיי געזעסן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. פון צייט צו צייט איז געקומען צו גאַסט דער דייטשישער אָפיציר פון דער גרענעץ־וואַך, וועמען די איינווינער האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען זייער משפּחה. אָבער איך בין זיכער, אַז דער אָפיציר האָט געוווּסט, אַז די פויערים פאַרנעמען זיך מיט אַריבערשיקן צו די סאָוויעטן — און מסתמא איז אויך ער געווען אַ שותף צום „געשעפט“.

אין אַ קאַלטער ווינטער נאַכט, האָבן צוויי פויערן גענומען די פּעק אויף די פּלייצעס, און איך, מיין שוועסטער גרינטשע, מיין ברודערס פרוי און צוויי קליינע קינדער אויף די הענט, זענען אַרויס אין וואַלד. (פאַרן שמוגלען די גרענעץ האָבן מיר באַצאָלט אַ היפּשע סומע געלט און אַ וואַטענע קאָלדרע). אויף אַ געוויסן אָרט אין אַ פעלד, האָבן זיי אַוועק־

געשטעלט אונדזערע פעק און געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך שוין אויפן סאָוויעטישן שטח און געהייסן גיין, ביז מיר וועלן זען אַ ליכט אין אַ פענצטער פון אַ כאַטע. זיי אַליין זענען שנעל אַוועק צוריק. דער הימל איז געווען שווער און פינצטער. די פעק — שווער צו שלעפן. בלית ברירה האָט מען איבערגעלאָזט די פעק אויפן אָרט און איך, מיין שוועסטער און שוועגערן, יעדע מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט, זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון דער כאַטע, אָנגעקלאַפט אין טיר, ס'איז אַרויס אַ פויערטע, אָבער אונדז נישט אַריינגעלאָזט, נאָר אָנגעוויזן אויף אַ געוויסן פונקט ווו צו גיין. אַזוי גייענדיק האָבן מיר זיך פלוצלונג דערזען אַרומגערינגלט פון סאָוויעטישע סאָלדאַטן מיט אָנגעצילטע ביקסן, זיי האָבן אַפילו געשאָסן אין דער לופט און דער הימל איז באַלויכטן געוואָרן מיט ראַקעטן. באַלד זענען אָנגעקומען זעלנער אויף פערד. מ'האָט אונדז געפרעגט, וואָס מ'ר טוען דאָ, האָבן מיר זיי געזאָגט (לויט די אָנווייזונגען פון די שמוקלערס), אַז מיר ווילן צוריק צום דייטש. דער שוועסטער איז געלונגען צו דערקענען דאָס אָרט ווו מיר האָבן איבערגעלאָזט די פעק, וועלכע איין רייטער האָט גענומען אויף זיין פערד. אַרומגערינגלט מיט זעלנער, האָט מען אונדז צוגעפירט צום ערשטן גרענעץ פונקט און אונדז אַלע אַריינגעזעצט אין אַן אַרעסט־קאַמער. דערנאָך האָט מען יעדן באַזונדער אַריינגערופן צום אָפיציר און גענומען אויספרעגן, ווער מיר זענען און וואָס מיר ווילן? מ'האָט אויפגעפאַקט די פעק און קאָנטראָלירט וואָס דאָרט געפינט זיך. אין קאַמער האָבן מיר זיך אָפגעשמועסט, אַז יעדער זאָל דערציילן דעם אמת: מיר זענען אַנטלאָפן פון פוילן און ווילן זיין צוזאַמען מיטן ברודער אין לוצק. ווי ווייט איך האָב געקענט האָב איך זיי אויפגעקלערט, אַז איך בין אַלע יאָרן אַן אַרבעטער („יאַ וו דוכר־ראַבאָטניק” — האָב איך געפרווט זיי זאָגן אויף רוסיש).

## ג

אין דער פרי איז צוגעפאָרן צום קאַמער אַ מיליטערישער וואָגן, אויף וועלכן מ'האָט אַרויפגעלייגט די פעק, אַרויפגעזעצט די מוטערס מיט די קינדער און מיר האָט מען געהייסן גיין צופוס. מיר זענען אַוועק צו דער העכערער נאַטשאַלסטווע פון דער גרענעץ־וואַך, אין אַ דערבייאיק שטעטעלע.

דעם אויספאָרשונג־אָפיציר האָבן מיר ווידער דערציילט, וועגן אונדזער ווילן צו פאַראייניקן זיך מיטן ברודער און שוואָגער אין לוצק, געוויזן זיין אַדרעס. מיר האָבן געציטערט, מ'זאָל אונדז נישט צוריק שיקן קיין פוילן, צום דייטש. נאָך אַ לענגערן שמועס, האָט דער נאַטשאַלניק אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ זעלנער, וואָס האָט אונדז צוגעפירט צו אַ וואָגן מיט אַ יידישן בעל־עגלה, וועמען מ'האָט אויך פאַרהאַלטן ביים שמוגלען די גרענעץ. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, האָט זיי דער זעלנער באַרויקט: „איר פאָרט קיין ראַווע־רוסקע”. די שטימונג האָט זיך ביי אונדז מאָמענטאַל געענדערט — און אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל און געוואַרט אויף דער באַן קיין לוצק.

ענדלעך איז די באַן אָנגעקומען. דער ריזיקער עולם האָט אָנגעהויבן זיך אַריינשטופן אין די וואַגאָנען. די צוויי פרויען מיט די קינדער און זייערע פעק, איז געלונגען זיך אַריינצוכאַפן אין אַ וואַגאָן. איך בין געבליבן הינטער־שטעליק, אויף די טרעפלעך. פאַר מיר האָט זיך געשטופט אַ יונגער אוקראַינער, מיט אַ מיליטערישער טאָרבע אויפן אַקסל. איך בין דאָך פון נידעריקן וווקס, האָט זיך מיין האַנט פאַרפלאָנטערט אין זיין טאָרבע. ער האָט מיך אָנגעכאַפט ביי דער האַנט, שרייענדיק: „איך האָב געכאַפט אַ גנב”. מ'האָט מיך אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן געבן קלעפ. אַ בחור מיט אַ רויטער לענטע אויפן אָרעם, אַ מיליציאָנער, האָט מיך געשלעפט איבערן גאַנצן פעראָן צו דער באַן־מיליץ און געמאָלדן דעם אָפיציר, אַז ער האָט געכאַפט אַ גנב. נאָכן אָפוואַרטן אַ 10 מינוט, רופט מיר דער אַמטירנדיקער מיליציאָנער צום טיש און פרעגט וואָס ס'איז געשען. איך דערצייל אים אַלץ. נאָכן אויסהערן, הייסט ער מיר אַוועקגיין. איך בין שנעל אַוועק — און צום גליק נאָך געטראָפן שטיין דעם וואַגאָן. אַזוי ווי די בילעטן האָב איך געהאַט בין איך סוף־סוף אַריין אין וואַגאָן, געטראָפן אַלע מיינע, וואָס זענען אַרויס אין אַ געוויין, וואָס צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט מען מיך באַשולדיקט אַלס גנב.

שפעט אין דער נאַכט איז מען בשלום אָנגעקומען קיין לוצק. נאָכן אַרומזוכן אייניקע שעה דעם אַדרעס פון שוואָגער האָט מען אים ענדלעך געפונען און זיך ווי ס'איז איינגעאָרדנט.

צומאָרגנס האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, ווי זעט אויס די לאַגע. איך האָב געהערט אַז אין לוצק געפינט זיך אַ קלוב פון בעזשענצעס, געוועזענע פאָליטישע אַרעסטירטע אין פוילן. אַנטלאָפענע מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. איך בין אַהין אַוועק, געוואָלט אויפזוכן צוויי לובלינער יידישע מיידלעך: חוה מילער און שרה לעדער, געוועזענע מיטגלידער פון „הפועל”, אויף וועמענס פראָצעס איך בין אַרויסגעטרעטן אַלס עדות פון דער פאַרטיידיקונג. כ'האָב געמיינט, דורך זיי באַקומען הילף פון דעם קלוב, אָבער דאָרט נישט געטראָפן קיין שום באַקאַנטע. מיר זענען אַוועק וווינען אין אַ געדונגענעם צימער, מיט שמוציקע בעטן. קיין פלאַץ פאַר אַלע פיר — איז נישט געווען. מיטן שוואָגער איז געלונגען צו דינגען ביי אַ משפחה אַ פינצטערן קאַמער מיט אַ בעט און אַן אייזערן, רויכערדיקן אייוועלע, וועלכן מ'האָט געהייצט מיט שטרוי. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען מיט דער שוועסטער און קינד אין דעם צימערל און באַנאַכט איז מען אַוועק אין קאַמער, זיך אַוועקגעזעצט ביים אייוועלע אין דעם אָנטאָן און אין די קאַלאָשן, געגעסן שטיקלעך ברויט מיט קנאָבל און געדריימלט.

## ד

ס'איז געווען דער שווערער ווינטער פון 1940. יעדן פרימאָרגן אַוועקגעשטעלט זיך אין „אָטשערעד” (ריי) ביי אַ טראַפיק־געוועלבל, ווו מ'האָט פאַרקויפט אַ צאָל פאַפיראָסן. נאָכן אָפשטיין אין דער ריי אַ געוויסע צייט, ווען הינטער מיר זענען צוגעקומען נאָך מענטשן, בין איך אַרויס פון מיין אָרט, פאַרנומען נאָך אַ פלאַץ אין סוף פון דער ריי, דערנאָך צוריק אַוועק אויף מיין ערשטן אָרט — און נאָכן באַקומען אין געוועלב מיין נאָרמע סיגאַרעטן, האָב איך פאַרנומען מיין צווייטן פלאַץ און אַזוי אַרום זיך איינגעשאַפט צוויי נאָרמעס פאַפיראָסן. מער ווי אויף צוויי פלעצער, האָב איך נישט געקענט שטיין. היות איך רויכער נישט, האָט מען זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער גאַס און אָנגעהויבן פאַרקויפן די פאַפיראָסן פאַר אַ טייערערן פרייז ווי מיר האָט געקאָסט און פאַרדינט אַ ביסל געלט.

איין מאָל איז צו מיר צוגעקומען אַ פאַרשוין און אויף יידיש געפרעגט דעם פרייז. האָב איך אים געזאָגט וויפל עס קאָסט. ער האָט געטענהט, אַז איך נעם אַ צו הויכן פרייז. איך האָב אים תמימותדיק אויפגעקלערט, אַז כ'נעם דעם זעלבן פרייז ווי אין געוועלב, נאָר איך רעכן צו נאָך 1 רובל פאַר שטיין אין דער ריי... ער האָט שטרענג באַפוילן: „טראָג זיך שוין אָפ מיט די פאַפיראָסן”... איך האָב

אַזוי געטאָן — און מער נישט געהאַנדלט מיט פּאַפּיראָסן.

שטייענדיק אַמאָל אין דער ריי נאָך ברויט, איז מיר אַ דאַנק פאַרשידענע קונצן, געלונגען צו באַקומען 2 ברייטלעך. ווען איך בין אַרויס פון געוועלב, האָב איך געטראַכט: צו וואָס דאַרף איך צוויי ברויט? איך בין צו צו די לעצטע מענטשן אין דער ריי און געפרעגט: „ווער וויל אַ ברויט?" ס'איז אַרויס פון דער ריי אַ יונגערמאַן, אַ כאַפּ געגעבן איין ברויט און מיר אַריינגעשטופּט אין האַנט געלט. איך האָב איבערגעציילט — ער האָט מיר באַצאָלט מער ווי דאָס ברויט קאָסט. איך האָב אים געוואָלט געבן אַ רעשט (נאָכן נסיון מיט די פּאַפּיראָסן), אָבער דער בחור איז שוין געהאַט אַוועק.

זוכנדיק עפּעס צו טאָן, בין איך אַריין אין אַרבעט־פאַרמיטלונג אַמט און זיך רעגיסטרירט צו אַרבעטן ביי מיין פאַך, אַלס זעצער. אַרויסגייענדיק פון דער ביוראָ, האָט אַ לוצקער ייד, (זיין נאָמען איז געווען ראַדאַגאָשטשער) מיך געפרעגט צי איך זוך אַרבעט — און גלייך מיטגענומען מיט זיך אין אַ רימאַרסקע־צעך פון אינוואַלידן־פאַרבאַנד, ווו ער איז געווען דירעקטאָר. איך האָב דאָרט אויסגעפירט די אַרבעט פון אַ „שטיקל" בוכהאַלטער: פאַרשריבן אין אַ גרויסן בוך וואָס די אַרבעטער אַרבעטן אויס און אויך פאַרשריבן די אַרבעט וואָס מען גיט אַרויס אין דרויסן. יעדן שבת בין איך אַוועק אין הויפּט־ביוראָ פון דעם אינוואַלידן־פאַראיין און איבערגעגעבן דעם פאַרשריבענעם באַריכט.

אַ געוויסן זונטיק איז אין לוצק פאָרגעקומען אַן אַבלאַווע אויף שפּעקולאַנטן־ביעזשענצעס. צו מיר אין וואַרשטאַט זענען געקומען 2 מיליציאָנערן און זיך געפרעגט אויף רייכענשטיין איצעק נוסינאָוויטש, מיך אַרעסטירט און איבער דער לוצקער הויפּט־גאַס געפירט צום הויכן בנין פון דער נ.ק.וו.ד., אין אַ פינצטערן קאָרידאָר, ווו ס'זענען שוין געווען אַ סך אונדזערע. נאָכן אָפּזיצן דאָרט אַ קורצע צייט, האָט מען מיך אַריינגעפירט צו אַ באַאַמטן, וואָס האָט מיר דערקלערט: „מען זאָגט, אַז דו שפּעקולירסט". „וואָס הייסט מ'זאָגט. ס'איז דאָך נישט אמת, איך בין אַן אַרבעטער — נישט קיין שפּעקולאַנט". איך האָב אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון דער אַרבעט. פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן דאָס שרייבן, איז אַרויס פון צימער (ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער טעלעפאָנירט אין ביוראָ, צום דירעקטאָר ראַדאַגאָשטשער), און קומענדיק צוריק האָט ער צעריסן די פאַרשריבענע פּאַפּירן און געהייסן גיין אַהיים, מיטן אָנזאָג, איך זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט שפּעקולאַציע און נישט דערציילן וואָס כ'האָב דאָ געזען און געהערט. איך בין צוריק אַוועק צו דער אַרבעט, אומקוקנדיק זיך אַלע מאָל, צי מ'רופט מיך נישט צוריק...

## ה

ס'איז געקומען די תקופה פון פאַרנעמען די בעזשענצעס קיין סיביר. צווישן אַלע האָט מען אויך פאַרנומען מיך, מיין שוועסטער מיטן שוואָגער און קינד. מ'האָט אונדז ביי נאַכט געבראַכט מיט אַ לאַסט־אויטאָ צום באַן, ווו ס'איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ סך בעזשענצעס. מ'האָט אונדז אַריינגעזעצט אין פאַרמאַכטע עשאַלאָנען. שפּעט אין אָוונט האָט מיך אויפגעזוכט דער דירעקטאָר ראַדאַגאָשטשער (ווייזט אויס, אַז אין שטאָט האָט מען אַלץ געוווּסט). ער האָט מיר דערלאַנגט אַ ברויט און געלט אַלס אַרבעט־לוין, וואָס מיר איז נאָך געקומען (שפּעטער, אין סיביר, האָט ער מיר דורך פּאָסט צוגעשיקט אַ באַשטעטיקונג פון אַרבעט־פּלאַץ ווי אַ רעקאָמענדאַציע). נאָך עטלעכע טעג פאָרן אין עשאַלאָן, דערנאָך — אויפן וואַסער, באַקומענדיק צוגעטיילט געזאַלצענע הערינג און שיטערע זופּן, האָט מען אונדז ענדלעך אַראָפּגעלאָזט אין סיביר, אין פּאָסעלאָק טייגאַ. ביים אַריינגאַנג־טויער אין פּאָסעלאָק, האָט דער נ.ק.וו.ד. נאַטשאַלניק אונדז געזאָגט: „ניקודאַ — ניקאָגדאַ" („אין ערגעץ נישט — און קיינמאָל נישט"), אויף פּראָסט לשון האָט עס באַדייט, אַז מ'וועט שוין פון דאַנען נישט אַרויס.

מ'האָט אונדז אַלע 4 איינקוואַרטירט אין אַ צימער, אין אַ לאַנגן הילצערנעם באַראַק צוזאַמען מיט נאָך אַ וואַרשעווער יידישער פאַמיליע פון צוויי דערוואַקסענע און אַ קינד (צוזאַמען — 7 אין אַ צימער). צום שלאָפן האָב איך באַקומען אַ בעט פון ברעטער, געמוזט זיך אַליין שאַפן אַ פּעקעלע היי פאַר אַ קישן, אונטערגעלייגט אויף די ברעטער אַ פּאָר שמאַטעס ס'זאָל זיין ווייך צו ליגן, צוגעדעקט זיך מיט די פּאַלטאָס, וואָס כ'האָב מיטגענומען פון פוילן — און אַזוי האָב איך געהאַט אַ „שלאָף־בעט".

כ'האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט אייניקע לובלינער: יוסף אכטמאַן, לייבל פּינקערט, משה ווייסבראָט (פון טשעכיוו), די בעקערס — די ברידער פרידמאַן, דער פריזירער שטראַסבערגער, שמואל סעגאַל, הערש פּראַקטער, לייבל לערער און אַנדערע. נאָכן דערליידיקן אַ רייע פאָרמעלע ענינים, האָט מען זיך איינגעאָרדנט. די גרעסטע טייל איז אַוועק אַרבעטן אין וואַלד. מיך מיטן שוואָגער האָט מען צוגעטיילט אַרבעטן אין דער „באַניע" (באָד). דער שוואָגער — פאַרוואַלטער, און איך — אַ געהילפס־אַרבעטער, וואָס האָט גערייניקט די באָד, געהייצט דעם אויוון, אָנגעהאַקט האָלץ. ביים זעגן און האַקן דאָס האָלץ האָבן אויך מיטגעאַרבעט די צוויי טשעכיווער בחורים ווייסבראָט און סעגאַל. לייבל לערער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר סאַניטאַרער אָפּטיילונג („סאַנטשאַסט"). ער האָט אונדז טיילמאָל געהאָלפן מיט ריינע וועש.

מיר האָבן באַקומען אַ שטיקל באָדן נישט ווייט פון דער באָד, און מיר האָבן פאַרזייט קאַרטאָפל, איך האָב דערפון געהאַט געברענטע צרות. ווען די קאַרטאָפל האָבן אָנגעהויבן אויפבליען, זענען כסדר אָנגעלאָפן חזירים, און איך האָב זיי געמוזט יאָגן און פאַרטרייבן. דער סוף איז געווען, אַז די חזירים האָבן מער געגעסן פון די קאַרטאָפל, ווי איך...

(המשך אויף זייט 52)



פרעזידיום פון ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון לובלינער יידן אין פוילן, ווראָצלאַוו 1947. פון רעכטס: לייבל לערער ז"ל, חיים ניסענבוים, פרוי ראַפּאַפּאָרט, הערצמאַן, לעפלער ז"ל, דוד שטאָקפיש

# יידישער ווידערשטאנד אויף סאוויעטישער פארשיקונג

## לובא קארן

דער טיפער אפקלאנג אין דער וועלט נאכן פארטרייבן דעם שרייבער אלעקסאנדער סאלזשעניצין פון ראטנפארבאנד, אויך צוליבן „חטא" פון דערציילן דעם שוידערלעכן אמת פון די סאוויעטישע לאגערן און תפיסות, האט אנגערעגט א סך פון די פוילישע יידן, וואס האבן אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פארזוכט דעם ביטערן טעם פון פארשיקונג — צו דערציילן אדער אליין שרייבן וועגן זייערע איבערלעבונגען אין יענער מוראדיקער תקופה.

אויך לובא קארן (די פרוי פון אונדזער בן־עיר משה קארן־טאשעמקא), האט וואס צו דערציילן — נאר איר סיפור המעשה איז אויסטערליש דערמיט, וואס זי איז געווען איינע פון די הויפט־איניציאטארן פון אן ארגאניזירטן בונט און ווידערשטאנד קעגן דער מעכטיקער נ.ק.וו.ד. און ארטיקער נאטשאלסטווע פון לאגער, ווו זי האט צוזאמען מיט נאך הונדערטער יידן פון פוילן זיך געפונען אויף קאטארגע־ארבעט. ס'איז א דערציילונג פון א שווערן, נאר העראישן גערואנגל, וועלכער איז אין יאר 1940 געפירט געווארן דורך פארשיקטע פליטים קעגן דער שלעכטער דערנערונג, שמוץ, קעלט און שקלאפן־ארבעט און ווי אזוי א הייפל בעזשענצעס האבן געוואגט צו פראטעסטירן און קעמפן קעגן דעם שרעקלעכן רעזשים.

(אויפגענומען און פארשריבן: א. זאמדער).

---

### מיין היים און משפחה

— איך בין געבוירן אין שטעטל שעדלישטש, ־עלעמער פאוויאט, לובלינער וואיעוואדסטווע. מיר זענען געווען זיבן קינדער: יוסף, ביילע, ליבע, לאלע, יאנקל (דערמארדעט דורך די פאליאקן אין כעלעם אין יאר 1946, שוין נאך דער באפרייונג), קרעסל (אומגעקומען אין יאר 1942) און משה. דאגות פרנסה האבן מיר נישט געהאט. מיין פאטער, א ייד א למדן, האט צוגעשטעלט היי און פאשע פאר דער פוילישער ארמיי. די זין האבן געלערנט אין די ישיבות אין פארטשעוו און אין לודמיר, דאקעגן די טעכטער האבן געלערנט אין דער בית־יעקב שול און אין דער פוילישער שול.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, דעם 1טן סעפטעמבער 1939, בין איך אלט געווען 17 יאר. מיטן אריינדרינגען פון דער היטלעריסטישער ארמיי אין פוילן, האט זיך אנגעהויבן א מאסן־אנטלויפן פון דער ציווילער באפעלקערונג, באזונדערס פון די יידן. אויך אונדזער משפחה האט אין איילעניש פארלאזט דאס שטעטל — אין אנהייב אקטאבער זענען מיר אנגעקומען קיין לוצק און זיך איינגעארדנט אויף דער וולאדזשימיערסקי־גאס נומ' 26, גלויבנדיק, אז דא וועלן מיר איבערהאלטן די מלחמה־צייט און דערנאך זיך אומקערן אהיים. עס האט אבער נישט גענומען קיין סך צייט און אונדז האט געטראפן א גרויס אומגליק: אן אויטא איז איבערגעפארן אויף טויט אונדזער פאטער. ער איז דאן אלט געווען 49 יאר — און די מאמע מיט זיבן קינדער זענען געבליבן אן א באשפייזער. א גליק, וואס מיר האבן געהאט א ביסל געלט פון דער היים. די ברידער האבן זיך גענומען צום האנדל און די שוועסטערס — צו נייעריי.

### די פארשיקונג

די פאספארטן ־ גזירה וועלכע די סאוויעטישע מאכט האט איינגעפירט לגבי די פליטים פון פוילן, האט אויך נישט אויסגעמיטן לוצק. אין דער אמתן, זענען במילא פארשיקט געווארן סיי די וואס האבן ארויסגענומען דעם סאוויעטישן פאספארט, סיי די וואס האבן זיך פארשריבן צוריק צו פארן קיין פוילן. דעם 28סטן יוני 1940 האט מען מיין מאמען, שוועסטער, ברודער און מיך פארשפארט אין א לאסט־וואגאן מיט נאך צענדליקער פארשיקטע און נאך 3 וואכן שלעפן זיך אין אנטי־סאניטארע באדינגונגען, ענגשאפט און ביי נארמירטע שפייז־צוטיילונגען פון וועלכע מ'האט געהונגערט — זענען מיר אנגעקומען קיין ביערעגייעוו. אין זכות פון דעם וואס כ'האב געקענט ריידן רוסיש, האב איך געפועלט ביי די סטרעלאקס (וועכטער) פון אונדזער וואגאן, אז די טיר זאל זיין א ביסל אפן און אויף דעם לאנגן וועג האבן מיר כאטש גענאסן פון א ביסל פרישע לופט.

אונדזער עשאלאן האט געציילט א טויזנט פינפהונדערט פארשיקטע פון מערב־אוקראינע, וועלכע רוסלאנד האט אנעקסירט אין סעפטעמבער 1939. מען האט אונדז אראפגעלאזט אין א וואלד, ווו אויסערביימער, **האבן זיך** אויך געפונען א סך... קברים. אויף יעדער קבר — אן אויפשריפט ווער עס ליגט דארט און אויף וויפל יאר ער איז געווען פארמשפט. אן ארעסטאנט, וואס האט זיך דארט געפונען א סך יארן, האט מיר דערקלערט:

— אויף דעם ארט זענען געווען פארשיקט קולאקעס

— און זיי זענען דא אומגעקומען אין די טויזנטער פון הונגער, שמוץ און קעלט. בעסער צו ווארפן זיך איצט אין וואסער, איידער אדורכמאכן דאס וואס זיי האבן אדורכגעמאכט...

אזא איז געווען די „אויפנאמע" פון די אקערשט געקומענע אויף פארשיקונג. „א שיינע פערספעקטיוו" — האב איך זיך געטראכט. „זומער איז דא נישטא קיין וואסער" — האט געזאגט א צווייטער לאגערניק. „איר וועט דא פגרן". דערנאך האט ער מיך געפרעגט ווי איך הייס — און דערהערנדיק מיין נאמען, רופט ער זיך אן:

— לובאטשקא, דו ביסט מיר א שאד...

פון דעסטוועגן האט נאטשאלסטווע נישט געצוווּנגען אונדז צו באלדיקער ארבעט, נאר געגעבן 2 וואכן „אפּ־פּוסק", ד. ה. אורלויב. האט מען דערווייל זיך איינגעארדנט אין די באראקן, ווו מ'האט אריינגעשטופּט 12 מענטשן אין איין צימער.

צווישן די פארשיקטע האבן זיך געפונען אויך עטלעכע פערזענלעכקייטן, ווי: פראפ' לאטער פון ווארשעווער אוניווערסיטעט, אדוואקאט שטאק און אנדערע. ווי נאר ס'האבן זיך געענדיקט די 14 פרייע טעג, האט מען גענומען טרייבן צו דער ארבעט אין וואלד — אונטער־

שנײדן און צעזעגן ריזיקע בײמער. די אַרעסטאַנטן זענען פאַרטײלט געוואָרן אין בריגאַדעס און בראש פון אײנער אַזאַ בריגאַדע האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט. די קאַטאָרגע־אַרבעט וואָלט אפשר לײכטער געווען צום איבערטראָגן, ווען מיר באַקומען עסן צו דער זעט. לײדער, נאַטשאַלסטווע האָט באַשטימט נאָרמעס, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט אויספירן, ווײל אויב נישט, האָט מען אַראָפּגענומען פון די עטלעכע הונדערט גראַם ברויט. געאַרבעט האָט מען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, אונטער דער אויפזיכט פון פאַרמשפטע קולאַקעס, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען זינט דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע אין די דרײסיקער יאָרן.

אַלעמען האָט באַהערשט אַ געפיל, אַז מיר וועלן דאָרט אויסגײן פון הונגער, היצן אָדער קעלט, פון די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, ווײל די באַראַקן זענען פול געווען מיט פלײ און וואַנצן. דאָס ביסל זופּ מיט די 800 גראַם ברויט האָט מען געטײלט בײנאַכט, אין דער סטאָלאָווע (עס־זאַל). די נישט אַרבעטנדיקע האָבן באַקומען בלויז 300 גראַם ברויט, מיט אַ טעלער זופּ.

באַלד אין אָנהײב האָט מען זיך ווי ס׳איז אַן עצה געגעבן. ווער עס האָט געהאַט אַ בגד צי אַ פּאָר שיך צום פאַרקויפן, אָדער צום אויסטוישן אויף ברויט, האָט עס גערן געטאָן. אָבער אַז אויך דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר וועלן שוין פון די דאָזיקע וועלדער נישט אַרויס קײן לעבעדיקע. איז מען נאָר אַוועק עטלעכע מעטער פון די אויפזעערס פון דער בריגאַדע, מיט וועלכער האָסט געאַרבעט — איז מען פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די געדיכטע בײמער און קוסטעס.

נאָך ערגער איז געווען אין די נעכט, ווײל מען האָט נישט געקענט אײנשלאָפן און זיך אָפּרוען נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג, צוליב די טויזנטער מאָסקיטן און אַנדערע פליגעלעך. איז מען שעהן־לאַנג געזעסן בײם שײטער־הויפן, אַז דאָס פײער זאָל דערווײטערן די אינזעקטן. זיצנדיק אַזוי בײם פײער, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון בונט. מיר באַשטימען צו טרעפן זיך דעם צווײטן אָונט אין באַראַק, כדי אַרומצורײדן מערער פּרטים. „אויב אומקומען — זאָל כאָטש די גאַנצע וועלט וויסן" — איז געווען אונדזער באַשלוס.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך געטראָפן: 12 מענער און איך אײנע, אַ יונג מײדל. אין דעם צוזאַמענטרעף האָבן זיך אויך באַטײליקט די פריער דערמאָנטע פּראָפעסאָר זון אַדוואָקאַט. דערנאָך האָבן מיר נאָך עטלעכע נעכט זיך געטראָפן אַלע מאָל אין אַנדערן באַראַק, אין דער פינצטער — ביז עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ געוויסער פּלאַן:

פאַר אַלעמען איז געווען וויכטיק אָנצוקומען צופוס קײן ביערעגײעוו, 14 קילאָמעטער פון אונדזער פאַרשיקונג. אין ביערעגײעוו האָט זיך געפונען די הויפּט־נאַטשאַלסטווע. אָבער דאָרט איז אויך געווען אַ טײך מיט שיפן — און אויב אונדז געלינגט צו דערגײן אַהין, וועט מען פאָדערן אָדער פאַרכאַפּן עטלעכע שיפן און אַנטלויפן מיטן וואַסער. די עיקר פאָדערונג אונדזערע האָט באַדאַרפט זײן — אַרויסנעמען פון דער טײגע! אין פאַל ווען עס געלינגט נישט צו פאַרכאַפּן שיפן, איז פאַראַן גענוג בײמער אויף צונויפצוקלאַפּן אַ טראַטווע און אַנטלויפן. מיר האָבן אויך געוווסט, אַז אין ביערעגײעוו זענען פאַראַן יידן, וואָס וועלן אפשר צוהעלפן.

בסך־הכל אײן חודש נאָך אונדזער אָנקומען אין דער טײגע, איז אַלץ געווען גרײט צו אַ פּלאַנירטן אַנטלויפן.

אַ זײגער 10 פרי האָט ווער פון אונדז באַדאַרפט געבן אַ קלאַפּ אינעם גאַנג — אַ צײכן, אַז די טויזנט פינפהונדערט לאַגערניקעס זאָלן זיך צונויפזאַמלען נעבן מײן באַראַק, דערנאָך זיך אויפזעצן אויף די וואַגאָנעטקעס פון דער שמאָלער באַן־ליניע וואָס האָט געפירט קײן ביערעגײעוו און זיך אַוועקלאָזן אין יענעם אָרט, כדי פאָדערן פון דער נ. ק. וו. ד. בעסערע באַדינגונגען, אָדער פולשטענדיקע באַפרײונג.

## מיר לאָזן זיך קײן ביערעגײעוו

צו דער אָפּגערעדטער שעה, האָט אין לאַגער הילכיק אָפּגעקלונגען דער גאָנג. פון אַלע זײטן האָבן זיך באַוויזן די אַרעסטירטע. צום לעצט זענען אָנגעקומען די אַלטע לײט, פרויען, קראַנקע, קימפּעטאָרינס און אויך מיט נײגעבוירענע אויף די הענט. די פּעקלעך מיטן ביסל אָרעמקײט און עסנוואַרג האָט מען אַרויפגעלײגט אויף די וואַגאָנעטקעס, דאָס בעטגעוואַנט איז נאָך געוואָרן צוגעגרײט פון פריער. אויף דעם האָט מען אַוועקגעלײגט די קינדער און קראַנקע. מ׳האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָלן זײן די נײטיקע מכשירים, ווי: האַמערס, שרויפן, זאַפּאַסרעלסן — אין פאַל אַ וואַגאָנעטקע אָדער פּלאַטפאָרמע וועלן אַראָפּ פון די רעלסן. מיר האָבן געהאַט צווישן די אַרעסטירטע אינזשעניערן, וואָס האָבן געקענט זיך מטפל זײן מיט עווענטועלע, טעכנישע שטערונגען.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צום אַרויסמאַרש, האָבן 13 מענער און איך (די אָנפירונג פונעם בונט), זיך געשטעלט בראש פונעם עשאַלאָן, וועלכער האָט גערירט אין וועג. די מענער האָבן געשטופּט די וואַגאָנעטקעס, די יונגע מײדלעך זענען געגאַנגען צופוס. נאָכן אָפּפאָרן און דורכמאַרשירן אַ 7 קילאָמעטער, האָבן זיך באַוויזן 15 נ.ק.וו.ד.־יסטן אויף פערד. דערנענטערנדיק זיך צו אונדז, האָבן זײ אָנגעצילט די רעוואָלווערן און באַפוילן זיך אומקערן צוריק אין פּאָשאָלעק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען פון פּאָשאָלעק צו וויסן געגעבן אין ראַיאָן, אַז דער ישוב האָט זיך אויסגעלײדיקט און אַז אַלע לאַגערניקעס זענען אַוועק מיט דער קאָלײקע. אונטער דער דראָונג פון געווער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט — נאָר ס׳האָט פּאַסירט אַ פאַל, אַז אײן מײדל האָט באַקומען אַ קאָפּע פון אַ פערד. איך האָב געהײסן דעם מײדל סימולירן אַ געשטאָרבענע, דערנאָך האָבן פיר בחורים זי אויפגעהויבן אין דער הײך און אַלעמען געוויזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קרבן. אין דעם מאָמענט האָב איך מיט דער פלאַש וואַסער, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן אין האַנט, דערלאַנגט דעם פערד וואָס האָט געקאָפּעט. דער פּאָליצײ־מאַן האָט אָנגעצילט אויף מיר זײן רעוואָלווער און אויסגעשריען: „אָדער דו גײסט צוריק, אַ נישט — שיס איך". איך בין נישט געוואָרן נתפעל פון זײן דראָונג, נאָר געעפנט די בלוזע און אים געענטפערט אַז אַלע זאָלן הערן:

— „סטרעלאַיי! יאַ ניע באָיוס, מי ביעזשענצי!"
(שיס! איך האָב נישט קײן מורא! מיר זענען פּליטים!).

די אומגעבעטענע געסט האָבן ווײזט אויס זיך איבערצײגט, אַז מיר אַלע זענען אַנטשלאָסן צו גײן פאָרויס — און בשום אופן נישט — צוריק. בלית ברירה האָבן זײ אויפן באַפעל פון אָפיציר, פאַרשטעקט די רעוואָלווערן אין די טאַשן — און זיך געלאָזט אין ווײטערדיקן וועג. אַרום 5 פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קײן ביערעגײעוו.

צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג, האָבן אונדז דאָרט אָפּגעוואַרט נישט נאָר אַ סך נ.ק.וו.ד.־יסטן, נאָר אויך...

ייִדן, וואָס מ׳האָט זיי געברענגט צו שקלאַפן־אַרבעט, אַזוי ווי אונדז, פון די פאַרנומענע געביטן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד. צו זיי איז געהאַט דערגאַנגען די ידיעה פון אונדזער מרידה און אויף אַ פּאָלאַנע, נישט ווייט פונעם ברעג טייך, האָבן זיי פאַר אונדז אויפגעשטעלט ביידלעך פון צווייגן, צוגעגרייט האָלץ און וואַסער, ווי אויך טעפּ און קעסלען צום קאָכן. האָט מען טאַקע פון מעל און וואַסער צוגעגרייט אַ מאכל, באַקאַנט מיטן נאָמען „זאַטשערוכע". איך בין געווען די פאַרטיילערין פונעם עסן פאַר די קראַנקע און קינדער. אין אָוונט האָבן די ייִדן פון ביערעגייעוו געברענגט פאַר אונדז ברויט.

די נ.ק.וו.ד. זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס, באַגנוגנט זיך בלויז מיטן אָבסערווירן, נישט געטשעפּעט. ווייזט אויס, זיי האָבן נישט געהאַט גענוג כוחות אין ביערעגייעוו, נאָר געוואַרט אויף פאַרשטאַרקונג. ביינאַכט האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ וואַך פון יוגנטלעכע.

צומאָרגנס גאַנץ פרי, ווי נאָר די זון האָט אויפגעשיינט, האָבן איבער אונדזערע קעפּ זיך באַוויזן עראָפּלאַנען. ס׳איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס זענען פליענדיקע אָבסערוואַציע־פּונקטן פון דער הייך, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט געשיקט. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן אין ביערעגייעוו אַ גרעסערע צאָל מיליציאָנערן און זיי האָבן שוין געהאַט אוודאי גענויע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם בונט פון די „פּאָליאַקן", ווי זיי האָבן אונדז גערופן.

נאָך מיט אַ טאָג פריער האָבן די פאַרמשפּטע קולאַקעס פון יענער זייט טייך געשריגן צו אונדז:

— איר ווייסט וואָס איר האָט אָפּגעטאָן? פאַר אַזעלכע זאַכן שיסט מען ביי אונדז. דאָס וואָס איר האָט געטאָן — האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט צו טאָן אין רוסלאַנד, ביי דער סאָוויעטישער מאַכט. אַרעסטירטע זאָלן זיך בונטעווען — ווער האָט געהערט אַזעלכעס?

אַז די נ.ק.וו.ד. אויפן אָרט האָט באַקומען פאַרשטאַרקונג, איז געווען קלאָר, אַז זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן צו אונדז. צו מיר איז טאַקע צוגעקומען אַ העכערער אָפיציר און געדראָט:

— לובאַ, דו וועסט ביי מיר אַזוי קוקן (און דערביי צונויפגעלייגט די פינגער ווי תפיסה־קראַטן).

מיין ענטפער איז געווען אַ קורצער און שאַרפער:

— צי כ׳וועל זיצן צי נישט, איז נישט אייער זאַך. איך וויל נאָר, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז מיר שמאַכטן דאָ אויף פאַרשיקונג, אין די ערגסטע באַדינגונגען. איך וויל נישט אומקומען אַזוי ווי די וואָס זענען געקומען אַהער פריער און אויף זייערע קברים איז געבליבן דער אויפשריפט אויפן שטיין אויף וויפל יאָר קאַטאָרגע זיי זענען געווען פאַרמשפּט...

דער אָפיציר איז אַוועק — און אין אונדזערע הערצער האָט זיך דערוועקט אַ האָפענונג, אפשר פאָרט וועט מען אונדז נישט באַשטראָפן, נאָר אומקערן אין לאַגער אויף בעסערע באַדינגונגען. דערווייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן, וועלכער האָט געדויערט גוטע עטלעכע שעה. מיר זענען געווען אויפן פעלד, אָן וועלכער ס׳איז באַשיצונג קעגן דער פאַרפלייצונג פון הימל. די מענטשן האָבן זיך גענומען איינברעכן. אַממיינסטן זענען געווען באַזאָרגט די משפחות פון די קראַנקע און די עלטערן פון קינדער. ווו וועט מען זיך אַהינטאָן מיט זיי?

אויך די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם בונט האָבן מיט אַמאָל דערפילט די גרויסע אחריות, וועלכע זיי האָבן גענומען אויף זיך. מיר האָבן טאַקע באַשלאָסן צו באַראַטן זיך וועגן ווייטערדיקע שריט, נאָר אָט קומט צו מיר צו אַ נ.ק.וו.ד.־אָפיציר און ווענדעט זיך אין ייִדיש:

— לובאַ, שלאָג זיך מיטן פויסט אין האַרצן אַז האָסט געזינדיקט. — דערנאָך האָט ער געפרעגט אויפן הויכן קול: — ווער עס קאָן ריידן רוסיש, זאָל אַרויפגיין אויף דער פּלאַטפאָרמע.

— איך! — האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן אַ ספּאָנטאַנע תשובה.

— קינד מיינס! האָט מיין מאַמע זיך צעוויינט. — דו קענסט נישט די רוסן. דו ריזיקירסט מיט דיין לעבן. איך וועל דיך שוין מערער נישט זען...

נאָר ווידער דערהערט זיך דעם אָפיצירס קול:

— ווער וויל דערציילן וואָס דאָ קומט פאָר? וואָס האָט אייך דערפירט צו דער איצטיקער לאַגע?

— איך! — האָט זיך מיר ווידער אַרויסגעריסן אַן ענטפער. איך בין אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און מיינע ערשטע ווערטער זענען געווען: — איך וויל וויסן פאַרוואָס האָט איר אונדז געברענגט אַהער, אויף אַ פאַרשיקונג־אָרט, ווו עס זענען פאַראַן פאַרמשפּטע אויף 15 יאָר קאַטאָרגע און מער? וועלכן פאַרברעכן זענען מיר באַגאַנגען? ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין מערב־אוקראַינע, האָט די גאַנצע באַפעלקערונג זיי אויפגענומען מיט בלומען, עסנוואַרג, מתנות. די פרייד איז געווען גרויס. מיר האָבן זיי באַגריסט ווי באַפרייערס. מ׳האָט אפילו דערציילט, אַז סטאַלין האָט באַדאַנקט די איינוווינערס פון די מערב־געגנטן פאַרן קבלת־פנים פאַר דער רויטער אַרמיי. אָבער ווי אַזוי האָט איר אונדז אויפגענומען? מיט וואַנצן, פליי, לייז, שמוץ אָן עסן און טרינקען. מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די פרויען און קינדער. די אַלטע לייט? ווי נאָר עס וועט קומען דער ווינטער, וועלן מיר אַלע דאָ אויסשטאַרבן. איר האָט אונדז פאַראורטיילט צו אַרבעטן אין „ליעס־פּראָוואַל" — אָבער ווער פון אונדז האָט אַמאָל געאַרבעט אין אַ וואַלד? מיר האָבן נאָר געוווּסט ווי אַזוי ביימער וואַקסן, אָבער נישט ווי אַזוי אויסהאַקן ביימער, זיי צעזעגן און טראַנספּאָרטירן. נישט אַנדערש, איר ווילט מיר זאָלן געפינען דעם טויט ביי די ביימער — און קיינער וועט דערפון נישט וויסן. מיר זענען יונג און ווילן לעבן. צי ווייסט איר אין אַ וואָסערע באַדינגונגען מיר געפינען זיך? 12 מענטשן איז איין באַראַק — אַ חורבה, מיט צעלעכערטע ווענט, ייִנגלעך און מיידלעך צוזאַמען. אפילו איצט, אין זומער, איז דאָס וואַסער אין די ברונעמער פאַרפרוירן נאָך פון ווינטער. אויב מיר וועלן נישט אומקומען פון דער שווערער אַרבעט, דראָט אונדז אַ לאַנגזאַמע גסיסה פון נישט דערעסן. אויב איר מיינט, אַז מיר האָבן בדעה אומצוקומען ווי די היגע זאַקלוטשאָנני — האָט איר אַ טעות. איר וועט דאָס נישט דערלעבן!...

דער אָפיציר איז מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— בויט אייך דאָ אויף אַ וואַרשע, ווייל אויב נישט וועט איר אויספגרן. וואָס איז אייך דאָ אַזוי שלעכט? פאַראַן גוטע לופט...

איך האָב אָבער נאָך נישט געהאַט געזאָגט וואָס מיר האָט וויי געטאָן. האָב איך גענומען ריידן אויפן הויכן קול:

— אויב דאָ איז פאַראַן אַזאַ גוטע לופט, טאָ ברענגט אַהער אייערע פרויען, זאָלן זיי דערפון געניסן און אונדז פירט אַוועק אין שטאָט אַריין. מיר קענען אַרבעטן ביי אונדזערע פאַכן און ברענגען מערער נוצן, ווי ביים אויסהאַקן וועלדער. די דאָזיקע אַרבעט פון קאַרטשעווען ביימער האָבן אפילו מענער ביי אונדז נישט געטאָן, אין

פילן זענען נישט געווען אַזעלכע טייגעס. שטעלט אייך פאַר, ווען איך הייס עמעצן פון אייך איבערפירן אַ הויז פון איין אָרט אויפן צווייטן — וועט איר עס באַוויזן צו טאָן? געווי אַזוי טויגן מיר נישט צו האַקן ביימער.

— וואָסזשע ווילט איר יאָ טאָן? — האָט דער אָפּי־ציר געפרעגט מיט איראָניע.

— נאָר אַרבעטן ביי אונדזערע פאַכן — און דערפאַר איז מען גרייט אַלץ צו טאָן.

ס'איז צו באַוואונדערן, וואָס די פאַרזאַמלטע נ.ק.וו.ד.־לייט האָבן אַזוי געדולדיק אויסגעהערט נישט נאָר מיך, נאָר אויך די צוויי מענער און אַ פרוי וואָס האָבן גערעדט נאָך מיר. פונעם פאַרזאַמלטן עולם האָט זיך נישט איינמאָל דערהערט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, טיפע קרעכצן און אייניקע האָבן אפילו אַוועקגעחלשט.

דער עלטסטער גיט אַ באַפעל, אַז די אַלע וואָס האָבן גערעדט, זאָלן מיט אים גיין אין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט אַ הויך־וווקסיקער נאַטשאַלניק ווידער גענומען דראָען מיט אויסשיסן אַלעמען: — ווער זייט איר דען? שטויב אויף דער ערד, אַ גאָרנישט. מיר וועלן אייך אומברענגען...

— ווער מיר זענען? — האָב איך אים איבערגע־שלאָגן די רייד. — מיר זענען פרייע בירגער, מענטשן. הינטער אונדז שטייען די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמע־ריקע. מיר וועלן זוכן שוץ ביי נאָך רעגירונגען.

— זאַמאָלטשי, שפּיאָן! (שווייג, שפּיאָן)! — זאָגט מיר דער אָפיציר. — מיר וועלן נאָך זען צי די מערב־לענדער וועלן זיך פאַר אייך אָננעמען. רוסלאַנד איז שטאַרקער פון זיי. איך לייג דיר פאָר מיט די אַנדערע, וואָס געפינען זיך דאָ, אַז איר זאָלט אויפפאָדערן אַלע זיך אומקערן אין דער טייגע. וואָס ס'וועט שפּעטער זיין — וועלן מיר זען.

מיר האָבן פאַרלאָזט די ביוראָ פונעם נאַטשאַלניק און אַוועק צו די יידן אויף דער פּאָלאַנע, כדי זיך מיט זיי צו באַראַטן. אויפן וועג זאָגט צו מיר פּראָפעסאָר לאָטאַר:

— פריילין לובאַ, איר זייט דאָך אַ פאַרשטענדלעך מיידל און שאַצט ניכטער אָפּ די לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך. די נ.ק.וו.ד. מיינט גאַנץ ערנסט מיט אירע דראָונגען. אויסער דעם, איז גרויס אונדזער אחריות פאַר אַזוי פיל יידן, באַזונדערס כלפּי די קראַנקע פרויען און קינדער. איך מיין, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה ווי הייסן דעם עולם צוריק גיין פונוואַנען מ'איז געקומען. זאָלן זיי צוריק אַרויפלייגן אויף די וואַגאָנעטקעס זייערע זאַכן און צוריק פאָרן, אַנדערש וועלן זיי אונדז דערשיסן.

אַזוי ווי ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, האָבן מיר באַשלאָסן ערשט צו מאָרגנס זאָגן די מענטשן אונ־דזער באַשלוס. אַרום 8 אַ זייגער אין דער פרי האָבן מיר זיי אויפגעקלערט די געשאַפענע סיטואַציע און געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין... אויף צוריק. אין דער אמתן איז דער עולם געווען רעזיגנירט, אַפּאַטיש, באַזונדערס די קראַנקע. זיי האָבן שוין געוואָלט האָבן אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אַוועק צו לייגן.

איך האָב באַמערקט, ווי מיר גייט נאָך אויף שריט און טריט אַן אומבאַקאַנטער מאַן, געקליידעט ציוויל. האָב איך אַ פרעג געטאָן: — וואָס עפּעס גייט איר מיר נאָך? זיין ענטפער איז געווען: — איך זע, אַז דו ביסט דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דעם בונט. וויל איך אָבסערווירן דיין ווייטערדיקע אויפפירונג.

איך האָב זיך נישט גענומען צום האַרצן זיינע רייד און אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל ווערן צוגעגרייט צום אַרויספאָר. איך בין דערנאָך אַוועק אין דאָרף אויסטוישן עטלעכע קליידער און וועש אויף עסנוואַרג — און נאָך 3 טעג פון קאַמף, ווידערשטאַנד און מרידה קעגן די אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען אין דער טייגע — האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהין, פונוואַנען מ'איז געקומען.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם בונט זענען געווען: פּראָפ' לאָטאַר, אַדוואָקאַט שטאָק, מאָטל שטערן (איצט אין ניו־יאָרק), אברהם פליישער (אין לאָנדאָן), שמואל אברהם עלצטער ז"ל און זיינע זין: יאָסקע און חיים (אין גבעת אולגה, חדרה), איך און דער שוואָגער פון דער פרוי קריגער — באָרנשטיין פון וואַרשע.

געווען אויך ביי אונדז אַ מוסר, אַ געוויסער קראָב־מאַלניק, וועמען נאַטשאַלסטווע האָט באַשטימט פאַר אַ נאַריאַדטשיק (אויפזעער). ער האָט געמאָלדן אַלע דרייצן פון דער אָנפירונג, אַז מען רופט אונדז אין שטאַב. אין דער פייערלעשער־רעמיזע איז טאַקע געווען פאַרזאַמלט אַ צאָל אָפיצירן און זיי האָבן אונדז געמאָלדן, אַז מען פירט אונדז אַוועק קיין ביערעגייעוו, אויף אַן אויספאָר־שונג. די אויספאָרשונג האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, נאָר איך מוז אונטערשטרייכן, אַז זי איז געפירט געוואָרן אויף אַ מענטשלעכן אופן.

דערנאָך האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אויף אַ שיפל קיין אסינא. מיר האָבן זיך געפונען אויפן וואַסער אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

(סוף — אין קומענדיקן נומער „קול לובלין")

**אנו מחפשים מתנדבים**

**לביקורי־בית**

**אצל חולים ונזקקים, יוצאי עירנו;**

**לתורנות ב„חדר לובלין"**

**לשעתיים בשבוע;**

**לסידור הארכיון**

**ולעבודה משרדית**

**(פעם בחודש, לשעתיים)**

בעלי רצון טוב יתקשרו בטלפון:

7 4 5 0 8 3

# הערשעלע

**אַ דערינערונג**

**צבי זילבערמאַן / רמת־גן**

הערשעלע חנה־מאירס — אַזוי האָט מען אים גערופן. אָבער אַפילו ווען מ'האָט נישט מצרף געווען דעם טאַטן און סתם געזאָגט הערשעלע, האָט יעדער געוווסט וועמען מען מיינט.

הערשעלע איז געווען אַ ייד ווי אַלע יידן, און דאָך — נישט ווי אַלע. זאָגט מיר, אדרבה, האָט איר געקענט אַ סך יידן, וואָס זאָלן האָבן אַזאַ הנאה פון מכבד זיין אַ צווייטן מיט אַ גלעזל טיי, ווי הערשעלע? און וואָס הייסט הנאה האָבן?! דאָס איז ממש געווען אַ טייל פון זיין לעבן.

הערשעלע איז געווען אַ גרויסער מכניס־אורח. ער וואָלט אַוודאי געוואָלט אַן אָרעמען אורח מכבד זיין מיט אַ גוטער וויעטשערע, אַ פיינעם מאָלצייט מיט אַ שטיקל פיש, לאָקשן מיט יויך, אַ פערטל גענדזנס. אָבער די אַלע גוטע זאַכן, האָט ער אַליין זעלטן ווען טועם געווען. וועגן דעם האָט ער נאָר געקענט חלומען. אָבער אַ גלעזל טיי פאָ־פּריקוסקו, אויף דעם קען ער זיך נאָך דערלויבן. און דאָס האָט ער טאַקע געטיילט מיטן גאַנצן האַרץ, אויף רעכטס און אויף לינקס.

די ערשטע אַרבעט זיינע אין דער פרי איז געווען: אָפּגיסן „נעגל־וואַסער" און אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר. ווי נאָר ער האָט דעם סאַמאָוואַר צעבלאָזן, האָט ער זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אין גאַס ווערבירן טרינקערס — אָרעמע יידן וואָס זענען אַ נאַכט איבערגעשלאָפן אין הכנסת־אורחים. נישט איין מאָל איז אים געלונגען אַריינבאַקומען סתם אַ ייד, וואָס האָט זיך געאיילט אין בית־המדרש דאַוונען, און טאַקע נאָך נישט געהאַט דעם האַלדז אַדורכגעשווענקט.

אויך אַ גאַנצן טאָג איז דער סאַמאָוואַר געווען צו זייער דיספּאָזיציע. אויך האָט אָפּט פּאַסירט, אַז אַפילו אַ בעל־הביתישן ייד האָט זיך פאַרגלוסט טרינקען טיי, ווייל ר'איז גראָד געווען אין שטאָט און צו זיך אַהיים איז געווען אַ ביסל ווייטלעך. וועט ער גיין אין אַ רעסטאָראַן? ס'איז עפּעס נישט יידישלעך — כאַפּט מען זיך אַריין צו הערשעלען.

שוין שטייט אויפן טיש אַ פרישע גלעזל טיי. אויך הערשעלע האַלט מיט, ער האָט שטענדיק גרייט אַ „פּה לשתות". זיצט מען זיך געמיטלעך, און צווישן איין זופּ און אַנדערן, שמועסט מען פון אַלץ אין דער וועלט.

דאָס וואָס כ'וויל ווייטער דערציילן, האָט אַ שטאַרקן שייכות מיט הערשעלען. און נישט אַזוי מיט העשעלען, ווי טאַקע מיט זיינס אַ גלעזל טיי.

כ'בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר 8—9. מיר האָבן געוווינט אין לובלין, ווו די עלטערן האָבן געהאַט אַ געוועלב פון גאַלאַנטעריע און שרייב־געצייג. מיך פלעגט מען שיקן אויף זומער־וווינונג קיין קראַסניסטאַוו, אויף אַ פּאָר חדשים, צום זיידן איטשעלע זיגעלשיפּער אָדער ווי מען פלעגט אים רופן — „זעיגעלשיפּערס".

אויף אַ זונטיק פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן קיין קראַסניסטאַוו מיין מאַמע אָדער דער טאַטע — קיינמאָל נישט ביידע צוזאַמען, ווייל איינער האָט געמוזט בלייבן אין געוועלב. ס'איז אַ שאָד געווען דאָס לייזעכץ דורך דער הינטער־טיר.

אין אַ זונטיק פאַרטאָג, די ווייזערס אויפן מאַגיסטראַט־זייגער ווייזן נאָך דריי, די שטאָט איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, מען זעט נישט קיין לעבעדיק נפש. אויך דער גאָרטן איז ליער, נאָר דער איינציקער מענטש וואָס געפינט זיך דאָרט איז מיין מאַמע.

זי איז אַרויסגעפאָרן פון לובלין מיטן צוג איינס ביי־נאַכט. און איצט וויל זי נישט אויפוועקן איר טאַטן מיטן בני־בית. זיצט זי דעריבער אויף אַ באַנק אין פּאַרק און וואַרט און קוקט פון צייט צו צייט אויפן שטאָט־זייגער. איר דוכט זיך, אַז די ווייזערס באַוועגן זיך נישט בכלל. דער הימל אַרום איז גראָ, נישטאָ די בלאָקייט פון אַ זומערדיקן פרימאָרגן.

אין צווייטן עק גאָרטן זעט זיך די געשטאַלט פון אַ פּאָליאַק מיט אַ לאַנגן בעזים. ער קערט אויס דאָס אָפּפאַלעכץ, צוזאַמען מיטן נעכטיקן טאָג. נאָר אָט באַווייזט זיך נאָך אַ מענטש אין גאָרטן — דאָס איז הערשעלע.

ער שפּאַצירט אין זיין כאַלאַטל, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און באַוווּנדערט גאָטס וועלטל; זיינע ליפּן מורמלען עפּעס, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך.

פלוצלונג דערזעט ער אַן אשה זיצן איינזאַם אויף אַ באַנק. און נישט עפּעס סתם אַן אשה, נאָר אַן עלטערע יידישע פרוי. עס נעמט אים אַרום אַ שטאַרק רחמנות, ער דערמאָנט זיך דעם זודיקן סאַמאָוואַר ביי זיך אין שטוב, קלערט נישט לאַנג און באַשליסט פּרובירן זיין מזל:

— זייט־זשע מוחל! אפשר וואָלט איר זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר און געטרונקען אַ גלעזל טיי?

מיין מאַמע, אַן איבעראַשטע, האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען וואָס דער ייד וויל פון איר. אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט; אָבער הערשעלע איז נישט נתפּעל געוואָרן איינמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין פאָרשלאַג. מיין מאַמע האָט זיך אַביסל באַרואיקט און שטיל געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, איך וויל נישט קיין טיי, איך וואַרט דאָ, ביז מען וועט עפענען אויף דעם באַלקאָן, כ'בין נאָר וואָס געקומען פון לובלין און כ'וויל נישט וועקן מיין טאַטן...

— וואָס האָט איר געזאָגט? וואָס פאַר אַ באַלקאָן? — האָט הערשעלע געפרעגט.

— אָט־אָ דאָ, — האָט מיין מאַמע געוויזן מיט פינגער.
— דאָ וווינט מיין טאַטע איטשעלע זיגעלשיפּער.



טיול תלמידי בי״ס תיכון („הומניסטי״) בלובלין לתערוכה כל־ארצית בפוזנאן, ב־1929.

אויספלוג פון די שילערס פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע אין לובלין, צו דער אַלגעמיינער לאַנד־אויסשטעלונג אין פויזן, אין יאָר 1929. עס זיצן פון לינקס אין דער ערשטער ריי: גדליהו פישמאַן, פונק, זילבער, רבקה ווייס, נחמן בלומענטאַל. עס שטייען: קראַסוצקא, זילבער רעגינא, רוער דוד צווייטע ריי: אַקערמאַן, גראדעל, זילבער, שפּיראָ. דריטע ריי: זילבער, בראַמבערג אדאם, שער מאריא, טעוול בלומענטאַל, טאָלזאָן. עס שטייען פון הינטן: ראַטבלאַט, שרה איבעראל, שרייבמאַן.

---

דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים, האָט הערשעלע ערשט אָנגענומען קוראַזש און באַשלאָסן נישט אָפּצולאָזן זיין „קרבן״.

— אויב אַזוי, מעגט איר דאָך אַוודאי אַריינגיין צו מיר. פאַר וואָס זאָלט איר זיצן אויפן גאַס? נישקשה, כ׳וועל שוין אָפּנעמען ביי אייער טאַטן אַ גלעזל טיי...

ווען אויך דאָס האָט נישט געווירקט, האָט הערשעלע אָנגעהויבן אויסצורעכענען אַלע מעלות־טובות און גוטע מידות פון ר׳ איטשע זיגעלשיפער: „עפּעס אַ קלייניקייט, ר׳ איטשעלע״ — געמיינט אַזוי אַרום געווינען מיין מאַמעס צוטרוי.

כ׳ווייס נישט צי דאָס האָט געהאָלפן. מיין מאַמע האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף הערשעלען, דערזען זיינע גוטמוטיקע אויגן און אַפּנים פאַרשטאַנען, אַז עס דראָט איר נישט קיין שום געפאַר. האָט זי זיך אויפגעשטעלט און שטיל נאָכגעגאַנגען הערשעלען.

אַרויסגייענדיק אַ דערפרישטע פון הערשעלעס גלעזל טיי, האָט זי אַרומגענומען אַ ליכטיקער פרימאָרגן, די זון האָט געשיקט אירע ערשטע שטראַלן און באַגילדט די שפּיצן פון די דעכער.

זי האָט געשפּרייזט אין דער ריכטונג צום באַלקאָן, ווו עס איז שוין געזעסן איר טאַטע, מיט אַ צעקעמטער באָרד. נישט אַרויסלאָזנדיק דעם ציגאַר פון מויל, האָט ער געמישט מיט אַ זילבערן לעפעלע אין אַ גלאָז שטאַרקע טיי.

*

כ׳ווייס נישט הלמאי די געשיכטע איז אַזוי טיף איינ־געקריצט אין מיין זכרון, אפשר דערפאַר וואָס מיין מאַמע האָט זי ביי יעדער געלעגנהייט מיט ליבשאַפט דערציילט, זי האָט אָבער נישט פאַרגעסן יעדעס מאָל צו פאַרענדיקן מיטן זעלבן פזמון:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיינע טייערע! מיר האָט נאָך קיינמאָל נישט געשמעקט אַזוי אַ גלעזל טיי און כ׳האָב עס נאָך קיינמאָל אַזוי נישט באַדאַרפט, ווי דאַן ביי הערשעלען...

# אונדזער ביישטייער צום דרייסיקסטן יום העצמאות פון מדינת ישראל

**סעם ברייטער** מאָנטרעאל

אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום וועט די גאַנצע יידישע וועלט און אוודאי און אוודאי די יידישע מדינה, פייערן דעם 30סטן יום העצמאות פון ישראל. אַזוי ווי לכבוד 25 יאָר מדינת ישראל איז פאָרגעקומען דער ערשטער וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער, דאַרף אויך די צווייטע „קיילעכיקע״ דאַטע פון 30 יאָר יידישע זעלבשטענדיקייט, געפייערט ווערן דורך אונדזערע לאַנדסלייט מיט דער געהעריקער פרייד און סאָלידאַריטעט מיט ירושלים. דעריבער איז מיין אַפּעל צו אונדזערע בני־עיר:

**אָרגאַניזירן אַ צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער — לכבוד דעם 30סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל.**

אויסער דער נאַציאָנאַלער און ישראלדיקער מאָטיוואַציע פאַר אַזאַ צוזאַמענטרעף, איז פאַראַן אַ צווייטער, נישט ווייניק וויכטיקער מאָמענט: די לובלינער לאַנדסלייט אין דער וועלט האָבן ווידער אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אונדזערע בני־עיר אין ישראל און צוריק אויפלעבן געשטאַלטן, זכרונות און שטייגער פון דער אַלטער היים. ווער ווייסט, צי איז עס נישט די לעצטע געלעגנהייט פאַר אַזאַ קאָמפּאַקטן, אָרגאַניזירטן און יום־טובדיקן צונויפטרעף פון יידן פון איין שטאָט, וואָס זיי פאַרבינדט אַזוי פיל בשותפותדיקע דערינערונגען און איבערלעבונגען?

ביי מיר (און איך בין טיף איבערצייגט — אַז נישט בלויז ביי מיר) איז נאָך אַלץ נישט פאַרשוווּנדן דער זיסער טעם און די טיפע עמאָציעס פונעם ערשטן צוזאַמענטרעף אין יאָר 1973. איר געדענקט דאָך אוודאי די פייערלעכע דערעפענונג, מיטן אָנטייל פון מיניסטער נתן פלד (פעלעד); די אויפנאַמע, אַן אָוונט פריער, וועלכע ס׳האָט איינגעאָרדנט אין האָטעל „פלאַזאַ״ לובאַ און משה קאָרן; דער אָנטייל אין מיליטערישן פאַראַד אין ירושלים; דער אָוונט פון פאַרטיילן די ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון די קדושים פון לובלין; די פריוואַטע אויפנאַמעס אין די היימען פון די פאַמיליעס מאַנדעלסבערג, זיידענווערג, רייכענשטיין, שטאָקפיש, וואַסאָנג און אַנדערע; און אחרון אחרון חביב — די רירנדיקע, האַרציקע באַגעגענישן פון קרובים, פריינד, חברים פון דער שול־באַנק, פון חדר, פון דער אָרגאַניזאַציע. אַזעלכע געשעענישן זענען אומפאַרגעסלעך און עס בענקט זיך ווידער אַמאָל דאָס אַלץ אַדורכצומאַכן. דער חודש מאַי 1978 איז די בעסטע און פּאַסיקסטע געלעגנהייט דערצו. אַ קלייניקייט: 30 יאָר מדינת ישראל.

וואָס שייך דעם פּראָגראַם פונעם צוזאַמענטרעף — מעג מען זיך פאַרלאָזן אויף אונדזערע לובלינער אין ישראל. זיי ווייסן ווי אַזוי אָרגאַניזירן אַזאַ אונטערנעמונג. דער אירגון יוצאי לובלין האָט נישט אַנטוישט אין יאָר 1973 — און וועט אויך דאָס מאָל נישט פאַרפירן.

לאָמיר דעריבער שוין איצט זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט. זאָל דער צווייטער וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער זיין אַ וואָגיקער ביישטייער צו די פייערונגען לכבוד 30 יאָר מדינת ישראל.



**די האַרציקע באַגעגעניש פון סעם ברייטער (לינקס) מיט משה קאָרן אין האָטעל „פלאַזאַ״ אין תל־אביב, אויפן ערשטן וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער — מיט אַ „תקיעת־כף״ צו טרעפן זיך אויף דעם זעלבן אָרט, נאָך אין יאָר 1978, אויפן צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף**

# פּאָרשלאָגן צום צווייטן וועלט-צוזאַמענטרעף פון לובלינער

דוד שטאָקפיש

אונדזער בן־עיר סעם ברייטער פון מאָנטרעאַל, וואָס האָט דער ערשטער געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אַ וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער לכבוד 25 יאָר מדינת ישראל, איז שוין ווידער פול מיט איניציאַטיוו און פּלענער בנוגע דעם צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף, וואָס דאַרף פּאָרקומען אין אַפּריל־מאַי 1978, אין 30סטן יום העצמאות פון דער יידישער מדינה.

וויל איך גלייבן, אַז דער דאָזיקער געבענטשטער פּאַרלאַנג פון סעמ׳ען — און אוודאי און אוודאי פון נאָך הונדערטער לאַנדסלייט אונדזערע אין דער וועלט און אין ישראל — וועט רעאַליזירט ווערן אויפן סאַמע בעסטן אופן. נאָר כדי געבן דעם צוזאַמענטרעף אַ ריכטיקן ציל און אויפגאַבע, ווי:

- אידענטיפיצירן און סאָלידאַריזירן זיך מיט מדינת ישראל צום 30סטן יום העצמאות אירן;
- באַקענען זיך מיט די היסטאָרישע ערטער פון דער מדינה, ווי אויך מיט אירע פּאָליטישע, מיליטערישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע פּראָבלעמען;
- דערמעגלעכן די אנטיילנעמערס פונעם וועלט־צוזאַמענטרעף וואָס מערער צייט צו זיין און פאַרברענגען צוזאַמען.

איז נייטיק, אַז דער צווייטער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער אין ישראל, אין אַפּריל־מאַי 1978, זאָל אויך שטיין אונטערן צייכן פון

**אַ סעמינאַר פאַר די געסט פון אויסלאנד.**

וואָס מיינט דאָס?

מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך דורך דער סוכנות אין ירושלים באַשטימט געוואָרן ווי דער באַגלייטער פון אַ גרופּע יידן (40 פּערזאָן — איין אויטאָקאַר) פון פראַנקרייך, וואָס זענען געקומען אויף אַ 2־וואָכיקן סעמינאַר קיין ישראל. אַזוי ווי דער סעמינאַר איז געווען אינטערעסאַנט, באַלערנדיק און טאַקע אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, אַז די אָנטיילנעמערס זענען צוריקגעפאָרן צופרידענע, ממש — באַגייסטערטע, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אויב אַזאַ אונטערנעמונג האָט געטויגט פאַר די פיר צענדליק יידן פון פאַריז — טאָ פאַר וואָס זאָל אַן ענלעכער סעמינאַר נישט זיין די הויפּט־אַטראַקציע פון אונדזער וועלט־צוזאַמענפאָר?

אדרבה, באַקענט זיך מיטן פּראָגראַם פון אַזאַ שטודיר־רייזע, ווי זי האָט אויסגעזען אין אַפּריל 1976 — און עפּעס ענלעכס, אָדער דאָס זעלבע, וועט מיט דער הילף פון דער סוכנות (אַזוי וויל איך גלייבן) זיך לאָזן רעאַליזירן אין די טעג פון לובלינער וועלט־צוזאַמענטרעף.

איצט — לייענט מיט כוונה:

זונטיק: אָנקום אויפן עראָפּאָרט בן־גוריון און אָפּפאָר אין האָטעל אין תל־אביב.

מאָנטיק: אין אָוונט — פרייער צוזאַמענטרעף פון לובלינער יידן אין ישראל מיט די געסט פון אויסלאַנד.

דינסטיק: האַלב־טאָגיקער באַזוך אין תל־אביב און סביבה. אין אָוונט — פייערלעכע אויפנאַמע פאַר די לובלינער פון די תפוצות. באַנקעט; אַרטיסטישער פּראָגראַם.

מיטוואָך: אָפּפאָר קיין ירושלים. אויפן וועג — באַזוך אין קליטה־צענטער פאַר נייע עולים אין מבשרת ציון. רעפעראַט וועגן עליה און קליטה; נאָכמיטאָג — דערעפענונג פון סעמינאַר, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון דער סוכנות. אין אָוונט — רעפעראַט פון אַ כנסת־דעפּוטאַט (אָדער מיניסטער) „30 יאָר יידישע זעלבשטענדיקייט".

דאָנערשטיק: ירושלים: באַזוך אויפן הר הרצל און מיליטערישן בית־הקברות; באַזוך אין יד ושם און ביים מאָדעל פון דער תקופה פון בית שני. נאָכמיטאָג: באַזוך אין דער ירושלימער אַלטשטאָט (אַראַבישער קוואַרטאַל), ביים כותל המערבי און די שילן.

פרייטיק: באַזוך אין מוזעאום, אוניווערסיטעט און נייע וווין־קוואַרטאַלן. אין אָוונט — קבלת שבת.

שבת: פריי. אין אָוונט — צוזאַמענטרעף מיט יידישע שרייבערס.

זונטיק: אַרויספאָר צו דער אַלענבי־בריק — די „אָפענע גרענעץ" צווישן יאָרדאַניע און ישראל; באַזוכן אין נייע זידלונג־פונקטן. אָפּפאָר אין צפון פון לאַנד דורך בית־שאן און טבריה. נאָכמיטאָג — באַזוך אין קרית־שמונה און אין קיבוץ דן. אין אָוונט — אַ שמועס וועגן קיבוץ.

מאָנטיק: אַרויספאָר אין רמת הגולן; באַזוך אין קיבוצים אויף דער סירישער גרענעץ און אין אַ פאָדערשטער פּאָזיציע פון דער ישראל־אַרמיי; שמועס מיט די סאָלדאַטן. מיטאָג — אין צפת. נאָכמיטאָג — אין קיבוץ לוחמי הגיטאות (געטאָ־קעמפערס), באַזוך אין מוזעאום. אין אָוונט — אָנקום אין חיפה.

דינסטיק: באַזוך אין דער שטאָט חיפה. דערנאָך — באַזוך אין אַן אַראַביש דאָרף. רעפעראַט וועגן דער אַראַבישער מינדערהייט אין ישראל. נאָכמיטאָג: באַזוך אין קיבוץ מענית. רעפעראַט וועגן ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. אין אָוונט — אָנקום אין תל־אביב.

מיטוואָך: באַזוך אין דער הסתדרות. רעפעראַט וועגן די אויפגאַבן פון דער הסתדרות. באַזוך אין א גרויסער פאַבריק אין תל־אביב. אין אוונט — רעפעראַט פון אַ כנסת־דעפּוטאַט וועגן די עקאנאמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

דאָנערשטיק: פרייער טאָג. אין אָוונט — אויפנאַמע ביי אַ לובלינער פאַמיליע אין תל־אביב פאַר די געסט פון אויסלאַנד.

פרייטיק און שבת — פריי. מוצאי־שבת — באַזוך אין אַ יידיש טעאַטער.

זונטיק: אַרויספאָר אויף דרום. רחובות, וויצמאַן־אינסטיטוט, וויין־קעלערן אין ראשון־לציון, אשדוד — דער פאָרט און די שטאָט. נאָכמיטאָג — אשקלון.

מאָנטיק: קיבוץ יד מרדכי. מוזעאום און רעקאָנסטרואירטער שלאַכטפעלד פון יאָר 1948. נאָכמיטאָג — עזה־ראַיאָן; די נייע שטאָט ימית; פיתחת רפיח.

דינסטיק: באר־שבע, ערד, מצדה. אין אָוונט — צוריק אין תל־אביב און פאַרענדיקונג פון סעמינאַר.

מיטוואָך: אין אָוונט — פאַרענדיקונג פונעם וועלט־צוזאַמענפאָר מיטן טראַדיציאָנעלן באַל פון די לובלינער לכבוד דעם 30סטן יום העצמאות.

*

ביז איצט — דער פראָיעקט פונעם וועלט־צוזאַמענפאָר און סעמינאַר. מיר שטרייכן אונטער — פראָיעקט, ווייל אַלץ איז נאָך דערווייל מחשבות און פאָרשלאַגן, וואָס האָבן אַ ברירה רעאַליזירט צו ווערן, אויב ס'וועלן שוין איצט אַדורכגעפירט ווערן אייניקע באַשלוסן:

1) די קאָמיטעטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין די באַזונדערע לענדער דאַרפן פאַרנאַנדערשיקן אַ בריוו צו יעדן בן־עיר, מיט אַ פאָטאָקאָפיע פון דעם אַרטיקל, כדי אָנהייבן אַ פריצייטיקע רעגיסטראַציע פון קאַנדידאַטן צום צווייטן וועלט־צוזאַמענפאָר און סעמינאַר.

2) ווי נאָר מיר וועלן באַקומען די רשימה אָדער אַלגעמיינע, עווענטועלע צאָל פון באַטייליקטע — וועלן מיר זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער סוכנות אין ירושלים, כדי אַרומריידן די פרטים פון סעמינאַר.

3) איצט, אין נאָוועמבער 1976, איז שווער פעסטצושטעלן די פרייזן פאַר אַפּריל 1978. לשם אָריענטאַציע דאַרפט איר וויסן זיין, אַז יעדער „סעמינאַריסט" פון פראַנקרייך האָט באַצאָלט דער סוכנות 250 דאָלאַר — און פאַר דעם געלט האָט מען אים פאַרזיכערט מיט האָטעל, פולע אויסהאַלטונג און אויטאָקאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז דער פלי־בילעט אַהין־און־צוריק גייט נישט אַריין אין דעם חשבון.

4) דער סעמינאַר ווערט געפירט אין יידיש. די אויפקלערונגען — אויפן וועג און בנוגע די היסטאָריש ערטער, ווערן געגעבן פון דיפּלאָמירטע וועגווייזערס.

*

מיר ווילן האָפן, אַז מינדעסטנס אַ 200 לובלינער יידן פון די תפוצות, וועלן קומען קיין ישראל זיך פרייען מיט 30 יאָר יידישע מדינה, זען זיך און משמח זיין מיט די לאַנדסלייט, קרובים און פריינד. אויסער דעם וועט מען טאַקע פאַרברענגען צוזאַמען אין אַ 4 אויטאָקאַרן — ס'וועט זיין „ לעבן אויף רעדער", מיט דעם פאַרגעניגן צו באַקענען פון דער נאָענט מדינת ישראל, וואָס וועט פייערן איר 30סטן געבוירנטאָג.

טאָ נעמט אייך שוין צו דער אַרבעט, לויטן כלל, אַז „אַ גוטער בעל־הבית גרייט זומער דעם שליטן און ווינטער — דעם וואָגן". לאָמיר שאַפן די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אַטמאָספער און אָרגאַניזאַציאָנעלע כלים, כדי באַצייטנס צוגרייטן — און דערפאָלגרייך אַדורכפירן — דעם צווייטן וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער.

## גיב א שמייכל...

מיט אַ צייט צוריק האָב איך אין אַן אויסגאַבע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט פון אָפּאָלע־לובעלסקי, דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1929, געפונען **„צען געבאָט פאַר אונדזערע מעמבערס"**. אַכט פון זיי ברענגען מיר פאַר די לייענער פון „לובלינער שטימע", ווייל די דערמאָנטע „עשרת הדיברות" זענען נאָך אַקטועל אויך היינט און פאַר **אַלע** אָן אויסנאַם לאַנדסמאַנשאַפטן. הגם די „געבאָטן" זענען זייער ערנסטע, וועלן זיי אָן שום ספק אויך אַרויסרופן אַ... שמייכל. אַזוי ווילן מיר האָפן!

**ד. ש.**

*

**געבאָטן פאַר אונדזערע מעמבערס**

1. קומט נישט צו די מיטינגען. און ווען איר קומט שוין יאָ — קומט שפּעט!
2. ווען ס'רעגנט, אָדער ס'איז הייס, צי קאַלט זיצט אין דער היים — זאָל אַ צווייטער גיין צום מיטינג.
3. ווען איר קומט אַמאָל צו אַ מיטינג — זוכט נאָר חסרונות ביי די קאָמיטעט־מיטגלידער.
4. נעמט נישט אָן קיין שום אַמט — ס'איז לייכטער צו קריטיקירן יענעם.
5. אַז איר ווערט שוין אַמאָל אין אַ יובל אַ קאָמיטעט־מיטגליד — נעמט אייך נישט צו־פיל איבער דערמיט, אָדער מאַכט אייך נישט וויסן — און צו דער באַשטימטער צייט פון אַ זיצונג — מעגט איר בלייבן זיצן אין דער היים.
6. ווען מ'פאַרלאַנגט פון אייך אַ מיינונג אין אַ געוויסער פראַגע — מעגט איר מאַכן אַ שווייג, אָבער נאָכן מיטינג — „קאָכט זיך".
7. איר אַליין טוט גאָרנישט, נאָר ווען אַנדערע טוען יאָ — דאַן שרייט געוואַלד, אַז אַ „קליקע" פירט די סאָסייטי.
8. האַלט זיך אָפּ פון צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל — ביז מ'וועט מיד ווערן אייך צו מאָנען. אָדער בעסער — צאָלט גאָרנישט — ווי לאַנג איז דער שיעור?

# הארציקע צוזאמענטרעפן מיט לובלינער אין קאנאדע

**פאָלע און סוכער פאַכטשאַש** ראשון לציון

דעם 15טן יוני 1976, זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָנ־טרעאל, וווּ עס האָבן אָפּגעוואַרט אונדזערע קינדער, משפחה ווי אויך נאָענטע פריינד, די לובלינער משפחות: זימעל־שטערן, מאָסקע בוים, שלמה וואָלבערג און אַנדערע. די באַגעגעניש מיט די קינדער און מיט אַלע פריינד איז געווען זייער אַ האַרציקע און אַנגענעמע.

לײַדער, איז פריינד סעם ברייטער נישט געווען אויפן פלי־פּלאַץ, ווייל ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע האַרץ־אָפּעראַציע.

דעם צווייטן טאָג זענען מיר געווען אים באַזוכן אין אַ דערהאָלונג־היים. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט אונדז. סעם איז נאָך אַ לענגערע צייט געווען אין דעם אָפּרו־היים, ווו מיר האָבן אים אָפט באַזוכט. ווען ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד אים צו נעמען אַהיים. נאָך אַ פּאָר טעג האָט זיין פרוי סאַראַ געמאַכט אַן אויפנאַמע לכבוד סעמס געזונט ווערן. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם אים באַגריסן, אויך די גאַנצע משפחה מיט פריינד. צו אונדזער אָוועקפאָרן, נאָך צוויי מאָנאַטן זיין אין מאָנטרעאל, האָט סעם זיך געפילט גאַנץ גוט. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט שוין פון קיין קראַנקייט נישט וויסן מער.

אַ פּאָר טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין מאָנטרעאל, האָט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אַדורכגעפירט דעם יערלעכן שלום־מיטינג. עס זענען געווען אָנוועזנד איבער 60 פּערזאָן. ס'איז געווען אַ שיינער מיטינג מיט אַ גוטער שטימונג. דעם געלונגענעם אָונט־ברויט האָט צוגעגרייט רחלע זימעלשטערן. מען האָט אונדז זייער האַרציק באַגריסט. איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין מאָנטרעאל, זענען מיר געווען באַזוכן די פריינד צעשע און סימאָן זיידענווערג. אויך סימאָן איז דאַן געווען נאָך אַ שווערער האַרץ־אָפּעראַציע, אָבער ווען מיר האָבן אים געזען, האָט ער זיך געפילט בעסער; שפּעטער זענען די זיידענווערגס אָפּגעפאָרן קיין מיאַמי זיך אָפּרוען. צו זייער אָפּפאָרן און אונדזער אָנקומען, האָבן די משפחה יאסקע בוים איינגעאָרדנט אַ שיינע אויפנאַמע ביי זיך אין הויז, פאַר אַ גרויסן עולם.

נאָך אַ פּאָר וואָכן זיין אין מאָנטרעאל און אָנגעפרייט זיך מיט אַלע, זענען מיר געפאָרן קיין טאָראָנטאָ, ווו אונדזערע פריינד האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט. אין טאָראָנטאָ זענען מיר געווען אין הויז פון פעלע און מאיר פרידמאַן, אונדזערע גוטע פריינד פון אַ סך יאָרן. זיי האָבן אונדז גוט אויפגענומען. מיר האָבן פאַרבראַכט אין טאָראָנטאָ מער ווי אַ וואָך. דאָרט האָט יעדער באַזונדער פון די לובלינער פריינד אונדז גוט און פריינדלעך אויפגענומען ביי זיך אין הויז.

פריינד פרידמאַן האָט געשיקט פאַר די לובלינער אין ישראל 100 דאָלאַר, און די פריינד אלספעקטאָר און ראָטענבערג — צו 50 דאָלאַר.

דעם לעצטן אָונט פון אונדזער זיין אין טאָראָנטאָ, האָט די משפחה פרידמאַן געמאַכט לכבוד אונדז אַ געזעגענונגס־מסיבה. עס זענען געקומען אַ סך פריינד אונדז געזעגענען.

נאָכן צוריק קומען קיין מאָנטרעאל, האָבן זיך ווידער אַלע געפרייט מיט אונדז. די לעצטע וואָך פאַרן אָוועקפאָרן, האָט דער פאָרזיצער פון די לובלינער גערופן אַ קאָמיטעט־זיצונג, און געשיקט פאַר די לובלינער אין ישראל 250 דאָלאַר, — און פאַרן אָפּפאָרן, האָבן אונדזערע פריינד רחלע און נפתלי זימעלשטערן געמאַכט פאַר אונדז אַ געזעגענונגס־אָוונט. עס זענען געווען איינגעלאַדן די גאַנצע משפחה און פריינד לובלינער, ווי אויך נישט־לובלינער.

מיר דאַנקען זיי גאָר הערצלעך פאַר דער גוט־פאַרברענגטער צייט מיט זיי צוזאַמען. זיי האָבן אונדז געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג וואָס מיר האָבן געמוזט צוריקפאָרן. דער טאָג איז געווען פאַר אונדז אַ ווייטאָגדיקער צו פאַרלאָזן די קינדער, די משפחה ווי אויך אַלע פריינד. עס האָט זיך שוין אָבער געבענקט נאָך ישראל, ווו מיר האָבן אויך משפחה און פיל גוטע פריינד.

# שנוחת-תורה אין... שפּיטאָל

**סעם ברייטער** / מאָנטרעאָל

נאָך דער שווערער האַרץ־אָפּעראַציע, וועלכע כ'האָב אַדורכגעמאַכט אין חודש יוני ה. י., בין איך אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אין שפּיטאָל אויף דערהאָלונג און קוראַציע. אַלץ איז געגאַנגען צום בעסערן — נאָר מיט אַמאָל דערטראָגט זיך צו מיר די נייעס וועגן פאַרכאַפּטן עראָפּלאַן פון „אייר פראַנס", וועלכער האָט געלאַנדעט אין אוגאַנדאַ מיט צענדליקער פּאַסאַזשירן פון ישראל. אין ענטעבע, אויפן עראָפּאָרט פון קאַמפּאַלאַ, האָט מען ווי אין היטלערס צייטן, אָפּגעטיילט באַזונדער די יידן און די ישראלים, כדי דורך שאַנטאַזש און דראָונגען, אויספּרעסן ביי דער ישראל־רעגירונג די באַפרייונג פון אַראַבישע טעראָריסטן און מערדערס, בראש מיטן יאַפּאַנער אָקאַמאָטאָ. יענע וואָך פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג האָט נישט געקענט זיין קיין היילונג פאַרן האַרץ — ביז עס קומט אַ מעלדונג אין דער טעלעוויזיע, אַז 4 נאָכמיטאָג וועט זיין אַ ספּעציעלער פּראָגראַם וועגן דער באַפרייונג פון די ערובניקעס דורך צה"ל.

אין דער צייט האָבן מיך גראָד באַזוכט ביים קראַנקן־בעט צפורה און יוסף שפּייזמאַן פון ניו־יאָרק, זימעלשטערן און אַבאַ סלאָמאַ. אַז מיר האָבן דערזען די שמחה אויפן פלי־פעלד אין תל־אביב, ווען מ'האָט צוריק געברענגט קיין ישראל די איבער הונדערט באַפרייטע יידן און פּאַסאַזשירן פון אַנדערע פעלקער — האָבן מיר פאַר פרייד זיך צעוויינט ווי קליינע קינדער און גענומען טאַנצן — ווי אַמאָליקע צייטן אויף אַ מאַסקן־באַל... אין גאַנצן שפּיטאָל איז געוואָרן שמחת־תורה: געשרייען, באַגריסונגען, דער עולם קושט זיך, אַפילו מענטשן מיט קוליעס ווילן כאַפּן אַ טענצל. נישט בלויז די קראַנקע יידן



**אויף דער אויפנאַמע אין דער ווינונג פון די ברייטערס אין מאַנטרעאַל, צום געזונט ווערן פון סעם ברייטער.**

האָבן זיך צעהוליעט, נאָר אויך די נישט־יידן זענען געווען פולע שותפים צו דעם גרויסן יום־טוב.

אָן שום ספק, אַז די ענטעבע־אַקציע האָט מיר צוגעגעבן אַ שטיק געזונט — און נישט נאָר מיר!

*

ס'איז אָבער געווען נאָך אַ וויכטיקע סיבה, וואָס האָט אוודאי געהאָלפן סיי צום געזונט ווערן, סיי צום גוטן געפיל אַז מ'איז נישט איינזאַם. פאַר די 3 חדשים זיין אין שפיטאָל, האָב איך ערשט איינגעזען, וויפל האַרץ און נשמה עס פאַרמאָגן אונדזערע לובלינער אין מאָנטרעאַל. נישט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט: פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ ברודערלעכע באַהאַנדלונג פון אונדזערע לאַנדסלייט?

רחלע זימעלשטערן און בראָניע בוים האָבן ממש נישט אָפּגעלאָזט מיין שרה'ן און כסדר מיט איר געזעסן אויף צו באַרואיקן און דערמוטיקן, באַזונדערס אין די שווערע טעג, ווען מ'האָט קיינעמען נישט צוגעלאָזט צו מיר. מיין שפיטאָל־צימער איז תמיד פול געווען מיט בלומען און בריוו מיט די האַרציקסטע ברכות.

אַז מ'האָט שוין דערלויבט אַ 5־מינוטיקן וויזיט פון צוויי פערזאָן, האָט אין קאָרידאָר זיך געשאַפן אַ ריי פון באַזוכער — און כמעט אַלע לובלינער אין מאַנטרעאַל זענען געקומען מיך זען, פרייען זיך און ווינטשן כל טוב. אויך צעשע זיידענווערג, וואָס איר מאַן סימאָן האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע אָפּעראַציע אין פילאַדעלפיע, איז געווען ביי מיר 5 מאָל און יעדן טאָג טעלעפאָנירט. אויך סימאָן גופא האָט מיך באַזוכט 4 מאָל. פון טאָראָנטאָ, האָבן ביי מיר אין שפיטאָל אָפּגעשטאַט וויזיטן: דזשאָ און האַנקא בראָם, מאיר פרידמאַן, יוסף צוקערפיין און זיסל פעפערמאַן. אויך פאָלע און סוכער פאַכטשאַש, די געסט פון ישראל, זענען עטלעכע מאָל געקומען מיר זאָגן „שלום", פרעגן זיך וואָס איך מאַך און צוגעזאָגט צו פרייען זיך ביי מיר אין דער היים.

אַזוי איז טאַקע געשען. דאָנערשטיק, דעם 8־טן יולי, האָב איך פאַרלאָזט דאָס שפיטאָל און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיין שרה צוגעגרייט אַ פיינע אויפנאַמע פאַר אונדזער משפחה, פריינד און לאַנדסלייט. בעצם, האָב איך זיך דאָ נישט ריכטיק אויסגעדריקט — וייל מיינע לובלינער יידן מעג איך אָן שום גוזמא און מליצה פאַררעכענען ווי משפחה און פריינד. זייער זאָרג און אינטערעס, וועלכן מ'האָט אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון מיין קראַנקייט, זענען צו דעם מסוגל נאָר עלטערן, קינדער און שוועסטער־ברידער.

אַזאַ באַציונג און באַהאַנדלונג פון א שווער קראַנקן, שאַפט אַפילו אין שפיטאָל אַן אַטמאָספער פון שמחת־תורה. און דערפאַר — אַ יישר־כוח אייך, טייערע לובלינער יידן!

# טעטיקייט-באַריכט פון מאָנטרעאל

אונדזער טעטיקייט־סעזאָן הויבט זיך אָן, יעדן יאָר אין האַרבסט, אַרום די יום־טובים, און ענדיקט זיך אין מיט יוני. אַזוי ווי אַלע יאָר, זינט אונדזער גרינדונג אין 1937, איז דאָס לעצטע יאָר אַדורך גאַנץ נאָרמאַל. אונדזער עקזעקוטיוו האַלט אָפּ אירע זיצונגען כמעט יעדן חודש און די אַלגעמיינע מיטגלידער פאַרזאַמלונגען קומען פאָר יעדע 6 וואָכן.

יעדער צוזאַמענקום פון אונדזערע לאַנדסלייט איז אַ יום־טוב. מען טרעפט זיך ביי געדעקטע טישן און מען פאַרברענגט אַ פיינעם אָוונט. פון צייט צו צייט הערט מען אויס אַ רעפעראַט וועגן לאָקאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פראָבלעמען, ווי אויך וועגן ישראל. מיר ווייזן אויך אָפּט ישראל־פילמען.

אין די שמועסן צווישן לאַנדסלייט, לעבט ווידער אויף לובלין. מען דערמאָנט זיך אין די אַלטע גוטע צייטן פון פאר דעם חורבן. מען דערוויסט זיך ביי וועמען ס'קומט פאָר אַ חתונה, אָדער אַן אַנדערע שמחה און מען שטעלט כיבוד ביי דער געלעגנהייט.

דאָס אינטערעסאַנטע איז, וואָס אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט עקזיסטירט און איז טעטיק, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן נישט קיין שום בענעפיטן פאַר זיך אַליין, ווי דאָס איז ביי לובלינער אין אַנדערע שטעט. אונדזער אַרבעט איז אינגאַנצן לשמה, בלויז צו העלפן לובלינער, ווו נאָר זיי געפינען זיך.

מיר פירן אַדורך יעדן יאָר 2 יזכור־פאַרזאַמלונגען. איינמאָל ביי דעם מאָנומענט (ראש השנה צייט) וועלכן מיר האָבן אויפגעשטעלט אויף דעם פלאַץ ווו ס'איז געברענגט געוואָרן צו קבורה דאָס אַש פון מיידאַנעק, און דאָס צווייטע מאָל — אין אַ זאַל, אַרום דעם 9טן נאָוועמבער, די יאָרצייט נאָך דער אומגעקומענער לובלינער קהילה.

מיר האָבן די לעצטע עטלעכע וואָכן געהאַט צוויי ליבע געסט פון ישראל, אונדזערע אייגענע פאַלע און סוכער פאַכטשאַזש. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן אַ פיינעם גרוס פון דער טעטיקייט פון אירגון יוצאי לובלין.

**אַ לובלינער אין מאָנטרעאָל**



דער פאַרזיצער פון דער לובלינער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, ל. פלוג, אויף אַן אזכרה־אַקט צום אָנדענק פון אונ־דזערע קדושים.

# א גרוס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק

פון די ביגעלייגטע מעלדונגען און בריוו צו די לובלינער אין ניו־יאָרק, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער־רינג, ברענטש 360, וועט איר האָבן אַ געוויס בילד פון אונדזער טעטיקייט:

דעם 23סטן נאָוועמבער 1975, איז אין סטאַטלער־הילטאָן האָטעל אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די אזכרה צום 33סטן יאָר־צייט נאָכן אומברענגען די לובלינער יידן. מספיד געווען האָט הרב יעקב טווערסקי.

צום באַדויערן, נישט קיין גרויסע צאָל לאַנדסלייט, (וואָס געפינען זיך אוודאי אין די הונדערטער, אויב נישט אין די טויזנ־טער אין ניו־יאָרק) איז געקומען מזכיר נשמות זיין די איבער פערציק טויזנט קדו־שים פון לובלין.

*

דעם 13טן יוני 1976, 1 בייטאָג, איז פאָר־געקומען אַ פייערלעכער מיטינג, מיט אַ פריילעכן פראָגראַם, מוזיק און אַ צובייס, אויף וועלכן מ׳האָט אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון אַ ווערביר־אַקציע פאַר נייע מיטגלידער. רעפערירט וועגן דעם האָבן: ל. פלוג, דער ניי־געוויילטער פאָרזיצער און וו. מאַנדעלבוים, וויצע־פאָרזיצער.

*

דעם 27סטן יוני ה. י. איז אויפן בית־העלמין „בית דוד" פאָרגעקומען די אַנט־הילונג פון דער מצבה אויפן קבר פון אַלעקס פינקעלשטיין ז״ל, לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון די לובלינער אין ניו־יאָרק.

דעם13טן יוני — מצבה־אַנטהילונג אויפן קבר פון נתן מאַנדלאייל ז״ל, און דעם 16־טן מאי ה. י. — פון חיים ק. שערמאַן ז״ל.

*

מיטן באַנייען די געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייט נאָך די זומער־פעריען, איז זונטיק דעם 12.9.76, 1 בייטאָג, אין סטאַטלער־הילטאָן האָטעל אין ניו־יאָרק, פאָרגעקומען אַ מיטינג, מיט פאָלגנדיקן טאָג־אָרדענונג:

1) באַריכט פון לעצטן מיטינג.
2) צוגרייטונגען צום יזכור־אַקט.
3) באַריכט וועגן דער מצבה און אַש פון מיידאַנעק.
4) פאַרשידנס.

דער מיטינג איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

## לובלינער יידן, טוריסטן וואָס קומען קיין ישראל

און האָבן אַן אינטערעס צו טרעפן זיך דאָ מיט לאַנדסלייט, באַזוכן דאָס „לובלינער ווינקל" און דעם מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק אין נחלת יצחק —

דאַרפן זיך פאַרשטענדיקן טעלעפאָניש מיט די פאָלגנדיקע חברים פון פרעזידיום:

האָרן — 442524;
וואַסאָנג — 231026; 54993,
לאַסקאָווסקי — 742410,
קוריס — 224401,
שטאָקפיש — 745083; 266244.

# ביי די לובלינער אין פּאַריז

משה זאַלצמאַן

**די 36סטע אזכרה**

מיט פיעטעט און יראת הכבוד האָבן זיך די לובלינער משפחות אין פאַריז פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל פון דער פעדעראַציע אָפּצו־צייכענען די 36סטע יאָרצייט נאָכן אומקום פון לובלינער יידנטום אין די שרעקלעכע היטלער־יאָרן.

אין פרעזידיום האָבן זיך געפונען די פאָר־שטייער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן „פאַראיי־ניקטע לובלינער און אומגעגנט" און „קינ־דער פון לובלין", דער געוו. אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין רואַנדאַ, אונדזער בן־עיר טאָני גרין און דער פרעזידענט פון דער גע־זעלשאַפט „אַריזשינער דע לובלין", פריינד וועקשטיין.

דער שרייבער פון די שורות האָט געעפנט דעם יזכור־אָוונט און דערמאָנט אויך די שטעט און שטעטלעך אַרום לובלין, מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָ־בן געטיילט דעם זעלבן גורל וואָס לובלין און איצט איז נישט געבליבן פון זיי אין פאַריז אפילו קיין מנין און ווער עס זאָל קדיש זאָגן נאָך זיי.

קוים 30 יאָר זענען אַדורך זייט יענער שרעקלעכער תקופה און ווידער פירט דער אַראַבישער בלאָק צוזאַמען מיט די קאָמו־ניסטישע מדינות אַ וויסטע העצע קעגן די יידן און קעגן מדינת ישראל און דאָס אַלץ אין דער פאָרם פון אַנטי־ציוניזם. דעריבער דאַרף היינט יעדער איינער ייד הויך אויס־שרייען: איך בין אַ ציוניסט!

נאָך דער דערעפענונג, רופט די פאָרזי־צערין, שרהלע גאָלדאַדלער, אויס די נעמען פון די, וואָס דאַרפן אָנצינדן די סימבאָלישע זעקס ליכט און דער עולם באַערט דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע.

דער חזן פליישער האָט געזאָגט מיט אַ סך געפיל דעם אל מלא רחמים און צוזאַ־מען מיט אים האָט דער עולם געזאָגט קדיש.

אַ זייער איינדרוקספולע רעדע האָט גע־האַלטן טעשקע קאַרמאַן, די געוועזענע ווידערשטענדלערין און געוועזענע דעפּאָרטיר־טע, וועלכע האָט היי־יאָר, 30 יאָר נאָך דער באַפרייאונג, באַקומען פון פראַנצויזישן מיניסטער פון געוו. קאָמבאַטאַנטן אַן אויסצייכענונג פאַר איר אַקטיוון אָנטייל אין דער רעזיסטאַנץ. איר רעדע איז געווען

אַן אַנקלאַגע קעגן די מכלומרשט סאָציאַליסטישע מדינות, וואָס פירן אַ וויסטע אַנטיסעמיטישע העצע קעגן יידישן פאָלק און קעגן מדינת ישראל. זי דערמאָנט די העלדישע קאַמפן וואָס עס האָבן געפירט די יידישע פאַרטיזאַנער אויף די מזרח־פראָנטן און די לובלינער ווידערשטענדלער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פראַנקרייך, ווי: אליהו וואַלאַך, יוסף בורשטין און דעם זאַמאָשטשער קאָלאָנעל זשיל (יוסף עפשטיין) א. אַ.

מיט פאַרביטערונג האָט זי גערעדט וועגן דעם, אַז אויך די פראַנצויזישע רעגירונג וויל פאַרגעסן וואָס מען האָט געטאָן מיט דעם יידישן פאָלק. מען באַגנעדיקט דעם נאַצי־מערדער פאָל טוּוויע, מען דריקט די האַנט פון יאַסער אַראַפאַטן און מען דערלויבט די מערדערישע פאַלעסטינעזער אויפצושטעלן אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט, בכדי נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון די נאַפט־הענדלער.

טאָני גרין האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף די געפאַרן, וואָס באַדראָען די יידישע מדינה און דעם יידישן פאָלק. ער האָט אויך גערעדט וועגן יידישן חינוך, וואָס מען דאַרף געבן אונדזער יוגנט, ווייל אָן יידישער דערציאונג, וועט נישט עקזיסטירן קיין יידישער המשך.

אַלס לעצטער האָט גערעדט פריינד שמואל שפּיראָ.

מיטן פאַרטיזאַנער־הימן פון הירשקע גליק „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" האָט זיך פאַרענדיקט דער איינדרוקספולער יזכור.

### דער יערלעכער באַנקעט

אין די שיינע סאַלאָנען פון „פאַוויליאָן דאָפין" האָבן היי־יאָר די לובלינער אין פאַריז געפייערט זייער יערלעכן באַנקעט. נאָך אַ „לחיים" איז סערווירט געוואָרן אַ יום־טובדיקער מאָלצייט, אונטער די קלאַנגען פון באַקאַנטן סטאַרסקי־אָרקעסטער.

די פאָרזיצערס פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע, משהלע ראָזענבלום און שטרוזמאַן, האָבן באַגריסט דעם עולם און געעפנט דעם אָפיציעלן טייל פון דער פייערונג. עס האָט אויך גענומען אַ וואָרט משה זאַלצמאַן אין נאָמען פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און איבערגעשיקט אַ גרוס פאַר די קראַנקע מיטגלידער: גאָלדרינג, מאַטעס זשעלאַזאָ און כאַסקל לאָבערבלאַט. ער האָט אויך באַגריסט דעם חשובן בן־עיר פון ישראל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל, מיטאַרבעטער פון די „לעצטע נייעס", עובדיה פעלד.

דער יערלעכער באַנקעט האָט געדאַרפט פאַרטרעטן דעם גרויסן באַל, וועלכער איז אין די פריערדיקע יאָרן געוואָרן איינגעאָרדנט. געוויינלעך מאַכן מיר דעם דאָזיקן באַנקעט לכבוד חנוכה, אָבער היי־יאָר איז דער באַנקעט, צוליב געוויסע סיבות, פאָרגעקומען עטלעכע טעג נאָך חנוכה און מיר האָבן קיין ליכטלעך נישט אָנגעצונדן. אָבער מיר האָבן אַלע געפילט, אַז מיר זענען זיך מתייחד מיט די גיבורים פון יענע היסטאָרישע טעג, פונקט אַזוי ווי מיר זענען פאַראייניקט מיט לייב און לעבן מיט אונדזער היינטיקער יידישער מדינה.

לובלינער האָבן טאַקע פאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן שטיין אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס פון מיטהעלפן מדינת־ישראל אין דעם גורלדיקן געראַנגל פאַר איר קיום. מיר זענען שטענדיק געווען אין פאַריזער יידישן ישוב פון די ערשטע און מיר וועלן נישט מיד ווערן ביי אונדזער הייליקער אַרבעט.

אויפן אָרט איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ צוגאָב־זאַמלונג פאַרן „אַפּעל אוניפיע", וועלכע האָט געגעבן העכער צוויי מיליאָן אַלטע פראַנק. אַזוי האָבן מיר אויפן באַנקעט אָבגעשלאָסן די אַקציע פאַרן מגבית פאַרן יאָר 1975 מיט אַ סומע פון בערך 10 מיליאָן פראַנק.

אונדזער גאַסט עובדיה פעלד האָט אין קורצע ווערטער אָפּגעגעבן אַ גרוס פון אונדזערע לובלינער לאַנדסלייט אין ישראל, ווו עס וווינען אַ קאַרגע טויזנט לובלינער משפּחות, וועלכע נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם אויפבוי פון אונדזער מדינה. עס זענען אויפן באַנקעט פאַרקויפט געוואָרן אַלע ביכער פון עובדיה פעלד, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

צוזאַמען מיטן אָרקעסטער, האָבן אויך די פרויען זאָשקאַ פערלמוטער און טעשקע קאָרמאַן מכבד געווען דעם עולם מיט לידער און ספּעציעל אויסגענומען האָט דאָס 9־יאָריקע אייניקל פון דער משפחה סעפּאַלאָוויטש מיט איר שיינער שטימע.

### געלונגענע פורים־פייערונג

אין גרויסן זאַל פון דער פעדעראַציע, ביי געדעקטע טישן מיט די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן און ישראלדיקע פרוכטן, האָבן היי־יאָר די לובלינער אין פאַריז געפייערט דעם פורים יום־טוב.

דער זינגער פון פאָלקס־כאָר, פאָל סטאַראָשוויעצקי, עפנט דעם יום־טוב מיט אַ פורים־ליד וואָס אַלע זינגען מיט. פאָרזיצערין שרהלע גאָלדאַדלער לייענט איבער די באַגריסונגען, וועלכע ס'האָבן צוגעשיקט דער סעקרעטאַר און וויצע־פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין", גאָלדרינג און דאַנערשטיין.

מיט גרויס ווייטיק און צער איז דערמאָנט געוואָרן דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער מיטגליד יחזקאל לאָבערבלאַט, וואָס איז אין זיינע יוגנט־יאָרן אין לובלין געווען אַ ספּאָרטלער, אַ פוטבאל־שפילער און איז געווען דער ליבלינג פון דער לובלינער יוגנט. מען באַערט אים מיט אַ מינוט שטילשווייגן.

שרהלע דערמאָנט ווי אַזוי מיר האָבן געפייערט דעם יום־טוב אין אונדזער אַלטער היים ; יעדע יידישע שטוב איז געווען אַ טעאַטער־סצענע מיט די פילפאַרביקע פאָלקלאָרישע שפילן ,וואָס האָבן אויסגעדריקט די פרייד פון דעם היסטאָרישן נס, וואָס אַנשטאָט דאָס אומגליק פון די יידן וואָס די שונאים האָבן געפּלאַנט, זענען זיי אַליין פאַרניכטעט געוואָרן, דאָס יידישע פאָלק וועט אויך איבערלעבן די היינטיקע המנס וואָס זוכן צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק מיט מדינת ישראל, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן מיט בלוט און שווייס פון אונדזערע בעסטע זין און טעכטער.

אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט האָט געהאַלטן פריינד שמואל שפּיראָ.

דערפאָלגרייך איז אַדורך דער טראַדיציאָנעלער שלח־מנות פאַרקויף פון בלומען, וועלכן מיר פּראַקטיצירן שוין יאָרן, און וואָס שטאַרקט פינאַנציעל די געזעלשאַפט.

אין אַרטיסטישן טייל איז אַרויסגעטרעטן אונדזער זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן טאַנע מאָסמאַן, וואָס אימיטירט אויף אַ קינסטלערישן אופן, מיט אַלע ניואַנסן, די גרויסע בינע־קינסטלער דזשיגאַן און שומאַכער און פאַרענדיקט מיט אַ מאָנאָלאָג „דער בריווטרעגער", פאַר וועלכן ער ווערט באַדאַנקט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

דער זינגער פאָל סטאַראָשוויעצקי איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ פּראָגראַם צוגעפּאַסט לכבוד פורים. דער עולם האָט אַ סך לידער מיטגעזונגען און אים האַרציק געדאַנקט מיט לאַנג דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. די פאָרזיצערין דאַנקט די אַרטיסטן פאַר זייער גוטן ווילן צו קומען באַשיינען אונדזער שמחה און דאַנקט אויך די איבערגעגעבענע אַקטיוויסטן און אָרגאַניזאַטאָרן, די סעקרעטאַרין טעשקע קאָרמאַן, דעם פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונג־קאָמיסיע משהלע ראָזנבלום און פרוי דינה'לע ראָטשטיין, פרוי שאַפּיראָ, גאָלדבוים, פערלמוטער, זאַבערמאַן, גאָלדשטיין און אַנעט שטיינזאַלץ.

# בריוו פון ישראל און פון די תפוצות

**אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר דערהאַלטן צענדליקער בריוו פון אונדזערע לאַנדסלייט און אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד. מיר פאַרעפנטלעכן דאָ בלויז אַ קליינעם טייל פון דער דאָזיקער רייכער קאָרעספאָנדענץ.**

## י ש ר א ל

### י ד ו ש ם

ירושלים, יד' באדר א' תשל"ו
15 בפברואר 1976

לכבוד ארגון יוצאי לובלין
ת ל ־ א ב י ב

הנדון :
KOSTECKI LEON — POLAND

ברצוננו לבקש את עזרתכם האדיבה בקשר לנ"ל, שלפי עדות בתו, הציל משפחה בת 13 נפשות בעת השואה.

לצערינו, אין הבת יודעת את כתובותיהם של היהודים : פישל, אברהם, טובה ומנדל הוברמן מלובלין. דבר היחיד הידוע לה הוא שכל היהודים יצאו לחו"ל — כמה מהם לקנדה וכמה לדרום־אמריקה.

באם ידוע לכם משהו בקשר ליהודים אלו, שעלול לעזור לנו לאתרם, אנא תמסורו לנו בהקדם.

בכבוד רב

ד ו נ י ה ר ו ז ן
מנהלת מדור לחסידי אומות העולם

*

געערטע פריינד,

מיט צופרידנקייט שיקן מיר אייך איבער אַ טשעק אויף טויזנט ל"י פאַר דעם „לובלינער ווינקל", וואָס איר האָט אויפגעשטעלט אין תל־אביב צו פאַרהייליקן אונדזער שטאָט. מיר זענען באַגייסטערט פון דער אידעע און דאַנקען אייך פאַר אייער מי און אַרבעט זי צו פאַרווירקלעכן. מיר זענען גרייט ווידער צו העלפן מיט ראַט און טאַט בנוגע דעם הייליקן פאַר אונדז אַלעמען ציל.

מיט דאַנק און האַרציקע גרוסן
רבקה און יהושע גאָלדבערג
חולון, הנשיאים 3/42

*

ליבע לאַנדסלייט, חברי הוועד — שלום !

איך גלייב, אַז אויסער שיינע גאַסן און וויכטיקע געבײַדעס, האָט נאָך לובלין פאַרמאָגט טייערע נפשות : אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען פון די נאַצישע מערדערס.

און פאַר זיי, אונדזערע אומפאַרגעסלעכע, שענק איך פאַרן „לובלינער צימער"

דאָס בילד וועלכעס כ'האָב געמאָלן — אַ פאַרפלאַנצטער בוים, ווי אַ סימבאָל פון דער אויפגעקומענער יידישער מדינה.

בכבוד רב
חיה הוד (הערשענהאָרן)

*

## ז ו כ ט ק ר ו ב י ם

איך זוך די צוויי ברידער מ ש ה און ח י י ם כ ה ן פון טשעכיוו. די מאַמע זייערע האָט געהייסן ז ל אַ ט ע. משה איז געווען פון פאַך אַ גאָלדשמיד.

ווער עס ווייסט עפּעס פון די צוויי, ביטע אָנשרייבן צו :

קאַלאַדני יאדוויגא, תל־אביב,
נוה־שרת, רחוב רמה 69
כניסה 22א, דירה 6.

*

די פרוי ט ש אַ ר נ ע ש ל י מ אַ ק פון לובלין, ביכאָווסקע 16, דאַרף זיך געפינען אין דרום ־ אַמעריקע — ווערט געזוכט. ווער עס ווייסט איר אַדרעס, ביטע צו שרייבן :

חנה פערעוואָסקאַ,
רחוב ניסן 6, רמת החייל

**וועגן נויטבאַדערפטיקע**
**לובלינער משפחות —**

ביטע צו וויסן
געבן דעם קאַמיטעט פון
ארגון יוצאי
ל ו ב ל י ן.

## פ אַ ר י ז

טייערע חברים !

אייער בריוו־צירקולאַר, צוזאַמען מיט 2 עקזעמפּלאַרן פון נומער 10 „קול לובלין" האָבן מיר דערהאַלטן. מיט דער צייט זענען צו אונדז דערגאַנגען נאָך 3 פּעקלעך מיט 24 עקז. פון דעם זשורנאַל. אויף אַ זיצונג פון אונדזער קאָמיטעט האָבן מיר זיך באַקענט מיטן אינהאַלט פון דער אויסגאַבע און אויך מיט דעם הייסן רוף צו שטיצן פינאַנסיעל דעם „קול־לובלין". אַלע אַנוועזנדע האָבן איינשטימיק באַשטעטיקט אונדזער פאַרפליכטיקונג אויף אַ יערלעכע שטיצע פון 70 דאָלאַר (לויט אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקייטן), וועלכע מיר האָבן איבערגעשיקט קיין ישראל.

דער לעצטער נומער (10) „קול לובלין", איז, ווי שטענדיק, גוט רעדאַגירט, אינהאַלטרייך און דערפילט מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט : אָנצוהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען צווישן די לובלינער אין גאָר דער וועלט און אַזוי אַרום אָנטייל נעמען אין די וויכטיקסטע געשעענישן אין געזעלשאַפטלעכן און פערזענלעכן לעבן פון אונדזערע לאַנדסלייט, אין פריידן, ווי אין ליידן. אַ גרויסן דאַנק פאַר דער דאָזיקער שיינער מתנה — דער צענטער נומער „לובלינער שטימע". אַ באַזונדערער ישר־כוח אייער פאָרזיצער, דוד שטאָקפיש, פאַר זיינע אינטערעסאַנטע רייזע־איינדרוקן — אַ וווּנדערבאַרער גרוס פון די לובלינער אין דער וועלט. די שפּראַך, די פאָרם — פאָלקסטימלעך, בילדעריש און באַלערנד...

און איצט — איניקע ידיעות פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן אין פאַריז. דער קאָאָרדאניר־קאָמיטעט פון „די קינדער פון לובלין" און פון „די פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט", האָט דורכגעפירט 2 גרויסע, איינהייטלעכע אונטערנעמונגען: דעם 9טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען די יזכור־פייערונג צו דער 33סטער יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. דעם 14טן דעצעמבער — דער טראַדיציאָנעלער יערלעכער באַנקעט

אין אַ היימישער, לובלינער סביבה, אונטער די קלאַנגען פון אַ פיינעם אָרקעסטער, האָט זיך די לובלינער משפחה משמח געווען. מיר האָבן געהאַט אַ ליבן גאַסט פון ישראל, אונדזער בן עיר, דער שרייבער און זשורנאַליסט עובדיה פעלד. אויסנוצנדיק זיין אַנוועזנהייט, האָבן מיר פאַרשפרייט זיין בוך, ווי אויך דעם „קול לובלין". אויף דעם דאָזיקן באַנקעט, איז אויך געקומען צום אויסדרוק די סאָלידאַריטעט פון די לובלינער מיט מדינת ישראל אין איר גראַנגל פאַר זיכערקייט און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט איבער 2 מיליאָן אַלטע פראַנק. דערמיט האָבן מיר געשלאָסן די זאַמל־אַקציע פאַרן יאָר 1975, שאַפנדיק צוזאַמען (ביי די לובלינער געזעלשאַפטן) קנאַפע 10 מיליאָן אַלטע פראַנק, וואָס איז אַ באַדייטנדיקע דערגרייכונג.

אויפן שוועל פון נייעם (קאַלענדאַר־) יאָר, נעמט צו אונדזערע וואַרעמסטע ווונטשן — ווייטערדיקע דערפאָלגן אין אייער וויכטיקער אַרבעט; געזונט און שלום אין אייער ראַיאָן, פאַר אייך און אייערע ליבע משפחות. שלום!

מיט אַ סך פריינדשאַפט פון אונדזער קאָמיטעט:

פרעזידענטין: שרהלה גאָלדאדלער.
סעקרעטאַרין: טעשקע פאָרשטעטער

*

פאַריז, 8.2.1976

זייער ליבע פריינד!

איך דאַנק אייך פאַרן בריוו צו מיר. איך בין צופרידן וואָס משה שולשטיינס בוך איז געוואָרן פרעמירט. איך האָב גלייך נאָכן דערהאַלטן אייער בריוו אָנגעקלונגען צו שולשטיינען און אים גראַטולירט: עס איז קיינמאָל נישט שפעט אַרויסצוברענגען די וויכטיקייט פון דעם בוך, די פאָעמע „ביים פנקס פון לובלין", און איבערהויפט שולשטיינס שרייבערישן טאַלאַנט.

טייערער פריינד דוד! וואָס אַנבאַלאַנגט דעם נומער 10 פון „קול לובלין", איז מיין פעדער צו שוואַך צו קענען אַרויסברענגען די גרויסע עמאָציע, ביים לייענען אייער באַשרייבונג פון די אַלע לענדער, וואָס איר מיט אייער ליבער רבקהלע האָבן באַזוכט און די טיפע וואָרצלען וואָס פאַרבינדן די אַלע טייערע מענטשן פון לובלין, ביי וועמען אונדזער געבוירן־שטאָט איז געבליבן אַזוי טיף איינגעקריצט אין די הערצער און געדאַנקען. איך מיין, אַז אונדזערע אויסגעוואָרצלטע ייִדן פון לובלין זענען איצט נאָך אַמאָל געהייליקט געוואָרן...

מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס יאָר 1975 מיט אַ געלונגענעם באַנקעט, וועלכער איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 14טן דעצעמבער, אין אַ פרעכטיקן סאַלאָן פון באָלאָנער וואַלד.ליידער, פיל מיטגלידער האָבן נישט געקענט אָנטייל נעמען אין דעם באַנקעט צוליבן געזונט־צושטאַנד, דאָך האָבן מיר געהאַט 125 פערזאָן. דער באַנקעט איז אַ דורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. אונדזערע „יונגע" 70־און 75־יעריקע מענער און פרויען האָבן אונטער די קלאַנגען פון אַ פיינעם יידישן אָרקעסטער פאַרגעסן זייער עלטער, אָדער רעוומאַטיזם און געטאַנצט, און געווײלט זיך — ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן.

דאָס איז שוין אַ פריידיקע דערגרייכונג, אַז מענטשן פאַרגעסן זיך און דערפילן זיך צוריק יונג. דער צווייטער גוטער רעזולטאַט: די צופרידנקייט פון אַלע אָנוועזנדע, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן די גרויסע סומע געלט, געזאַמלט פאַר ישראל.

איך האָף, טייערער פריינד דוד, אַז מיין בריוו וועט אייך טרעפן ביים בעסטן געזונט, ווי אויך אַלע ליבע חברים פון דעם קאָמיטעט. איך שיק זיי אַלע איבער מיינע בעסטע גרוסן. איך זע ,לויט אייער בריוו, אַז איר טוט ווונדערבאַרע זאַכן, מיטן שאַפן אַן אייגענעם לאָקאַל פאַר דער לובלינער סאָסיעטע אין ישראל. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די וויכטיקייט פון דעם זשורנאַל „קול לובלין".

איך וויל פאַרענדיקן מיין שרייבן מיט פיל האַרציקע גרוסן פאַר אייך אַלע.

שרהלע גאָלדאַדלער

*

פאַריז, 1976 29/6

שוין אַ לענגערע צייט ווי איך האָב פון אייך נישט געהאַט קיין נייעס, אָבער איך האָף אַז אַלץ איז ווי אַמבעסטן — אַזוי מיטן געזונט ,ווי אויך אין אַלגעמיין.

אין פאַריז איז בסדר. מיר גייען איצט אַריין אין פעריאָד פון וואַקאַנס, ווען אונדזער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ווערט איבערגעריסן אויף צוויי חדשים.

פאַרן שליסן דעם סעזאָן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָבן מיר געהאַט זונטיק דעם 13טן יוני דעם יערלעכן אויספלוג אין דעם פרעכטיקן שאַטאָ פון ווערבערי. דער אויספלוג האָט אונדז מאָראַליש געשטאַרקט, ווייל יעדעס יאָר שרעקט מען זיך, צי וועט דאָס וועטער זיין שיין? צי וועלן די מיטגלידער קומען? די מענטשן ווערן דאָך עלטער און נישט אַלע זענען ביים בעסטן געזונט־צושטאַנד, אָבער דער קאָמיטעט מוז דאָך אַלץ באַשטעלן פון פאָרויס — און דאָס שאַפט זאָרג נישט צו פאַרלירן קיין געלט.

ווי צופרידן זענען מיר געווען, ווען זונטיק פרי האָבן זיך צוויי אויטאָקאַרן אָנגעפולט מיט אונדזערע אַ ל ט - י ו נ ג ע מיטגלידער אין אַ צאָל פון אַריבער הונדערט מענטשן. און טאַקע פאַרברענגט אויסערגעוויינלעך גוט. האַלעוויי נאָך לאַנגע יאָרן צו האָבן אַזעלכע געלונגענע אונטערנעמונגען. מיר האָבן נישט בלויז אין זינען געהאַט דאָס גוטע מיטיק, נאָר אויך דורכגעפירט די זאַמל־אַקציע פאַר ישראל. עס בלייבט בלויז צו ווינטשן און האָפן, אַז דער לאַנג דערוואַרטעטער שלום זאָל קומען, אַז אונדזער מדינה, זאָל זיך אַנטוויקלען אָן מורא און אָן בלוט־פאַרגיסונג.

מיר האָבן געהאַט אויף אונדזער אויספלוג אַ ליבן גאַסט פון ישראל, נישט קיין לובלינער, אַ פריינד פון אלתר זאָבערמאַן. דער מענטש האָט אין אַ קלאָרער שפראַך איבערגעגעבן וועגן דער איצטיקער לאַגע אין ישראל. אַלע האָבן אויך געשטעלט פראַגן און יעדער האָט באַקומען אַן ענטפער. דער וויזיט פון דעם ישראל־גאַסט האָט צוגעגעבן חשיבות אונדזער אויספלוג.

נעמט צו מיינע האַרציקע גרוסן און פריינדלעכע קושן.

שרהלע גאָלדאַדלער

*

פאַריז, 27.3.76

טייערע פריינד,

כ'נוץ אויס די געלעגנהייט און שיק איבער אַ באַשיידענע סומע פון 240 פראַנק, וואָס אונדזער סאָסיעטע „קינדער פון לובלין" האָט איינקאַסירט פאַר די 24 עקזעמפלאַרן פון „קול־לובלין".

וועגן אונדזער טעטיקייט, צוזאַמען מיט די „פאַראייניקטע לובלינער", וועט אייך זיכער אינפאָרמירן אונדזער משה זאַלצמאַן. מיר האָבן אויף דער לעצטער זיצונג געמאַכט אונדזער אַרבעטס־פּלאַן ביז סוף 1976.

וואָס הערט מען ביי אייך? אין דער לאַנדסמאַנשאַפט און ביי אייך פערזענלעך?

ביי אונדז איז אַלץ בסדר. מיר גרייטן זיך, מיט יידלען, אויף אַ רייזע אין די פאַר. שטאַטן. אונדזער רייזע טראָגט אַ גאַנץ פריוואַטן כאַראַקטער.

אַ פאָר ווערטער וועגן ליטעראַרישן פרייז, וואָס איר האָט צוגעטיילט דעם פאָעט משה שולשטיין: „בעסער שפעטער ווי קיינמאָל". ס'איז אַ באמת פאַרדינטער פרייז. קיינער האָט נאָכנישט פאַראייביקט דעם אָנדענק פון אונדזער פאַרשניטענער היים־שטאָט לובלין, ווי ס'האָט געטאָן משה שולשטיין אין זיין „ביים פנקס פון לובלין". אונדזער סאָסיעטע, צוזאַמען מיט אַלע לאַנדסלייט, זענען שטאָלץ מיט דעם צוגעטיילטן פרייז.

מיר ווינטשן אייך ווייטער אָנצוגיין מיט דער פרוכטבאַרער אַרבעט און צו פאַרצייכענען נייע דערפאָלגן.

מיט פריינדלעכע גרוסן פאַר אַלע חברים פון קאָמיטעט.

טעשקע פאָרשטעטער

*

**פאַרגעסט נישט**
איינצוצאָלן אויף דער
פאָסט, אויפן חשבון
פון אונדזער קאָנטע
בנק הדואר 4/27638/6
(בייגעלייגט אַן איבערווייז)
**דעם מיטגלידס־אָפּצאָל**
פאַר אַ יאָר, צוזאַמען מיט דער
אויסגאַבע „קול לובלין"
פון —.30 ל"י אָן און מערער.

## ניו־יאָרק

טייערער דוד און פאַמיליע, שלום!

דיין ליבן בריוו באַקומען, פאַר וועלכן איך דאַנק דיר האַרציק. איך האָב דערהאַלטן דעם אינהאַלטרייכן נומער פון דעם לובלינער זשורנאַל (שוין אָפּגערעדט דערפון ווי אַזוי האָסט מיך באַהאַנדלט). לייענענדיק דעם זשורנאַל, האָט מען אַ גענוי בילד פון דיין, ווי כ'וואָלט געזאָגט, היסטאָרישער רייזע אַרום דער וועלט אין 80 טעג. האָסט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן אַרויסגעבררענגט לובלין אין די תפוצות.

וועגן די לובלינער אין ניו־יאָרק וויל איך מיטטיילן, אַז איך קום צו יעדער אונטערנעמונג און זיי לאָזן מיך נישט זיצן ווי קיין צושויער. איך האָב זיך אויך באַטייליקט אין דעם קובר זיין דאָס אַש פון די לובלינער. ס'איז געווען איינדרוקספול. איך גלייב, אַז איך האָב עפּעס צוגעטראָגן צו דער אָרגאַניזאַציע, נאָר לײדער, קען איך נישט נאָכקומען זייער ווענדונג וועגן איבערנעמען אַמטן. אָבער וויפל איך וועל נאָר זיין פריי, וועל איך העלפן שטופן דעם וואָגן.

וועגן די אַלטע לובלינער, איז עס דערווייל „קאַלטע קאָמפּרעסן". איך וועל זיך דערוויסן וואָס דאָרט איז פאַראַן און אפשר עפּעס אויסטראַכטן אַ מיטל, זיי זאָלן דאָס געלט איבערפירן קיין ישראל.

איך וועל דאַרפן אָנפירן מיט אַ גרופּע קיין ישראל וואָס איך האָב אָרגאַניזירט, צו פלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון „מסדה".

יוסף זינשטיין

*

טייערע לאַנדסלייט,

די „לובלינער שטימע" איז פּרעכטיק — און מיר האַלטן דעם זשורנאַל ווי אַ הייליק ספר. אַ דאַנק פאַר אַלץ וואָס האָסט געשריבן. מיר האָבן אַזוי פיל נישט געטאָן. עס איז אַ מענטשלעכע פליכט צו אַ חבר און פריינד.

וועגן מיטאַרבעטן מיט די לובלינער — קען דערווייל קיין רייד נישט זיין; דאָס איז פיזיש אוממעגלעך.

„פאָלקסבינע" איז אָן אַ פאַרוואַלטער, און צפורה וויל, אַז איך זאָל עפּעס טאָן — און איך קען נישט. עס איז פיזיש אוממעגלעך.

די 10 טעג, וואָס איר האָט פאַרבראַכט ביי אונדז, איז געווען איין גרויסע איבערלעבונג. ס'איז געווען יום־טוב אין שטוב און מיר וועלן עס לאַנג געדענקען. דאָס זענען געווען הערלעכע טעג, וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט.

בייגעלייגט 25 דאָלאַר — מיין יערלעכער אָפּצאָל פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט.

יוסף שפּייזמאַן

*

ניו־יאָרק, דעם 14טן יולי 1976

ליבע פריינד,

איך שיק אייך מיין יערלעכעביישטייערונג פאַר דער לובלינער אָרגאַניזאַציע אין ישראל — אַ טשעק פון 25 דאָלאַר פאַרן יאָר 1976. איך ווינטש אייך דערביי גרויס דערפאָלג אין אייער אַזוי וויכטיקער אַרבעט. עס איז אונדזער אַלעמענס פליכט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן, געדענקען, פאַרצייכענען אונדזער גייסטיק יידיש לעבן פון דער אַלטער היים לובלין, וואָס איז געווען אַ טייל פון דעם גרויסן יידישן קוואַל, פון וועלכן מיר אַלע האָבן געשעפּט.

זייט האַרציק געגריסט.

זעליג וואַסערשטראָם

## לאָס־אַנזשעלעס

לאָס־אַנזשעלעס, 11.4.1975

שלום, וכל טוב!

נעכטן, זונטיק, האָבן מיר געהאַט דעם יזכור־אַקט נאָך אונדזערע קדושי לובלין. געקומען זענען, קיין עין־הרע, עלף לובלינער. איך האָב געדונגען דעם בעסטן חזן, כדי צו געבן אַ ביסל „אַמעריקאַנער שטייגער" — אָבער פאַר וועמען? עס טוט וויי דאָס האַרץ, וואָס אונדזערע לובלינער קומען נישט באַערן דעם אָנדענק פון זייערע נאָענטע, וועלכע זענען פון די היטלעריסטישע רוצחים אומגעקומען על קידוש השם.

אַזאַ אונטערנעמונג קאָסט מיך אַ 200 דאָלאַר, ווייל אויסער די שיל און חזנים, גרייט צו באַלטשע אַן אויפנאַמע אין דעם זאַל, נאָך דעם יזכור — אָבער עס העלפט נישט. בלויז 168 דאָלאַר איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם אירגון יוצאי לובלין — אַ דאַנק דעם זשרנאַל „קול לובלין".

איך האָב דערהאַלטן דעם „קול לובלין". דער זשורנאַל איז ,ווי מען זאָגט, „אַ סוד אויסצוזאָגן". איך האָב אים געלייענט נישט איינמאָל, נאָר אַ פּאָר מאָל. ממש אַ דערקוויקונג אויף דעם האַרץ — און עס קומט דיר נישט בלויז אַ יישר כח, נאָר אַ געזונט אויף דיין קאָפּ. דאָס זענען נישט בלויז 56 זייטן — נאָר אַ מיליאָן זייטן. וועגן מיין אַרטיקל — איך האָב נישט ליב צו לייענען מיין נאָמען אין דער צייטונג. צו וואָס דאַרף איך עס? דער עיקר איז צו זיין אין אָרדענונג בין אדם לחברו. וואָס ווייניקער פּובליסיטי, און וואָס ווייניקער מען רעדט פון דיר — געזונטער איז...

די פינף קאָפּיעס האָב איך געגעבן צו שנורן, פישמאַנען, קראַגען, גוטקליג און תיכפ'ס זון, ער איז דאָ אין לאָס־אַנזשעלעס.

שלום ולהתראות!

ישראל אייזנבערג

*

ל. אַנזשעלעס, 17.11.1975

שלום וכל טוב! אויסער די טשעקס אויף 168 דאָלאַר, האָב איך היינט באַקומען אַ טשעק פון 50 דאָלאַר פון די גוטקליגס, ווי אויך אַ טשעק פון שנורן — 10 דאָלאַר פאַר דער „לובלינער שטימע".

איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון לאָזער גאָלדבוים פון סאַן־פּאַולאָ. ער שרייבט פון דער אזכרה דאָרט, אַז די טאָכטער פון יאַקובאָוויטשן, דער סעקרעטאַר פון דער לובלינער גמינע, האָט געלייענט מיין אַרטיקל פון „קול לובלין" נומער 10. האָב איך געטראַכט, אפשר ביסטו גערעכט... ווי די משנה זאָגט: „כל המקיים נפש אחת בישראל, כאלו קיים עולם מלא". צוליב דעם אַליין האָט זיך געלוינט...

ביי אונדז — קיין נייעס. מיר וועלן זיך בקרוב זען אין ישראל.

ישראל אייזנבערג

*

## טאָראָנטאָ

ליבע פרוי קוריס!

מיר האָבן אָפּגערעדט מיט דוד שטאָקפיש, אַרויסצושיקן יעדעס יאָר 500 דאָלאַר פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

אין הסכם מיט דעם צוזאָג, לייג איך ביי אַ טשעק אויף 500 דאָלאַר און בעט אַ באַשטעטיקונג.

איך גריס אייך האַרציק, ווי אויך אַלע חברים פון קאָמיטעט און די לאַנדסלייט.

צוקערפיין פרעגט זיך אויף שרה נאָמבערג, צי זי איז אין ישראל? און גריסט זי האַרציק.

מיט כבוד: אַ נ נ אַ  ב ר אָ ם

*

## מאָנטרעאל

ליבע פריינד, איר ווילט דאָך אוודאי וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי אונדזערע לובלינער? קיין ספּעציעלע ענדערונגען זענען נישט פאָרגעקומען. מיר טרעפן זיך אָפּט, ווייל מ'האָט צוריק באַנייט די טעטיקייט פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט. ביי אונדזערע פריינד — אַלץ ווי געווען. זימעלשטערן מיט זיין פרוי און קינדער פילן זיך גוט, אויך ביי ברייטערן מיט זיין פרוי און קינדער און ביים ברודער־

מיט דער פאַמיליע — איז נישט קיין באַזונדערע נייעס.

הערצמאַן איז געוואָרן אַ זיידע, אויך בן־ציון קראָכמאַלניק. ביי אונדז — ווי געוועןֹ, מיר גייען אָן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן און פילן זיך גוט. די צייט גייט אַדורך און מען ווערט עלטער. וואָס הערט זיך ביי אייך און ביי אונדזערע לאַנדס־לייט? זייט געזונט, מיר גריסן אַלע באַ־קאַנטע.

יאָסקע בוים

## וועגעצועלאַ

רעדאַקציע „לובלינער שטימע",

כ'בין זייער צופרידן פונעם צוגעשיקטן זשורנאַל. איך ווינטש אייך דערפאָלג אויף לאַנגע יאָרן און לייג ביי אַ טשעק אויף 100 דאָלאַר פאַר אייער אַקטיווער לאַנדס־מאַנשאַפט.

מיט אַכטונג:

עדזשאַ דאַך (געב' קירשענבאַום)

פון לובלין

## סאַן־פּאַולאָ

דעם 19טן נאָוועמבער פ. י. איז אין לאָ־קאַל פון ייוואָ פאָרגעקומען די אזכרה נאָך די לובלינער קדושים. ס'איז געקומען אַ פיל גרעסערער עולם, ווי אין די פריער־דיקע יאָרן. נאָכן דערעפענונג־וואָרט פון לאָזער גאָלדבוים, זענען אָנגעצונדן געוואָרן די יאָרצייט־ליכט. דער חזן שלמה רייז האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און דער עלטסטער לובלינער תושב אין סאַן פאַולאָ, משה לייב זאַנדרייך, האָט געזאָגט „קדיש". פרוי מינטשע דינער־יאַקובאָ־וויטש האָט געלייענט פון די שאַפונגען, געדרוקטע אין אונדזער אויסגאַבע „קול לובלין". פרוי גינטשע קאָן האָט רעצי־טירט פראַגמענטן וועגן חורבן לובלין.

די דורכגעפירטע אזכרה האָט איבערגע־לאָזט אַ טיפן רושם אין שטאָט.

*

מיר באַגריסן אייך צו דער דערעפענונג פון „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב. ס'־איז אַ וויכטיקער אויפטו — און היט אָפּ דאָס „ווינקל" ווי אַן אויג אין קאָפּ. כ'־גלייב, אַז אַלע לובלינער אין דער וועלט וועלן האָבן פאַרשטענדעניש פאַר אייער וויכטיקער אַרבעט.

*

ס'איז איצט געוואָרן אַ יאָר זינט דעם גרויסן יום־טוב, וואָס מיר האָבן געהאַט מיטן באַזוך ביי אונדז פון די שליחים פון ישראל, דוד און רבקהלע שטאָקפיש. מיר דערמאָנען שטענדיק די פריידיקע מאָמענ־טן. אין „קול לובלין" איז דאָ אַ נישט־קאָמפלעטער באַריכט פון זייערע אויפטוען דאָ. איך וויל נאָך עפּעס צוגעבן:

נישט געקוקט וואָס זייער באַזוך איז אויסגעפאַלן ערב און אין די ערשטע פסח־טעג, ווען די געוווינהייט פון אונדזערע יידן איז געוואָרן אויסצונוצן די „אויס־געצויגענע" יום־טוב טעג און פאַרלאָזן די גרויסע שטעט, זענען די פאָרלעזונגען פון דוד'ן דאָך געווען גוט באַזוכט. דער עולם האָט מיט פאַרגעניגן אויפגענומען די קאָמענטירונגען פון די אַקטועלע פראָבלע־מען, וועלכע ער האָט אין זיינע רעפעראַ־טן אויפגעהויבן — סיי וועגן דער ישראל־ווירקלעכקייט, ווי אַלגעמיינע יידיש־וועלט־לעכע און קולטור־פראַגן, אין אַ שיינער יידישער שפּראַך (נוסח לובלינער יידיש).

דער עיקר איז אונדז געפעלן זיין באַציאונג צו אַנדערש־דענקנדיקע מענטשן: נישט אַ־טאַקירן, נאָר רעספּעקטירן אַ קעגנזעצלע־כע מיינונג. מיר דאָ, אין בראַזיל, ליידן פון אַ וויסטער היסטעריע, פון נישט האָבן דאָס געדולד און פאַרשטענדעניש צו דיאַ־לאָגירן, דיסקוטירן, איבערצייגן, מיט אַר־גומענטן און פאַקטן. דערפאַר אפשר האָבן מיר פאַרלוירן וויכטיקע מענטשן צו גע־ווינען זיי פאַר דער זאַך פון יידישן פאָלק און מדינת ישראל.

ס'איז געווען אַ פעלער פון אונדזער זייט, נישט אויסצונוצן דוד'ס באַזוך און אים פּרעזענטירן אין דער בראַזיליאַנער פּרעסע, טעלעוויזיע און אינטעלעקטועלע קרייזן פון לאַנד, וואָס וואָלט זיכער גע־ברענגט נוצן מדינת ישראל און פיל בריי־טער איבערגעשטרייט דעם לובלינער קרייז און יידישע סביבה אין סאַן פאַולאָ.

כ'לעב מיט דער האָפענונג, אַז ס'איז אין אינטערעס פון דער דריי־פאַכיקער שליחות, וואָס דוד שטאָקפיש האָט אויסגעפירט בעת זיין באַזוך אין בראַזיל, ווידער אים באַאויפטראַגן צו באַזוכן בראַזיל און אַנ־דערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס האָבן זיי צום ערשטן מאָל אַזוי שיין מקבל־פּנים געווען.

# באַגריסונג פאַר צפורה שפּייזמאַן

אין אַפּריל 1976, האָט אונדזער בת־עיר, די אַקטריסע צפורה שפּייז־מאַן, גאַסטראָלירט מיטן אַנסאַמ־בל פון דער ניו־יאָרקער „פאָלקס־בינע" אין ישראל, מיט יעקב גאָר־דינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול". צו דער פּרעמיערע אין תל־אביב, איז נאָך דער פאָרשטעלונג דערלאַנגט געוואָרן צפורה'ן אַ בו־קעט בלומען, מיט דער ווייטערדי־קער באַגריסונג:

תל־אביב, 15.4.76

טייערע צפורה שפּייזמאַן —

די געראָטענע טאָכטער פון

דער יידישער לובלין!

מיר זענען פול מיט אנערקענונג און אַנטציקונג פון דיין קרעאַציע, צוזאַמען מיטן אַנסאַמבל פון דער ניו-יאָרקער „פאָלקס־בינע", אין יעקב גאָרדינ'ס „גאָט, מענטש און טייוול", בעת די גאַסט־אויפטריטן אין מדינת ישראל.

נעם צו אונדזערע האַרציקע ברכות פאַר ווייטערדיקע דערפאָל־גן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, אין די תפוצות און אין אונדזער לאַנד.

פרעזידיום פון אירגון
יוצאי לובלין אין ישראל:
דוד שטאָקפיש, מתתיהו האָרן,
משה וואסאָנג, שמעון לאור,
אברהם לאסקאָווסקי, סוכער
פאַכטשאַש, לאה קוריס.



אויף דער חתונה פון צעלינאַ נאַגעל און באָב בערמאַן אין ניו־יאָרק.
פון רעכטס:
מאָרע און מאַניע, די כלה'ס עלטערן, חתן־כלה און די כלה'ס זיידע־באָבע חיהלע און זעליג וואַסערשטרום.

# 4 טע פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ.

## פון די קדושי לובלין

די פאַרטיילונג, צום פערטן מאָל, פון דער ליטעראַטור־פרעמיע א. נ. פון קדושי לובלין, פונדירט פון מערי און יואל גאָלדמאַן (לאָס אַנדזשעלעס), איז פאָרגעקומען זונטיק 18.4.76, אין זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין תל־אביב, דיזנגוף 158, מיטן אָנטייל פון די לאַורעאַטן פון דער פרעמיע פאַרן יאָר 1975:

א ר י ה ש מ ר י — פון קיבוץ עין־שמר;

מ ש ה ש ו ל ש ט י י ן — פון פאַריז.

אַן אָפּשאַצונג וועגן די פרעמירטע דיכטערס האָט געגעבן יצחק יאַנאַסאָוויטש. מאָטיוון פון דער זשורי האָט געלייענט דוד שטאָקפיש; באַגריסונגען — אַלבערט זאַבערמאַן, פרעזידענט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך און דיכטער משה וואַלדמאַן פון פאַריז. רעציטירט פון שמריס און שולשטיינס שאַפונגען האָט רבקה גאָלדבערג.

דעם אָוונט האָט געפירט עובדיה פעלד, וואָס האָט אויסער די דערמאָנטע פערזענלעכקייטן, אויך פאַרבעטן אין פרעזידיום די געסט פון אויסלאַנד: משה קאָרן, יעקב האָלץ, יעקב נאש און ד״ר אלחנן האָרוויץ פון ישראל.

*

דאָס „לובלינער ווינקל״ איז געווען אָפן פון 6 אָוונט, און איז באַזוכט געוואָרן פון אַ סך לאַנדסלייט, וואָס זענען געקומען צו דער פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פרעמיע.

מיר ברענגען ווייטער אַ ריי באַגריסונגען און רעדעס, ווי אויך די מאָטיוון פון דער זשורי.

אין זיין שלוס־וואָרט האָט דוד שטאָקפיש גערופן די לובלינער יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וואָס האָבן דערצו מעגלעכקייטן, זיי זאָלן פאַרשטאַרקן דעם קולטור־פאָנד און איינשטעלן ליטעראַטור־פרעמיעס צו פאַראייביקן זייערע נאָענטע. ער האָט דערציילט, אַז אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער פון לובלינער: שרה ארליכמן — בידי טמאים (צווייטע אויפלאַגע); שלמה שטאָקפיש — אין ראָד פון צאָרן; און די איבערזעצונג פון עובדיה פעלד „דאָס לעבן פון משה דיין״, פון שבתי טבת. אָבער עטלעכע מאַנוסקריפטן פון לובלינער מחברים וואַרטן אויף אַ גואל — און דאָס זענען מאַנוסקריפטן פון ערנסטע ביכער, פון אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט.

## מאָטיוון פון דער זשורי

צו דער פאַרטיילונג, צום פערטן מאָל, פון דער ליטעראַטור־פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין, פונדירט פון מערי און יואל גאָלדמאַן (לאָס־אַנדזשעלעס), האָבן מיר באַשטימט ווי לאַורעאַטן דעם דיכטער און רעדאַקטאָר א ר י ה ש מ ר י פון קיבוץ עין־שמר און דעם דיכטער, עסייאיסט און פראָזאַיקער מ ש ה ש ו ל ש ט י י ן, אונדזער בן־עיר, מחבר (צווישן פיל אַנדערע ווערק) פונעם דראַמאַטישן חזיון און אַ קופע אַש — „ביים פנקס פון לובלין״.

די פרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיקייט פוןביידע לאַורעאַטן איז אַ וואָגיקער ביישטייער צום בעסערן געדרוקטן יידישן וואָרט. סיי משה שולשטיין, סיי אריה שמרי, וועלן אָן שום ספק פאַרנעמען די מזרח־וואַנט פון אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

אריה שמרי, געבוירן אין קאַלושין, איז פון זיין פריסטער יוגנט צוגעשטאַנען צו דער חלוצישער באַוועגונג אין פוילן און אין יאָר 1929 עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט אַ גרופע פון השומר הצעיר און ביז איצט געפינט ער זיך אין קיבוץ עין־שמר. זיין פען־טעטיקייט דאַטירט זיך פון יאָר 1936, אין יידיש און אין העברעיש. דערנאָך איז ער אַריבער אין גאַנצן אויף יידיש און פאַרעפנטלעכט זיינע לידער און פאָעמעס אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ (וואַרשע), „זאַמלביכער״, „צוקונפט״, „יידישע קולטור״ (ניו־יאָרק), „נייוועלט״, „די גאָלדענע קייט״, „ישראל־שטימע״ (ישראל). ער האָט רעדאַגירט די אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל, „וואָרצלען״ און פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור „לא אמות כי אחיה״.

מחבר פון די פאָלגנדיקע ביכער לידער: „36 שירים פון לייזער ציפרעס״, וואָס איז אויך איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיש פון אברהם שלאָנסקי ז״ל; „אין טויער פון טעג״, (דערשינען אין יאָר 1947); „אין וואָכיקן ליכט״ (1953); „אַ שטערן אין פעלד״ (1957); „די פונקען פון תיקון״ (1960); „טריט אין גן־אדם״ (1965); „דאָס יינגל פון דיזשאָן״ (1968); „געזאַנגען אין שייער״ (1970) און „רינגען אין שטאָם״ (1975).

אריה שמרי איז רעדאַקטאָר פונעם פאַרלאַג „ישראל־בוך״, אַ פאַרלאַג וואָס האָט אין משך פון 10 יאָר זיך קונה שם געווען מיט זיינע 40 ביכער־פאָזיציעס, צווישן וועלכע עס זענען אויך פאַראַן די ספרים פון לובלינער מחברים און איבערזעצער, ווי: משה זאַלצמאַן — „און מען האָט מיך רעהאַביליטירט״, דערשינען אין עברית און אין יידיש; שלמה שטאָקפיש — „אין ראָד פון צאָרן״; משה שולשטיין — „איבער די דעכער פון פאַריז״; די איבערזעצונג פון דוד שטאָקפיש „די זעקס טעג פון יד מרדכי״ פון מאַרגאַרעט לארקין און אייניקע ביכער, וועלכע זענען דערשינען מיט דער הילף פונעם קולטור־פאָנד ביים ארגון יוצאי לובלין און פון שפענדער־יחידים, לובלינער יידן.

די פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין איז נישט די ערשטע פאַרן אַנערקענטן דיכטער אריה שמרי. אין יאָר 1960 איז ער פרעמירט געוואָרן פונעם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק; פונעם וועלט־קאָנגרעס אין פאַריז; פון דער געניע לוי פרעמיע אין ישראל; פון דער שמואל ניגער פרעמיע אין בוענאָס־איירעס און פונעם יידישן שרייבער פאַראיין אין ישראל לכבוד 25 יאָר יידישע מדינה.

העכער 40 יאָר האָט אריה שמרי פאַרווירקלעכט און גלייכצייטיק באַזונגען דעם חלוצישן אויפטו און געראַנגל אין ארץ־ישראל און אין מדינת ישראל. זיין שלאָגן וואָרצלען אינעם באָדן פון באַנייטן יידישן היימלאַנד איז פאָרגעקומען פּאַראַלעל מיטן טיפן אַריינדרינג אינעם מלכות פון יידישער דיכטונג.

*

משה שולשטיין איז געבוירן אין קאָריוו, לובלינער געגנט, ווו ער האָט אַדורכגעמאַכט זיינע קינדער־יאָרן אינעם קליינעם

שטעטל און אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער היים פון די עלטערן, ווי דאָס איז שפּעטער געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען. צו 13 יאָר פאָרט ער אַריבער מיט דער משפּחה קיין וואַרשע און פון 15 יאָר — אָנגעהויבן שרייבן לידער. די ערשטע שאַפונג פאַרעפנטלעכט אין וויסנבערגס זשורנאַל „אונדזער האָפענונג". שפּעטער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־גרופּע. געדרוקט זיינע לידער אין די ערנסטע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין וואַרשע.

אין יאָר 1937 עמיגרירט קיין פראַנקרייך און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין דיכטערישער שאַפונג, אין די שווערע באַדינגונגען פון אַן אומלעגאַלן אימיגראַנט.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, מעלדעט זיך משה שולשטיין פרייוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. געלעבט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין פיל שטעט, געווען אינטערנירט אין אייניקע לאַגערן, באַטייליקט זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און רעדאַגירט אַן אויסגאַבע פון דער יידישער שרייבער־גרופּע וואָס געהערט צו דער רעזיסטאַנס.

נאָך דער באַפרייונג פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. זיין בוך לידער „אויפן אַש פון מיין היים", אַרויסגעגעבן אין יאָר 1945, איז געווען דאָס ערשטע בוך וועגן חורבן וואָס איז דערשינען אין אייראָפּע.

ביז איצט האָט משה שולשטיין אַרויסגעגעבן זעכצן ביכער. 12 — לידער און פּאָעמעס, ווי: „ברויט און בליי", דערשינען אין לובלין אין יאָר 1934; „דאָס פייפל אין די בערג" (וואַרשע 1936); „אויפן אַש פון מיין היים" (1945); „אַ בוים צווישן חורבות" (1947); „אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן" (1950); „דער ניגון פון דורות" (1950); „געקליבענע לידער" (1954); „אַ לייטער צו דער זון" (1954); „בלומען פון באַדויער" (1959); „גאָלד און פייער" (1962); „ביים פנקס פון לובלין" (1966); „דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער" (1974) — דערשינען אין וואַרשע, פאַריז און ישראל. און פיר ביכער אין פּראָזע: „צווישן רואינען און רושטאָוואַניעס" (פאַריז 1949); „איבער די דעכער פון פאַריז" (1968); „געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן" (1971) און „אַ רינג אין אַ רינג" (1975).

שולשטיין איז שוין פרעמירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס פאַרן בוך לידער און פּאָעמעס „בלומען פון באַדויער" און פון דער ווייסליץ־צימערמאַן פרעמיע — פאַר „דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער".

אין די אומצאָליקע שאַפונגען זיינע איז דער לייט־מאָטיוו — דער אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און דער אויפקום פון מדינת ישראל, מיט איר אויסשטראַלונג אויף די תפוצות. נאָר פאַר אַלעמען האָט די זשורי געהאַט אויפן אויג משה שולשטיינס דראַמאַטישע פּאָעמע „ביים פנקס פון לובלין", וווּ ער האָט אין אַ הויך קינסטלערישער, דיכטערישער פאָרם אַרויסגעבראַכט דאָס ליד פון דער אויסגעהרגעטער יידישער לובלין, ווי דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן האָט עס דערגרייכט מיט זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

*

באַזאַמען מיט דער אַנערקענונג פאַר די צוויי דיכטער, עסייאיסטן און פּראָזאַיקער, דורכן צוטיילן זיי די פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין, ווילן מיר זיי ווינטשן אריכת ימים, אַ סך געזונט און ווייטערדיקע ליטעראַרישע יצירה אין גייסט פון אהבת ישראל און מדינת ישראל.

אונטערגעשריבן:

ד"ר אלחנן האָראָוויץ,<br>
עובדיה פעלד,<br>
פּראָפ' נחמן קאָרן,<br>
דוד שטאָקפיש.<br>
מאיר שילדקרויט.

תל־אביב, 18טער אַפּריל 1976.

# באַגריסונג פון אַלתר זאָבערנאַן

חשובער פאָרזיצער, חשובע לאַורעאַטן אריה שמרי און משה שולשטיין. געערטע זשורי פון דער ליטעראַטור־פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין און טייערע לובלינער יידן פון ישראל און פון חוץ־לארץ..

מען האָט מיר צוגעטיילט דעם גרויסן כבוד צו באַגריסן די לאַורעאַטן אין נאָמען פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פאַריז. ס'איז מיר נישט לייכט צו געפינען די ריכטיקע ווערטער, וועלכע זאָלן אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט דעם ארגון יוצאי לובלין און דער חשובער זשורי פאַרן באַשלוס צו פאַרטיילן די ליטעראַטור־פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין דעם לובלינער דיכטער משה שולשטיין פון פאַריז און דעם דיכטער אריה שמרי פון קיבוץ עין־שמר. איך האַלט דאָס פאַר סימבאָליש — ווייל גאָלדענע פעדים בינדן די עיר ואם בישראל, די מאַרטירער־שטאָט לובלין מיט דעם קיבוץ עין־שמר. די מיטגלידער פון מיין קבוצה „יהודה" אין קן פון השומר־הצעיר אין לובלין, זענען היינט חברים אין קיבוץ עין־שמר. און ווער ווייסט, אויב איך וואָלט היינט נישט געווען קיין מיטגליד אין דעם קיבוץ, צוזאַמען מיט מיין יוגנט־חבר ישראל הערץ און דעם פּאָעט אריה שמרי, ווען איך וואָלט אין יאָר 1930, בערך 45 יאָר צוריק, געהאַט אַ ביסעלע ווייניקער וועלט־שמערצן — און אַ קאַפּיטשקע מער אהבת ישראל. ווי איר זעט, איז מיר געלונגען צו מאַכן פאַר אַ שטיקל לובלינער אויך דעם לאורעאַט אריה שמרי...

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם דיכטער משה שולשטיין, מוז איך זאָגן, אַז איך באַוווּנדער זיין שרייבערישע פּראָדוקטיווקייט. איך פאַרשטיי מיך ווייניק אויף פּאָעטישע פאָרמען און ריטמען, אָבער לייענענדיק זיין „ביים פנקס פון לובלין", מוז מען נישט זיין קיין מומחה, כדי צו פילן די וווּנדער־שיינע פערזן און די גרויסקייט פון פּאָעט און זיין שאַפונג!

ליטעראַטור־פרעמיעס אין יידישן לעבן זענען, ליידער, אַ זעלטענע דערשיינונג, ווייל אַזעלכע יואל גאָלדמאַנס און משה קאָרנס „וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן". מיר וואָלטן געווען גליקלעך, ווען מיר, אין יידישן פאַריז, זאָלן פאַרמאָגן אַ מין יואל'כל און אַ משה'לע. דערווייל געניסן מיר פון דער אויסשטראַלונג, וואָס קומט פון תל־אביב — און מיר דאַנקען אייך פון גאַנצן האַרצן פאַר דעם צוגעטיילטן כבוד.

זייט באַגריסט פון אַלע לובלינער יידן אין פאַריז.

# דער לובלינער וועג

משה שולשטיין

**(פון זיין אַרויסטרעטונג אין תל־אביב אויף דער פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין)**

חשובער פּרזיצער, מיינע טייערע לאַנדסלייט און פריינט!

עס איז פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג צו זיין היינט צווישן אייך און מיט אייך, זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט דער לובלינער משפחה פון ישראל בעתן צוטיילן מיר, צוזאַמען מיט מיין קאָלעגע און חבר, דעם דיכטער אריה שמרי, די פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין.

דאַנעקנדיק אייך פאַרן באַשענקען מיך מיט דער דאָזיקער זכיה, דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז איך טייל אויס די דאָזיקע פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין פון אַנדערע פרעמיעס וואָס ווערן די לעצטע יאָרן געגעבן צו יידישע שרייבערס — צוליב איר באַזונדערקייט און אַנדערשקייט. אויב מיט אַנדערע פרעמיעס ווערט באַערט דער אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם יחיד, וועמענס נאָמען האָט טאַקע אָפט פאַר אונדז אַ גרויסן באַדייט, באַערט מען אָבער מיט דער פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין דעם אָנדענק פון אַ כלל, פון דעם אומגעבראַכטן כלל און ציבור פון דער עיר ואם בישראל — לובלין. און אין דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט, ווען איך נעם איבער פון אייערע הענט די דאָזיקע מאָראַלישע אויסצייכענונג וואָס האָט דעם ציל צו באַערן די קדושי לובלין, ווער איך טיף דורכגעדרונגען מיט געפילן הן פון פאָרכטיקייט און הן פון אחריות פאַרן דאָזיקן אויסגעהרגעטן ציבור פון וועלכן איך שטאַם אָפּ און איך טראָג זיין געדעכעניש אין מיין האַרצן.

די זאָרג און די אחריות פאַר דער קאָלעקטיוויטעט, די סאָלידאַריטעט און דאָס מקריב זיין זיך פונעם יחיד פאַרן כלל, זענען אַזוי אייגנטימלעך פאַרן יידישן פאָלק אין משך פון זיין פיינפולער געשיכטע און זיי האָבן אַ סך בייגעשטייערט פאַר אונדזער אויפהאַלטן זיך און איבערלעבן נסיונות, פאַר אונדזער פיזישער עקזיסטענץ און ווייטערדיקן המשך.

צי איז דען נישט אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געזאָגטן דער פאַל, צווישן אַנדערע, וואָס האָט גראָד אַ שייכות צום עבר פון אונדזער היימשטאָט. איך האָב דאָ אין זינען די לעגענדאַרע יידישע געשטאַלט פון דעם איין־טאָגיקן קעניג שאול וואַל פון לובלין. מיר וועלן נישט איצט אַרויסברענגען די אויסטערלישע אומשטענדן, בעת וועלכע שאול וואַל איז בעל־כרחו געוואָרן אַ קעניג אויף איין מעת־לעת, נאָר איך וויל אונטערשטרייכן דאָס וואָס בעת זיין איין־טאָגיקער קעניגלעכער טראָנשאַפט האָט שאול וואַל די קורצע הערשאַפט זיינע נישט אויסגענוצט פאַר זיך, ער האָט נישט געטראַכט וועגן זיך ווי וועגן אַ יחיד, נישט אין זינען געהאַט זיינע אייגענע פערזענלעכע, עגאָצענטרישע אַמביציעס, נאָר די מעשים־טובים פאַרן כלל און ער האָט טאַקע געזען גלייך אַרויסצובאַקומען רעכטלעכע פאַרלייכטערונגען און פריווילעגיעס פאַר יידן.

מיינע טייערע פריינט!

איך קום אַרויס פון דעם שטעטל קאָריוו, נישט ווייט פון לובלין. אַלס קאָריוווער האָבן מיר זיך געפונען אין דעם ליכטקרייז פון דער גייסטיקער אויסשטראַלונג פון לובלין, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער גאַנצער אַרומיקער געגנט און געהאַט אויף אונדז אַ גרויסע השפעה. וועגן דער שייכות און קרובהשאַפט צווישן קאָריוו און לובלין דערציילט, אגב, פּראָפעסאָר באַלאַבאַן אין זיין בוך „די יידן־שטאָט לובלין" — און די שייכות דאָ איז אַ טראַגישע, אַ בלוטיקע, אַ פיינפולע, ווייל זי איז פאַרבונדן מיט דער תקופה פון די כמיעלניצקי־שחיטות. צוויי מאָל דערמאָנט באַלאַבאַן מיין שטעטל, ווען יידן פון לובלין האָבן פּרובירט אָפּראַטעווען זייער לעבן, אַנטלויפנדיק קיין קאָריוו, און אַז אויפן בית־עולם פון קאָריוו, גיט ער צו, האָט מען נאָך הונדערטער יאָרן געקאָנט לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות פון די אַנטלאָפענע יידן פון לובלין.

אין יאָר 1948, ווען איך האָב באַזוכט מיין חרוב געוואָרן שטעטל קאָריוו און אויך לובלין, האָב איך שוין מער די דאָזיקע אויפשריפטן וועגן די לובלינער יידן אויף די מצבות נישט געטראָפן און אויך דעם בית־עולם האָב איך שוין מער נישט געטראָפן. צו מיין ווייטיק האָב איך אויף זיין אָרט געזען אַ קאַרטאָפל־פעלד, ווו די שפורן פון קאָריווער און לובלינער יידן און פון יידישער געשיכטע זענען געווען אָפּגעמעקט אויף אייביק. דער אונטערשיד פון דער בלוטיקער כמיעלניצקי־תקופה, וואָס איך דערמאָן אין שייכות מיט לובלינער־קאָריווער קרובישאַפט, אין פאַרגלייך מיט דער בלוטיקער היטלער־תקופה איז דער, וואָס ביי כמיעלניצקין זענען נאָך געווען געוויסע פאַלן ווען מען האָט זיך געקענט אויסקויפן דאָס לעבן מיט קאָנטריבוציעס אָדער שמד, און ביי היטלערן האָט מען זיך מיט גאָרנישט געקענט אויסקויפן. דאָ האָט שוין דאָס לויפן קיין קאָריוו צו גאָרנישט געקענט דינען. און אויב ס'זענען געווען וואַנדערונגען, איז עס געווען דערפאַר, ווייל דער צורר האָט געטריבן יידן פון איין אָרט צום אַנדערן אויף צו קאָנצענטרירן זיי פאַרן אומקום. דער בלוט־אויסצאַפּער, מאַידאַנעק, וואָס איז פון דער נאָענט צוגעשטעלט געוואָרן צום האַרצן פון לובלין, האָט אויך אויסגעצאַפּט אונדזער בלוט פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

דריי וועגן האָט געהאַט קאָריוו: דעם פילעווער וועג, דעם וואַרשעווער וועג און דעם לובלינער וועג. דעם וואַרשעווער וועג האָט מען נישט אַזוי ליב געהאַט און דעם פילעווער וועג אוודאי נישט. דאָרט האָט זיך געפונען דאָס נייע בית־עולם און ס'האָט קיינעם נישט געצויגן אַהין. דער לובלינער וועג איז געווען דער שענסטער, דער סאַמע געשעצטער, באַלעבטער און באַליבטער וועג. אויף אים האָט געמאַכט דעם שפּאַצירגאַנג די גאַנצע יידישע יוגנט. דער לובלינער וועג איז פאַרבונדן מיט די שענסטע דערמאָנונגען פון מיינע קינדער־יאָרן. ער איז פאַר מיר נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף, נאָר אויך אַ סימבאָל. דער וועג איז געווען פאַר מיר די גאָלדענע שנור וואָס האָט מיך גייסטיק פאַרבונדן מיט לובלין און אַזוי אַרום איז ער פאַר מיר געווען דער וועג וואָס האָט מיך געפירט אין לעבן אַריין. און אין יאָר 1934 איז אין לובלין געדרוקט געוואָרן מיין ערשטע זאַמלונג לידער „ברויט און בליי". דער לובלינער וועג איז אָבער געווען נישט בלויז דער שפּאַצירגאַנג פון דער קאָריווער יידישער יוגנט, נאָר אויך דער לעצטער גאַנג פון די קאָריווער יידן.

ווי איך האָב אייך געזאָגט אין אָנהייב, איז די פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין נישט די זעלבע ווי אַנדערע פרעמיעס. זי ווערט געגעבן מיט נשמה־ציטער און יראה און מען נעמט זי מיט נשמה־ציטער און יראה. און ווען איך נעם זי פון אייך, האָב איך דאָס געפיל אַז איך טאָר נישט צולאָזן צו מיר יעדן פערזענלעכן גענוס און צופרידנקייט וואָס זי קען מיר ברענגען. איך האָב דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך

**געדאַרפט באַפרייען פון יעדער יחידישער סאַטיספאַקציע און פרייד וואָס די פרעמיע קען מיר פאַרשאַפן, גלייך ווי די דאָזיקע סאַטיספאַקציע און פרייד וואָלטן נאָך געווען ביכולת אַנצוריִרן ערגעץ־ווו און אָפּשוואַכן דעם טרויער און צער וואָס איז אונדז געבליבן נאָך זיי, די קדושי לובלין, און באַגלייטן אונדז שטענדיק. איך האָב דעם איינדרוק, ווי די דאָזיקע פרייד וואָלט נאָך געקענט, כאָטש אין דער מינדסטער מאָס, פאַרטונקלען דעם ליכטזייל וואָס שטראַלט אַרויס פון זייער קדושה און איך זאָג צו זיך, אַז נעמען אַזאַ פרעמיע מיט אַ באַרואיקט האַרץ און געוויסן, איז מען באַרעכטיקט און ראוי נאָר דאַן, ווען זי וועט דיך אָנרעגן צו שאַפונגען וואָס זאָלן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים. זאָל דער ווירדיקער און שיינער באַערונגס־אַקט וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אייך, לובלינער לאַנדסלייט, זיין נאָך אַ ציגל צום אויפבויען דעם גייסטיקן פאַנטעאָן, דעם גרויסן היכל הזכרון פאַר די קדושי לובלין, וווהין מיר זאָלן עולה רגל זיין צו זיי אין אונדזערע מחשבות.**

# בריוו פון אריה שמרי

עין־שמר 7.2.1976

צום פאַראיין פון לובלינער לאַנדסלייט
אין ישראל,

ליבער פריינד, פאַרזיצער פון פרעזידיום
דוד שטאָקפיש,

חברים פון דער זשורי:

ד״ר אלחנן הארוויץ, עבריה פעלד,
נחמן קארן, מאיר שילדקרויט —
און נאָך אַמאָל — ליבער דוד שטאָקפיש.

מיט טיפער פרייד האָב איך אויפגענומען די ידיעה פון דער מיר צוגעטיילטער פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין. דאָס איז אַ פרייד, וואָס איז אויך גורם אַ שוידער — קדושי לובלין... אַ זכיה וואָס רירט אָן די טיפסטע געפילן פון טראַגישער און דערהויבענער יידישקייט. דאַרף איך זיך אַליין מזכה זיין די דאָזיקע זכיה — מיין אינערלעכע שייכות מגירסא דינקותא צו די כתרי תורה פון לובלין און צו דער יידיש־פּאָעזיע, וואָס איז געווען אַ גילגול הניגון פון דורותדיקן לובלין...

איך דאַנק אייך, ליבע פריינד, פאַר אייער עצם אויפטו, דאָס אָפּהיטן דעם נאָמען „לובלין" דורך טריישאַפט צום יידיש־שאַפערישן וואָרט. איך דאַנק די נדיבי לב פון דער ליטעראַטור־פרעמיע, די משפחה גאָלדמאַן, און אייך, די שופטים פון דער זשורי.

אייך אַלעמען מיין האַרציקן דאַנק

מיט פריינדשאַפט

**א ר י ה ש מ ר י**

# במעגל הזעם

**אפרים איינשטיין / תל־אביב**

על ספרו של שלמה שטוקפיש „אין ראָד פון צאָרן", הוצאת „ישראל־בוך", תל־אביב, 1976.

ספר זכרונות חדש על דרך היסורים שעבר עליו במלחמת העולם השניה בגלות רוסיה, העניק לנו בן עירנו, שלמה שטוקפיש, היושב בחיפה.

קדמו לו מספר ספרי זכרונות של בני לובלין, כגון, שלמה מיטלמן, אננא לנגפוס־שטרנפינקל, ש. גרנטשטיין, נחמן בלומנטל, עובדיה פלד, שרה ארליכמן והאחרון (בינתיים) שלמה שטוקפיש.

37 שנה עברו מאז פרוץ מלחמת העולם השניה ו־31 שנה מסיומה ולא פסק עדיין זרם ספרי הזכרונות במיוחד של יהודי פולין, שהיוו 30 אחוז של יהדות אירופה, אשר על אדמתה, אדמת פולין, בוצע אחד הפשעים המחרידים ביותר בהיסטוריה העולמית, השמדה מאורגנת של עם שלם, ומרביתו על אדמת פולין.

שלמה שטוקפיש הצליח להימלט מצפורני הנאצים והגיע לשטח הכיבוש הרוסי ובלבו תקוות רבות. נסיונו הנועז והנואש להבריח גם את אשתו וילדיו משטח הכיבוש הגרמני עלו בתוהו, ורק בדרך נס הוא מצליח למלט את נפשו ולחזור לשטח הרוסי, ונדודיו על פני רוסיה הגדולה והאין סופית החלו.

שונות ומשונות ורבת צורות היו תלאותיהם של יהודי פולין שנמלטו לרוסיה, מי מרצון ומי מאונס. מנת חלקו של המחבר במסכת התלאות היה גדול יותר, כי ברוסיה קיווה למצוא צידוק לאידיאלים שלמענם הקדיש את נעוריו, ונתאכזב אכזבה מרה. ברוסיה האמין בכל חום לבו, ומשוכנע היה כי ממוסקבה תצא בשורת החרות והשוויון לאדם הסובל והמושפל, ורק ממנה תבוא גאולת העולם, ובהגיעו לשם חיכתה לו מפולת של כל האידיאלים שלמענם „הצליח" לטעום טעם בית־סוהר הלובלינאי „זאמעק". האל הזה ששמו קומוניזם — שרבים מהנוער האידיאליסטי הלובלינאי מצאו מפלט בחיקו — האל הזה הכזיב את המחבר קשות, ומכאן מובנת כותרת הספר „במעגל הזעם" (אין ראָד פון צאָרן). נוסף לזעם על חורבן והשמדת המשפחה, העיר, העם, וכל מה שנבנה ונוצר במשך אלף שנים של יהדות פולין, התווסף הזעם על אובדן האידיאלים שבהם האמין ומצא עידוד במלחמת הקיום בפולין ההנדקית דאז.

בכשרון וביד בטוחה מוביל אותנו המחבר על פני השטח העצום של רוסיה, — שטח תלאותיו — ופגישותיו עם רוסיה האמיתית, האטומה, הקשוחה, האכזרית וחשדנית כלפי כל זר. וכל מה שלא מתאים לקו ולהוראות של כל דרגות הנצ'לסטבו וההיראַרכיה העצומה שבה, עד לאחרון המשגיחים —נענש קשות.

אולם מענינות במיוחד היו פגישותיו עם יהודים מכל ארצות הכיבוש הגרמני, שבכול מיני דרכים נקלעו לרוסיה. כך הוא מספר על קבוצת יהודים מהונגריה שגוייסו בגדודי עבודה על־ידי הצבא ההונגרי ונפלו בשבי יחד איתם. יהודים אלה אדוקים היו וסירבו בעקשנות לקבל מזון ממטבחי המחנות מטעמי כשרות, ותנאי התת תזונה והרעב לא מוטטו את אמונתם באלוהים.

הספר עלה לי בליל שימורים אחד. בנשימה אחת גמרתי את קריאתו. רוח של ביתיות — היימישקייט — נושבת עליך מהשורות, עוטפים אותך ושוב אתה ברחובותיה של לובלין

ובסימטאותיה העקלקלות, ודמויות שטושטשו ונשכחו נמצאים בטווח נגיעה.

הספר נכתב בשפה עממית, ביידיש לובלינאית ללא יומרנות ספרותית, ומכאן מעלתו. תהיתי איך נשמרו בזכרונו כל פרטי הפרטים של האירועים, פגישות, דמויות, שמות ותאריכים על פני יריעה רחבה של זמן ושטח. ברוסיה, כידוע, מסוכן היה לא רק בימי מלחמה אלא אף בימי שלום — לכתוב ולהחזיק יומן שאינו מהלל ומשבח את המשטר.

הספר מסתיים ברגע שהסופר מגיע לסוף דרך נידודיו, לבירת פולין ההסטורית קראקוב, והבל. כל כך רציתי שהמחבר ימשיך ללובלין ויספר לנו מה, מי ואיך מצא את לובלין, העיר ששוקקה חיים יהודיים, וזר שנקלע לעיר שאל אם גם גויים גרים שם, שאל אף הפרידה ממנה למעלה מדור וחצי, היא עדיין חלק ממחשבותינו ומחיינו.

# „אין ראָד פון צאָרן"*

**עובדיה פעלד**

וועגן ראַטנפאַרבאַנד און די איבערלעבונגען פון דער שארית הפליטה אין דעם לאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען אין די לעצטע יאָרן דערשינען צאָלרייכע ביכער. יעדער מחבר האָט פון זיין שטאַנדפונקט געשילדערט אין אַ בעלעטריסטישער, אָדער רעפּאָרטאַזשן־פאָרם די איבערלעבונגען אין די פאַרשיקונג־ערטער, אַרבעט־לאַגערן, אַזוי גערופענע „פּאַסיאָלקעס" און שפּעטער, נאָך דער באַפרייאונג, אין די שטעט, שטעטלעך און קאָלכאָזן פון די פאַרשידענע רעפּובליקן.

צו דער קאַטעגאָריע ביכער געהערט אויך דאָס בוך פון שלמה שטאָקפיש „אין ראָד פון צאָרן". שלמה שטאָקפיש איז ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה געווען אַ קאָמוניסט. ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה אין לובלין אין רעזולטאַט פון דער היטלעריסטישער אַגרעסיע קעגן פּוילן. עס איז זעלבפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט אין די סאָוויעטן געזען די אמתע אויסלייזער און דעם ראַטנפאַרבאַנד האָט ער באַטראַכט אַלס אידעאַלן מקום מקלט, אַ סימבאָל פון אַ יושרדיקן רעזשים און האָט אויך געהאַלטן, אַז עס איז געקומען אַ פּאַסיקער היסטאָרישער מאָמענט, אַז פּוילישע יידן זאָלן ביישטייערן צו דער באַפעסטיקונג פון קאָמוניסטישן רעזשים אויף די שטחים, וואָס זענען „באַפרייט" געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. אַלס געטרייער און איבערגעגעבענער קאָמוניסט, האָט שלמה שטאָקפיש באַשלאָסן צו העלפן בויען דעם סאָציאַליזם טיף אין רוסלאַנד.

און דאָ הייבט זיך אָן די גאַנצע טראַגעדיע פון דער אידעאַליסטישער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך שנעל איבערצייגט ווי פאַרפוילט און פאַרקריפּלט עס איז דער קאָמוניסטישער רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָס גרעסער עס איז געווען דער ברען און דער אייפער פאַרן קאָמוניסטישן אידעאַל, אַלץ גרעסער איז געווען די שטראָף וואָס די דאָזיקע אידעאַליסטישע יוגנטלעכע האָבן באַקומען פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען. די דאָזיקע קאָמוניסטן זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די ערגסטע לאַגערן און פיל פון זיי האָבן באַצאָלט מיטן לעבן.

שלמה שטאָקפיש שילדערט אין פּשוטע, אָבער זייער איבערצייגנדיקע ווערטער די איבערלעבונגען אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון די אַרבעט־לאַגערן, אין וועלכע מען האָט געהאַלטן פּאָליטישע אַרעסטירטע צוזאַמען מיט די ערגסטע קרימינעלע פאַרברעכער. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכן די באַשרייבונגען פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ אין די דאָזיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט.

אין זיין בוך שילדערט שלמה שטאָקפיש די איבערלעבונגען פון אייניקע גרופּן יידישע געפאַנגענע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זענען אָנגעקומען צוזאַמען מיט די דייטשע, איטאַליענישע, אונגאַרישע, טשעכישע און רומענישע איינהייטן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין דער סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אונגאַרן האָבן מאָביליזירט יידן אין אַרבעט־לאַגערן און די דאָזיקע יידן האָבן באַגלייט די אונגאַרישע כוחות, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די דייטשן קעגן די רוסן. די 36 אונגאַרישע יידן, מיט וועלכע שטאָקפיש האָט זיך מטפל געווען אַלס איינער פון די רוסישע קאָמאַנדירן וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די עשאַלאָנען פון געפאַנגענע און זיי אָפּגעפירט קיין רומעניע, טשעכיע און אונגאַרן, זענען געווען פרומע יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו עסן פון דער אַלגעמיינער קיך און זיך געשפּייזט נאָר מיט טרוקענע פּראָדוקטן. שטאָקפישס בוך אַנטהאַלט אַ סך אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן די טשעכישע, רומענישע, אונגאַרישע און יוגאָסלאַווישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן די ערשטע פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד נאָכן קריג.

שלמה שטאָקפישס בוך „אין ראָד פון צאָרן", געשריבן אין אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך, איז אָן שום ספק אַ וויכטיקע ביישטייערונג פאַר די אַלע, וועלכע ווילן פאַרשן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע און גורלדיקע תקופה אין לעבן פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

(„לעצטע נייעס", תל־אביב, 20.8.76)

*) שלמה שטאָקפיש / „אין ראַד פון צאָרן", פאַרלאַג „ישראל־בוך" 1976.

## מיר באַגריסן אונדזערע נייע עולים

ישראל און חנה ראָג, עולה געווען פון אַרגענטינע, נאָכן אָפּזיין דאָרט 50 יאָר. באַזעצט זיך אין קיבוץ רבדים, ווו ס'געפינט זיך זייער זון, שנור און דריי אייניקלעך.

פאַני און פישל ראָזענבוש, עולה געווען פון בעלגיע, נאָכן אָפּזיין דאָרט 30 יאָר. באַזעצט זיך אין גבעתיים, ווו עס וווינט זייער טאָכטער, איידעם און צוויי אייניקלעך.

ברוכים הבאים!

# כתם בראש

בספר „אוצר הרבנים" להרב נ. צ. פרידמן, בני־ברק, תשל"ה, המכיל 20,000 רבנים, דיינים וכו', משנת ד' אלפים תש"ל — ה' אלפים תשל"ה (ראה ביקורת „מעריב" מיום 6.2.76 עמ' 20) מצאתי „כתמים" ללא ספור. אציין כאן כתם בעל אופי קוריוזי (שרבים דוגמתו נמצאים בספר).

הרב שניאור זלמן פרדקין מלובלין, הידוע כ**הרב מלובלין,** שהיה רבה של לובלין בשנים תרכ"ו—תרנ"ב מופיע בספר 4 פעמים כארבעה רבנים שונים!!!

1) במס' 2634 אנו מוצאים אותו כרבי זלמן מלובלין.

2) במס' 5655 כרבי זלמן **פרדקין.**

3) במס' 20156 כרבי שניאור זלמן **אשכנזי(!)** לאדיאר (אכן רש"ז נולד בלאדי שברוסיה וכונה בשם זה בצעירותו וחותם א"ע כך).

4) ובמס' 20173 כרבי שניאור זלמן **יוסף** (?) פרדקין.

**נח נאה**

ת.ד. 16012 ירושלים

„מעריב" 27.2.76

**ביכער וועגן לובלין,**
**פון לובלינער מחברים**
**א ו ן**
**דערשינענע אין לובלין**
**ווערן געזוכט**
**פ אַ ר ן**
**„לובלינער ווינקל"**

# צו דער פינפטער יארצייט נאכן טויט פון
# יעקב גלאטשטיין ז"ל

מיט 5 יאָר צוריק, אין נאָוועמבער 1971, איז אין ניו־יאָרק נפטר געוואָרן אונדזער בן־עיר, דער באַגאַבטער דיכטער, עסייאיסט, פּראָזאַיקער, פּובלי־ציסט און קריטיקער. אין שיכות מיט דער דאָזיקער דאַטע, ברענגען מיר גלאַטשטיינס ליד:

## פון וואַנען איז אַ ייד

דער מידער פקיד פון יידישן לאַנד
האָלט שוין דעם הונדערטסטן
פּאַס אין דער האַנט.
„שלום! פונוואַנען איז אַ ייד?"
פרעגט ער מיך, מיט אַ גענעץ,
ביים אַריבערגיין די יידישע גרענעץ.

„יעדער יידס פונוואַנען
איז פונדאַנען",
זאָג איך אים פשוט און ערלעך.
דער מידער פקיד נעמט דעם פאַרוואָלקנטן שטערן
קנייטשן און טאַפּן.
ס'איז אים נעבעך מיין ענטפער
שווערלעך צו כאַפּן.

מיט אַ מאָל ווערט ער מלא פרייד,
ס'לייטערט זיך אים אויס דער שטערן.
ער וויל דווקא נאָך אַמאָל
און נאָך אַמאָל הערן מיינע רייד
ער וויל זיי דווקא נאָך אַ מאָל
און נאָך אַ מאָל הערן.

הייב איך אויף מיין קול,
חזר־איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.
אדרבא, ווייבאַלד
ער האָט שוין פאַרשטאַנען,
בין איך נישט פויל אויף דער צונג:
יעדער יידס פונוואַנען איז פונדאַנען.

ער גיט אַ קלונג און נאָך אַ קלונג.
ביז ס'נעמט זיך צוזאַמען
אַ מנין פקידים.
מיר איז ניחא, כ'בין צופרידן,
גיב איך נאָך דעם פאַרלאַנג
פון אַ מנין יידן.

כ'רעד שוין נישט,
כ'ענטפער מיט געזאַנג,
יעדער יידס פונוואַנען
איז פונדאַנען.
אַלע האָבן דעם ניגון
באַלד אונטערגעכאַפּט.
אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען,
ברמיזא —
דעם פולן האַפּט
פון מיין יידישער וויזע.

דער מידער פקיד
ווערט מיט ברען דער דיריגענט.
פון וואַנען — פון דאַנען.
דער גאַנצער מנין פקידים
פּלעסקעט צו מיט די הענט,
מען נעמט מיך אַריין אין קרענצל,
און ווי ליובאַוויטשער חסידים,
כאַפּן מיר אַלע צוזאַמען אַ טענצל.

# איז יידיש א פארגעסענע און אונטערגייענדיקע שפראך?

אפרים איינשטיין / תל־אביב

אין שייכות מיט דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, פאָרגעקומען אין ירושלים אין די טעג פון 23סטן ביזן 26סטן אויגוסט, פאַרעפנטלעכן מיר (לויט די „לעצטע נייעס", 20.2.76) דעם בריוו פון אונדזער בן־עיר אפרים איינשטיין, וואָס האָט נישט פאַרלוירן זיין אַקטועלקייט אין דער פראַגע פון יידיש אין ישראל.

אין דעם נייעס־מאַגאַזין פון שבת, דעם 14.2.76 האָט דער ראַדיאָ־ספיקער איבערגעגעבן דעם פאָלק אין ישראל אַן איבערראַשנדיקע ידיעה, אַז אין תל־אביב איז דאָ אַ שול ווו מען לערנט יידישע קינדער און אויך דערוואַקסענע, יידיש, און צווישן זיי אויך תימנישע און ספרדישע קינדער, און געזאָגט האָט ער דאָס אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט, צום ביישפּיל, דערציילט, אַז מען האָט געפונען איינעם פון די פאַרלוירענע עשרת השבטים.

דאָס אַליין איז נאָך נישט קיין גרונט צו שרייבן וועגן דעם אין דער צייטונג, נאָר דער ספיקער האָט די נייעס צוגשמאַלצן מיט נישט געשמאַקע עפיטעטן פאַר דער יידישער שפּראַך, און אַ ביסעלע, גאַנץ דייטלעכער שאָדן־פרייד, האָט ער צוגעגעבן אַז יידיש איז אַ „פאַרגעסענע און אונטערגייענדיקע שפּראַך" (שפה נשכחת ונכחדת).

איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען די איניציאַטיוו פון ראַדיאָ־ספיקער, אָדער פון נייעס־רעדאַקטאָר. אָבער עס וועט נישט שאָדן, אויב איר וועט וויסן, אַז יידיש לשון האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע פון איבער טויזנט יאָר, און אין אָנהייב פון דעם 2טן וועלט־קריג האָבן פון 17 מיליאָן יידן, 9—10 מיליאָן געלעבט און געשאַפן אין יידיש, און זייענדיק באַרויבט פון נאַציאָנאַלער און געאָגראַפישער קאָנצענטראַציע אין דער טויזנט־יאָריקער גלות היסטאָריע, איז יידיש געווען דער פאַראייניקונג־פאַקטאָר וואָס האָט צעמענטירט און קריסטאַליזירט דאָס יידישע פאָלק און עס געמאַכט ווידערשטאַנד־פעיק קעגן אַלע פלאָגן און גזירות, וואָס האָבן זיך אויף אים געשאָטן.

אַדאַנק יידיש לשון קענען יידן פון אַלע וועלט־טיילן זיך צוזאַמענרעדן. וועגן יידיש קען מען זאָגן דאָס זעלבע וואָס חז"ל האָבן געזאָגט וועגן שבת: מער ווי די יידן האָבן אָפּגעהיטן דעם שבת, האָט שבת אָפּגעהיטן די יידן.

יידיש האָט אָפּגעהיטן דאָס יידישע פאָלק פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, און נאָך היינט, טראָץ דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע — רעדן נאָך מיליאָנען יידן אויף דער וועלט — און באַזונדערס אין ישראל — יידיש. צענדליקער טעגלעכע און פעריאָדישע אויסגאַבן דערשיינען אויף דער גאַנצער וועלט אויף דער דאָזיקער „פאַרגעסענער און אונטערגייענדיקער שפּראַך", און אַ גרויסער טייל פון זיי אין ישראל.

דער באַדייטנדיקער טייל פון העברעישע ווערטער און זאַצן וואָס זענען איינגעפלאָכטן זייט דורות אין יידיש, האָט פיל בייגעשטייערט צום שנעלן ווידעראויפלעבן פון העברעיש, און דער אונטערגאַנג פון יידיש וואָלט געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר העברעיש, ווייל פון יידיש שעפּט עברית אירע רעזערוון.

דערנאָך, מיינע פריינד פון „קול ישראל", וואַרפט נישט קיין שטיינער אין ברונעם פון וועלכן עס טרינקען מיליאָנען יידן, און אפשר אויך — אייערע טאַטע־מאַמעס.

## שמחות ביי לובלינער:



אויף דער חתונה פונעם זון פון יהושע ווייספיש (דאָס בילד אויבן) און פון דער טאָכטער פון יאָסעלע ליכטנשטיין.



# תנו יד לפעולות אירגוננו

דוד שטאָקפיש
מתוך נאומו בערב אזכרה

במעמד של התייחדות עם קדושי לובלין בעיר תל־אביב, בנוכחות שארית הפליטה של עיר ואם בישראל, אנו יכולים להתגאות בעובדה, שמקיימים את הצו ז כ ו ר !

בפעם השלושים אנו עורכים בעיר העברית ה־ראשונה, ערב אזכרה לקהילת לובלין. תארו לעצמכם: האם ייתכן לשכוח, ולא לציין את ה„יאָרצייט" המ־זעזע הזה ? רק היום שמענו וקראנו בכלי־התקשורת, שבדיסלדורף נפתח משפטם של 14 פושעי־מלחמה, וביניהם נשים, שפעלו במחנה־השמדה מיידאנק. אבל אנחנו איננו זקוקים לתזכורת מגרמניה על מה ש־התרחש בגיטו לובלין ובמיידאנק.

מבחינת הזמן — התרחקנו מתקופת השואה, למרות שהיא עדיין הנושא המרכזי בחיי עמנו וחלק לא מבוטל בתודעה היהודית. אבל מבחינה רגשית, לאומית והיסטורית, הדור שלנו, שידע מה זה הכיבוש הנאצי — איננו מסוגל להבין את משמעות השמדת עם ע"י הרייך השלישי. לכן קיימת הרגשה, שהשואה אינה רק נחלת העבר — אלא שזה אפשרי גם בעתיד. הרי הגורמים שהביאו להכחדת שליש מעמנו לפני ל־מעלה משלושים שנה, כגון: דיקטטורה טוטלית, שנאת דורות, האמונה בכוח פיסי הכל־יכול, ההתפתחות הטכנולוגית והכלכלית, המלחמות — כל אלה קיי־מים גם היום. ההחלטה באו"ם בגנות הציונות כ־תנועה גזענית — היא בעצם תרגיל חוזר של הטלת טלאי צהוב על תנועת השחרור של העם היהודי וגם אות־אזעקה ואזהרה על יחסן של מדינות רבות, וביניהן נאורות, אל מדינת ישראל, אל העם היהודי ואל הרעיון הציוני. גם יחסינו עם השכנים דורשים כוננות גבוהה לשעת התמודדות — שלא תבוא ; וב־מידה לא פחותה — צעדים נועזים ובלתי־שיגרתיים לקרב את השלום המיוחל.

ונשאלת השאלה: בכל הסבך הזה של בעיותנו — הלאומיות, המדיניות וגם המשפחתיות והאישיות — מה תפקידנו כארגון יוצאי לובלין ? האם המושג המיושן הזה ששמו לנדסמנשפט, עוד נחוץ בחיינו המחודשים במדינת ישראל ?

לפני חצי שנה חזרתי מביקורי בשבע ארצות, בהן נפגשתי עם מאות אנשים יוצאי עירנו, המאוגדים בלנדסמנשפטים, ונוכחתי לדעת, שקיימת אצלם זיקה חזקה לשמור על מסגרות לובלינאיות, בהן מתבצעת פעילות מגוונת, שבראשה עומדות המגבית המאוחדת למען מדינתנו. את העידוד, הקשרים, וההדרכה הם מקבלים גם מארגון יוצאי לובלין בישראל, שהמועצה החדשה, שנבחרה לפני שנה, החלה זה עתה בביצוע כמה תוכניות חשובות, שכדאי לספר עליהן כעת ב־קיצור:

א) עזרה הדדית: **כתריסר משפחות נזקקות מ־קבלות מאתנו עזרה כספית וסעד מוסרי ורוחני, כ־תוצאה מבקורי־בית מטעם חברי הוועד: פולה וסוכר פכצ'ש, לייב מנדלבוים, רבקה שטוקפיש, צפורה זיס־ווסר וזהבה ליכטנברג. מכתבי תודה שקיבלנו מן הנצ־רכים, הוכיחו עד כמה נחוצה להם עזרתנו. ובקשתי אליכם: נא להודיע לנו על יוצאי עירנו, הנמצאים במצוקה והזקוקים לעזרתנו.**

ב) הנצחה: **מתקרבת לסיומה העבודה של השמת המצבה לקדושי לובלין ומיידאנק, שבתוכה תוטמן גם רשימת הקדושים, עם אפשרות להוסיף אליה שמות הנפטרים, יוצאי לובלין. בקרוב נזמין אותכם לחנוכת „חדר לובלין" בבית התאחדות עולי פולין, רחוב דיזנגוף 158, בתל־אביב. החדר ישמש שתי מטרות: פונקציונלית ומוזיאונית. נקיים בו ישיבות ופגישות, קבלת קהל, תורנות, ומעל הכל — פינה זו תהיה מצויידת בתמונות, ספרים, מסמכים — מין תערוכה מתמדת על לובלין של מעלה. רכישת החדר נתאפשרה הודות לתרומותיהם של משה קורן, סימון זיידנוורג, מרדכי מנדלסון, מוטל גרטנקראוט, לאה קוריס, יהושע וייספיש וסוכר פכצ'ש.**

ג) קרן תרבות ופרס ספרותי ע"ש קדושי לובלין: **הקרן והפרס נוסדו ע"י בן עירנו יואל גולדמן בלוס־אנג'לס. בדעתנו לחלק גם השנה את הפרס הספרותי לאחד או לשניים מהסופרים, שספריהם תרמו להנ־צחת יהדות פולין ולחיזוק הספרות בעברית ובאידיש. מקרן התרבות תרמנו להופעת ספרו של שלמה שטוק־פיש ביידיש „אין ראָד פון צאָרן". נוסף על הנ"ל תרמ־נו לספרו של שבתאי טבת „על משה דיין" שתורגם ליידיש ע"י בן עירנו עובדיה פלד. קיבלו תמיכה כספית גם אנשי־עת ואמנים. הקרן איפשרה לנו להגיע להו־צאת הגליון מס' 10 של בטאוננו „קול לובלין" — הגשר והקשר של הלובליניאנים בישראל ובתפוצות.**

מניתי רק מעט מן הפעולות שלנו. ישנם עוד ועוד תפקידים — וברצוני לנצל במה מכובדת זו ולפ־נות לבני עירנו בקריאה חוזרת ונרגשת: תנו יד ל־פעולות הוועד במסגרת ארגון יוצאי לובלין בישראל ; לדאוג להנצחה, לעזרה, לפעולות תרבות, למיפגשים חברתיים.



אויף אַ פּורים־מסיבה אין דער וווינונג פון זאָשע און יוסף ראַכמאַן אין חולון.
במסיבת־פורים בביתם של זושה ויוסף רחמן.

# דאַנק־בריוו די לובלינער אין ישראל פאַרן שפענדן 5 טויזנט ל״י פאַר צה״ל נאָך דער ענטעבע־אַקציע

מדינת ישראל

קרן ההתנדבות לבטחון
ישראל

משרד הבטחון

תאריך 5.9.1976
י' אלול תשל"ו
סימוכין:קבי 384

לכבוד
ארגון יוצאי לובלין.

ברצוני לאשר קבלת תרומתכם לקרן ההתנדבות לבטחון ישראל" ע"ס -.5,000 ל"י.

בהזדמנות זו הריני להודות לה"ה דוד שטוקפיש יו"ר, לאה קוריס-גזברית ומתתיהו הורן-מזכיר על יוזמתכם הברוכה באיסוף הכספים המיועדים להאדרת כחו של צה"ל ולמילוי צרכינו הבטחוניים.

בברכה,
משה גלבוע
מנהל הקרן

הקריה תל-אביב טלפונים 212- 212-

---

מ ד י נ ת י ש ר א ל

פרייוויליקער פאָנד פאַר דער זיכערקייט פון ישראל

זיכערקייט־מיניסטעריום

5.9.1976

י׳ אלול תשל״ו

חשובער
ארגון יוצאי לובלין.

איך באַשטעטיק גערן דעם דערהאַלט פון אייער באַשטייערונג פאַרן „פרייוויליקן פאָנד פאַר דער זיכערקייט פון ישראל" אויף דער סומע פון —.5.000 ל״י.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דאַנקען די ה״ה דוד שטאָקפיש, פאַרזיצער, לאה קוריס, קאַסירערין און מתתיהו האָרן, סעקרעטאַר, פאַר אייער געבענטשטער איניציאַטיוו צו זאַמלען שפענדונגען, וועלכע זענען באַשטימט צו שטאַרקן דעם כוח פון צה״ל און צו דערפילן די זיכערהייטלעכע באַדערפענישן פון דער ישראל־אַרמיי.

מ י ט ד אַ נ ק :

מ ש ה ג ל ב ו ע, לייטער פונעם פאָנד

---

# ס׳איז א מצווה צו דערציילן

**סוכער פאַכטשאַש**
**ראשון לציון**

אין די חדשים יוני־יולי ה. י. האָבן פאָלע און סוכער פאַכטשאַש באַזוכט זייערע קינדער אין מאָנטרעאל און ביי דער געלעגנהייט זיך געטראָפן מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין די צוויי גרויסע שטעט אין קאַנאַדע, ווו ס׳זענען טעטיק אַקטיווע לובלינער אָרגאַניזאַציעס — מאָנטרעאל און טאָראָנטאָ. אויף די צוזאַמענטרעפן, (וועלכע ווערן באַשריבן אויף זייט 31) האָט סוכער פאַכטשאַש, ווי אַ פרעזידיום־מיטגליד פון אירגון יוצאי לובלין בישראל, באַריכטעט וועגן דער טעטיקייט פון דער ישראלדיקער לאַנדסמאַנשאַפט.

מיר ברענגען דעם דאָזיקן באַריכט, וואָס מעג אויך דינען ווי אַ קאָמפּעטענטע שילדערונג פון אונדזערע אויפטוען אין לאַנד.

ר ע ד אַ ק צ י ע

---

ליבע פריינד און לאַנדסלייט,

פאַר אַלעמען וויל איך אין פאָלעס נאָמען און אין מיין אייגענעם נאָמען האַרציק באַדאַנקען פאַר די וואַרעמע באַגריסונגען, וועלכע מיר האָבן פריער געהערט. איך פאַרשטיי, אַז באַגריסנדיק אונדז ביידע, האָט איר אוודאי אין זינען געהאַט אויך דאָס לאַנד פון וואַנען מיר קומען — אונדזער יידישע מדינה. איך וויל אויסדריקן אונדזער אויפריכטיקע פרייד, וואָס פאָלע און איך געפינען זיך ווידער צווישן אַלטע באַקאַנטע, גוטע פריינד און חברים, מיט וועלכע מען האָט אַ סך יאָרן פאַרברענגט צוזאַמען אין מאָנטרעאל און טאָראָנטאָ.

אויף אַזאַ צוזאַמענטרעף מיט לאַנדסלייט איז אַ מצווה צו דערציילן פון דער טעטיקייט פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל: ערשטנס, ווי אַ פרעזידיום־מיטגליד פון דער ישראלדיקער לאַנדסמאַנשאַפט; צווייטנס, ווי אַ לובלינער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט און אויך צוזאַמענאַרבעטן פאַר די לובלינער אין ישראל.

איך וועל עס מאַכן בקיצור:

1) ווי נאָר פאָלע און איך האָבן עולה געווען אין לאַנד און גלייך זיך קאָנטאַקטירט מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט, האָט דער פאַרזיצער דוד שטאָקפיש פאַרגעלייגט, אַז אין ישראל איז איינגעפירט, אויב ס׳איז עולה אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון וועלכער ס׳איז ציוניסטישער פאַרטיי, ווערט ער צוקאָאָפּטירט צום צ. ק. פון דער זעלבער פאַרטיי. דעריבער דאַרף מען אויך אונדז ביידע אַריינגעמען אין קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין. און אַזוי איז טאַקע געשען — ביידע זענען מיר אַריין אין דער אָנפירונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. איך דערצייל וועגן דעם דערפאַר, אַז אויב ווער פון די היגע אַקטיווע לובלינער וועט עולה זיין קיין ישראל — איז אים פאַרזיכערט אַן אָרט — און אַמט — פון אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד. טאָ אויך צוליב דעם, מיין איך, איז כדאי צו באַזעצן זיך אין ישראל, ווי מיר ביידע האָבן עס געטאָן מיט קאַרגע 3 יאָר צוריק.

2) אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער טעטיקייט, צווישן וועלכער דער ענין פ אַ ר א יי־ ב י ק ו נ ג פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט. אייך איז באַקאַנט, אַז ביז איצט זענען דערשינען צוויי יזכור־ביכער, אין יידיש און אין עברית, געווידמעט אונדזער היימשטאָט; אויפן בית־הקברות אין נחלת יצחק האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ בכבודיקן מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין

און מיידאַנעק; אין דער יערלעכער אויסגאַבע „לובלינער שטימע" ווערן אַלע מאָל אָפּגעדרוקט נייע דערציילונגען און זכרונות פון אונדזערע יידן וואָס האָבן געקעמפט קעגן די נאַצישע מערדער; צוויי שולן — אַ גימנאַזיע אין חיפה און אַ פאָלקס־שיל אין רמת השרון האָבן אַדאָפּטירט די חרובע יידישע לובלין און די שילערס פון יענע שולן טרעטן אויף בעת די אזכרה־אַקטן אין תל־אביב און אויף אַנדערע לובלינער אונטערנעמונגען; פון צייט צו צייט גיבן אַרויס די דאָזיקע קינדער ספּעציעלע אויסגאַבן געווידמעט אונדזער פאַרשניטענער אַלטער היים; נאָך עפּעס: מיט 3 חדשים צוריק האָבן מיר אין האַרץ פון תל־אביב, אויף דיזנגאָף־גאַס נומער 158, אַדורכגעפירט די פייערלעכע דערעפענונג פונעם „לובלינער ווינקל". אמת, נישט מער ווי אַ באַשיידענער צימער אינעם הויז פונעם פאַרבאַנד פון פוילישע יידן — אָבער פול מיט אינהאַלט, סענטימענטן, נאָסטאַלגיע און יראת הכבוד פאַר דער יידישער לובלין וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ. איר דאַרפט זען די צוויי וויטראַזשן, וואָס איינער שטעלט פאָר דעם אומקום פון אונדזער היימשטאָט, און דער צווייטער — אַ פאָטאָ־מאָנטאַזש פון 11 ליכט־בילדער („סליידס") און צייכענונגען פון דער שעראָקע און פאָדזאַמטשע, פון דער מהרש"ל־שיל און מהר"ם־שיל, פון דער גראָדזקע און בראַמאָווע. שוין אָפּגערעדט פון די קונסט־בילדער וועלכע ס'האָבן געשאָנקען דער באַרימטער מאָלער שמואל וואָדניצקי און אונדזער בת־עיר חיה הוד־הערשענהאָרן.

איר מעגט וויסן זיין, אַז דער צימער איז אונדזער אייגנטום און קויפן אים און אויסשטאַטן האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. אַ דאַנק עטלעכע טייערע לובלינער יידן, אין ישראל ווי אין אויסלאַנד, איז אונדז דערמעגלעכט געוואָרן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. נעמט עס נישט פאַר שלעכט, ליבע פריינד, אויב כ'וועל באַמערקן, אַז פון לובלינער אין קאַנאַדע האָבן מיר נישט באַקומען קיין ערנסטן צושטייער פאַרן „ווינקל" — און ביז היינט איז מען פאַרטאָן אין גרויסע חובות.

3) פון באַזונדערער וויכטיקייט איז די יערלעכע פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין, געגרינדעט פון אונדזער בן עיר יואל גאָלדמאַן פון לאָס אַנדזשעלעס. אָנגעזעענע יידישע פען־מענטשן האַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד פּרעמירט צו ווערן מיט אונדזער ליטעראַטור־פּרייז. אונדז וווּנדערט, הלמאי ביז איצט האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט אַן ענלעכער איניציאַטיוו ווער פון אונדזערע לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל. צי אין טאָראָנטאָ, וואָס זאָל אויף אַ בכבודיקן אופן פאַראייביקן נישט נאָר די גאַנצע יידישע לובלין, נאָר אויך זיינע עלטערן צי שוועסטער־ברידער וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם.

4) וואָס שייך די אויפטוען אויפן סאָציאַלן געביט, האָב איך גראָד אַ סך איבערצוגעבן, ווייל דעם דאָזיקן וויכטיקן רעסאָרט האָט מען אָנגעטרויט מיר און פאָלען. איך וועל זיך אָבער באַגנוגענען מיט עטלעכע ציפערן: פאַראַן ביי אונדז אַ ליסטע פון אַ 20 נויטבאַדערפטיקע לובלינער פאַמיליעס, וואָס באַקומען פון קאָמיטעט רעגולערע שטיצע, פון 2 ביז 6 מאָל א יאָר. אין 1975 האָבן מיר פאַרטיילט אַ 15 טויזנט פונט די אַלע וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין אונדזער הילף. ס'איז נישט געווען דער פאַל, אַז עמעץ זאָל זיך ווענדן נאָך שטיצע און מיר זאָלן אים נישט אַנטקעגנקומען. איך זאָג עס אויך צוליב דעם, וואָס איר שיקט פון דאַנען אינדיווידועלע הילף אייניקע משפּחות. מיר האַלטן דאָס נישט, חלילה, פאַר אַן עוולה, נאָר אונדזער טענה איז די, אַז אויב דאָס קומט פון דער אַלגעמיינער לובלינער קאַסע אין מאָנטרעאַל צי אין טאָראָנטאָ, איז אַ יושר, אַז צוליב געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע טעמים, זאָלן מיר, דער קאָמיטעט אין ישראל, דערמיט זיך פאַרנעמען. און איר מעגט מיר גלויבן, אַז קיינער וועט נישט ווערן באַעוולהט.

5) אין דער צענטראַלער גמילות־חסדים קאַסע ביים פאַרבאַנד פון פוילישע יידן האָבן מיר אַריינגעלייגט אַ פאַי פון 20 טויזנט ל"י און אַ דאַנק דעם קאָן יעדער נויטבאַדערפטיקער לובלינער ייד באַקומען אַן הלוואה אויף באַקוועמע באַדינגונגען.

6) מיר מעגן זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס פון יאָר 1967, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער עקזאָדוס פוילן, זענען פון יענעם לאַנד געקומען קיין ישראל איבער פערציק לובלינער משפּחות עולים, וואָס דער קאָמיטעט האָט זיי אַלעמען געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט אין אונדזער מדינה. פאַר די דאָזיקע יידן איז געווען זייער וויכטיק צו טרעפן אין ישראל אויך אַ „לובלינער אַדרעס", וועלכער זאָל מיט ראַט און טאַט זיי דערמוטיקן באַם איינאָרדענען זיך אין דער נייער היים.

7) פון אַ באַזונדערער וויכטיקייט זענען די אָפטע געזעלשאַפטלעכע און חברישע צוזאַמענטרעפן און די אויפנאַמעס וועלכע מיר אָרדענען איין פאַר יעדן גאַסט פון אויסלאַנד וואָס האָט אַן אינטערעס צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן קאָמיטעט.

8) אַז איך רייד וועגן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, וויל איך צוגעבן, אַז אויסער דער יערלעכער אויסגאַבע „לובלינער שטימע", וואָס איז די ריכטיקע בריק צווישן די לובלינער אין דער גאַנצער וועלט, ווערט אויך געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ פון ישראל מיט לאַנדסלייט אין ביידע אַמעריקעס, קאַנאַדע, אייראָפּע און אויסטראַליע. אמת, נישט שטענדיק ענטפערט מען צוריק אויף די בריוו, אָבער די קאָנטאַקטן פון ישראל ווערן בדרך כלל אָנגעהאַלטן.

*

איך האָב בלויז אין קורצע ווערטער דערציילט וועגן די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער ישראלדיקער לאַנדסמאַנשאַפט. ס'איז נאָך פאַראַן צו דערציילן אַ וועלט מיט אויפטוען.

ווען כ'בין מיט 3 יאָר צוריק עולה געווען פון מאָנטרעאַל, ווו ס'איז פאַראַן אַ טעטיקע לאַנדסמאַנשאַפט, האָב איך געטראַכט: האַלעוויי זאָל איך אין ישראל טרעפן אַזאַ אַקטיווע סאָסייטי, כדי איך זאָל קענען פאָרזעצן די אַרבעט, וועלכע כ'האָב דאָ אָנגעהויבן. גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען די לובלינער האָבן מיר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, מיט אויפריכטיקער גאַסטפריינטלעכקייט. איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז פאָלע און איך זענען אָנגעקומען קיין ישראל זעקס וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער יום־כיפור מלחמה. מיר האָבן נישט באַוויזן זיך רעכט אויסצופאַקן און איינאָרדענען — און דאָס לאַנד איז געפאַלן אַ קרבן פון די אַראַבישע אַגרעסאָרן. נאָך היינט איז אונדז שווער צו באַגרייפן, ווייל מיר האָבן דאָך יאָ דורכגעמאַכט עטלעכע מלחמות, ווי אַזוי אונדזער פאָלק, נישט געקוקט אויף די מפּלות אין די ערשטע טעג, האָט אָן פּאַניק און היסטעריע, אָן צעטומלעניש און אָן קאָלייקעס נאָך ברויט און פּראָדוקטן, מיטן כוח פון אירע וווּנדערבאַרע קינדער — אָפּגעשטויסן די מצרישע און סירישע אַטאַקעס און אפילו זיך דערנענטערט צו זייערע ביידע הויפּטשטעט. איך האָב געזען אונדזער פאָלק אין זיין גבורה, אין זיין טרויער נאָך די געפאַלענע קינדער און אין זיין שטרעבונג צו שלום. אָט דאָס טאַקע ווינטש איך אונדז אַלע — אַ באַלדיקער און אמתדיקער שלום פאַר מדינת ישראל און פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל.

# דערעפנט „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב

דעם 22סטן פעברואַר 1976, איז אין הויז פונעם פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין תל־אביב פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פונעם ספעציעלן צימער, מיט זיין דאָפלטער אויפגאַבע: צו פאַראייביקן די יידישע לובלין און אויך פירן דאָרט די לויפנדיקע אַרבעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, ווי זיצונגען, צוזאַמענטרעפן און סעקרעטאַריאַט. אויף עברית הייסט עס „חדר לובלין", אָבער אויף יידיש איז עס אַרויסגעקומען היימישער, אינטימער — „לובלינער ווינקל".

## דער וואַרעמער אָפרוף

אַ סך געלט, איניציאַטיוו און מי, ווי אויך פיל מחשבה איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם נישט גרויסן צימער, כדי אים פאַרוואַנדלען אין דעם וואָס מיר האָבן געוואָלט. נאָך איצט זיצט אַ ספעציעלע קאָמיסיע וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אויסענדיקן דאָס „ווינקל" און אויף אַ וואַנט פאַראייביקן די געפאַלענע קינדער פון לובלינער עלטערן אין די מלחמות פאַר ישראל, אָנהייבנדיק פונעם באַפרייונגס־קריג אין יאָר 1948.

נאָר לאָמיר דערציילן פון דער דערעפענונג און אויך עטוואָס פון דעם וואָס ס'איז געשען פריער:

לובלינער יידן האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער ווענדונג — און ווער מיט געלט, ווער מיט אַרבעטן (מאַלעווען, עלעקטריע, טאַפּיצעריי, שענק, בילדער און אז"וו), האָבן זיי געגעבן אַ ווערטפולן בייַשטייער צום אויסשטאַטן דאָס „לובלינער ווינקל". זענען טאַקע זייערע נעמען דערמאָנט געוואָרן אין דער איינלאַדונג, וועלכע איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו דער דערעפענונג: מערי און יואל גאָלדמאַן, רבקה און יהושע גאָלדבערג, מאָטל גאַרטענקראַוט, חנה און משה וואַסאָנג, יהושע ווייספיש, צעשע און סימאָן זיידענווערג, חנה און יהודה זשיטאָמירסקי, בלומאַ און צבי זילבערמאַן, אילנה און מרדכי מענדעלסאָן, מרדכי נודעלשטערן, פאָלע און סוכער פאַכטשאַש, לובאַ און משה קאָרן, לאה קוריס, ראובן ראָסעט, טובה און שמחה שולדינער.

עטלעכע טעג פאַר דער דערעפענונג, האָט אונדזער גאַסט פון לאָס־אַנדזשעלעס, ישראל אייזענבערג, אָנגעקלאַפּט אַ מזוזה אויף דער טיר. און נאָך דער דערעפענונג, האָבן אברהם וואלדהאָלץ, מאַטילדא און יעקב גאָלדפינגער, ווי אויך פאָלע און הלל צוקערמאַן פאַרגרעסערט די אויסשטאַטונג, וואָס איז נאָך ווייט פון צו זיין אַ קאָמפּלעטע — און מיר וואַרטן אויף ווייטערדיקע אָפרופן.

*

## די דערעפענונג

דער גרויסער זאַל פונעם פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, אויף דיזנגאָף 158 אין תל־אביב, איז געווען איבערפולט מיט אַן עולם לובלינער יידן. דערעפנט דעם אָוונט האָט מתתיהו האָרן. באַגריסונג־ווערטער האָבן מיר געהערט פון: אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי — אין נאָמען פון דער קאָמיסיע פאַר פאַראייביקונג; פון ה' סקורניק — סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ישראל; פון ישראל אייזענבערג — אין נאָמען פון די לובלינער יידן אין לאָס־אַנזשעלעס און לאה קוריס — פון פרעזידיום. דוד שטאָקפיש האָט גערעדט וועגן דער פאַראייביקונג פון דער יידישער לובלין.

אין פרעזידיום זענען פאַרבעטן געוואָרן (אויסער די פריער דערמאָנטע פריינד): באַלטשע אייזענבערג, לובא און משה קאָרן, פאני און פישל ראָזענבוש, וואָס האָבן מיט 3 טעג פריער עולה געווען פון בעלגיע.

נאָכן אָפיציעלן טייל, איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פונעם „ווינקל", מיטן טראַדיציאָנעלן איבערשניידן די באַנד, וואָס עס האָבן אַדורכגעפירט ישראל אייזענבערג און משה קאָרן.

## ווי זעט אויס דאָס „לובלינער ווינקל"?

פאַר די לובלינער אין ישראל און אין אויסלאַנד וואָס האָבן נישט געזען אונדזער צימער, איז כדאי צו געבן אַ קליינע שילדערונג:

אויפן וואַנט מיטן פענצטער אַנטקעגן דער טיר, ווי נאָר מ'קומט אַריין, קוקן אויף דיר צוויי וויטראַזשן: דער פון רעכטס שטעלט פאָר דעם שטאָט־זייגער מיטן קראָקעווער טויער, נאָר פון דער זייט פון גראָדזקע. אויפן פאָן פונעם זייגער־טורעם און דער בראַמאָווע גאַס, זעען זיך דריי געשטאַלטן: אַ ייד, אַ פרוי און אַ קינד, אין זייער הימל־געשריי פאַרן אומברענגען זיי דורך די דייטשע רוצחים. אין דער הייך — אַ יאָרצייט־ליכט מיט אַן אויפשריפט, אין העברעיש און יידיש „צום אָנדענק פון די לובלינער קדושים, קרבנות פון די נאַצישע רציחות אין די יאָרן 1939 — 1945".

דער צווייטער וויטראַזש, לינקס, איז אַ פאָטאָ־מאָנטאַזש פון 11 בילדער, וועלכע שטעלן פאָר יידישע גאַסן, געשטאַלטן און



די דערעפענונג פון „ווינקל" איז באַגריסט געוואָרן (פון רעכטס): ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, דוד שטאָקפיש, מ. סקורניק — פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, מתתיהו האָרן און אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי.




ישראל אייזענבערג, מתתיהו האָרן און משה קאָרן שניידן איבער די באַנד פון „חדר לובלין״.

**אַלטערטימלעכקייטן פון לובלין.**

**די צוויי וויטראַזשן האָט פּלאַנירט, מיט אַ סך טאַלאַנט געמאָלן און צונויפגעשטעלט אָן באַלוינונג, אונדזער בן־עיר צבי זילבערמאַן.**

**אויף דער וואַנט רעכטס — אַ ביכער שראַנק מיט עטלעכע צענדליק ספרים אין איניקע שפּראַכן — וועגן לובלין און פון מחברים, לובלינער יידן. פאַראַן אויך אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון ספרי־קודש, סידורים, מחזורים, אַ צאינה־וראינה, געדרוקט אין לובלין מיט 100, 60 און 40 יאָר צוריק. די ספרי־קודש האָט געשאָנקען — אברהם וואלדהאָלץ; די אַנדערע ביכער — רבקה׳לע און דוד שטאָקפיש.**

**אגב, אונדז פעלן נאָך איניקע ספרים וועגן לובלין און פון לובלינער מחברים — און מיר וועלן זיין דאַנקבאַר יענע לאַנדסלייט, וואָס וועלן קאָמפּלעטירן אונדזער ביכער־אויסשטעלונג. (עס פעלן די ביכער פון יעקב גלאַטשטיין, אויסער „אַ ייד פון לובלין״; פון י. באַשעוויס — „דער קונצנמאַכער פון לובלין״ און די עברית־איבערזעצונג פון דעם בוך; דאָס בוך פון נ. בלומענטאַל וועגן יודענראַט אין לובלין — און אַנדערע).**

**אויף דער וואַנט לינקס, הענגען צייטווייליק צוויי בילדער: אַן אַקוואַרעל פון באַרימטן מאָלער שמואל וואָדניצקי (פון קוזמיר) „די מהר״ל־שיל אין לובלין״, געמאָלן אין יאָר 1934; און אַ קוילן־צייכענונג פון אונדזער בת־עיר, חיה הוד (הערשענהאָרן) — „ביימער״.**

**די דאָזיקע וואַנט איז באַשטימט אויף צו פאַראייביקן די קינדער און איידעמס פון לובלינער טאַטע־מאַמע, וואָס זענען געפאַלן אין די קאַמפן פאַר ישראלס זעלבשטענדיקייט און פרייהייט. די פאַריתומטע עלטערן וועלן דאַרפן צושיקן בילדער פון די געפאַלענע זין, זייערע נעמען און דאַטעס פון געבורט און פטירה אויף די פראָנטן.**

(לייענט די באַזונדערע מעלדונגען וועגן דעם — אויף זייט 18).

## סעקרעטאַריאַט און דיזשורן

**דאָס פרעזידיום פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל האָט באַשלאָסן איינשטעלן דיזשורן אין „לובלינער ווינקל״, מינדעסטנס צו 2—3 שעה, איינמאָל אין וואָך. ביז איצט האָבן איניקע קאָמיטעט־מיטגלידער אָפּגעהיטן און רעאַליזירט דעם באַשלוס. לעצטנס, צוליב קראַנקהייטן, אורלויבן און אַנדערע סיבות, איז דער „צימער״ געשלאָסן, סיידן עס קומען פאָר זיצונגען און צוזאַמענטרעפן.**

**אפשר וויל עמעץ פון אונדזערע לאַנדסלייט זיך אַנגאַזשירן פרייוויליק צו דיזשורירן 2 שעה (פון 6—8 אָוונט) אין וואָך? אויב ס׳וועלן זיך מעלדן עטלעכע קאַנדידאַטן, וועלן די דיזשורן ווערן איינגעשטעלט מערערע מאָל אין וואָך.**



לינקס — צבי זילבערמאַן, וואָס האָט פּלאַנירט און געמאָלן די צוויי וויטראַזשן אין דעם „לובלינער ווינקל״. רעכטס — אסתר לאַסקאָווסקי. אין הינטערגרונט — איינער פון די וויטראַזשן



משה קאָרן אַנטהילט די ביכער־אויסשטעלונג אין „לובלינער ווינקל״, ווו ס׳זענען איינגעזאַמלט די ספרים וועגן לובלין און פון לובלינער מחברים, ווי אויך ספרי־קודש, וועלכע מ׳האָט געדרוקט אין לובלין פאַרן חורבן

*

## קבלת־פּנים פאַר אונדזערע געסט פון אויסלאַנד

**אויסער דער אָנוועזנהייט פון אַ ריי לובלינער יידן פון די תפוצות אויף די אונטערנעמונגען און צוזאַמענטרעפן, אָרגאַניזירטע דורך דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, האָבן מיר אויך איינגעאָרדנט באַזונדערע אויפנאַמעס פאַר געסט פון אויסלאַנד, אויב די דאָזיקע געסט האָבן געהאַט אַן אינטערעס מיט אונדז זיך צו טרעפן.**

**דעם 30סטן מאי ה. י. איז אין זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן פאָרגעקומען אַ קבלת־פּנים פאַר אַ גרעסערער צאָל לובלינער פון אַמעריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. געקומען איז אַ גרויסער עולם, אויך לובלינער פון ישראל, וואָס מען זעט זיי זעלטן אויף אַן אונטערנעמונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. דער פאָרזיצער דוד שטאָקפיש האָט אין וואַרעמע ווערטער באַגריסט די חשובע געסט:**

**לעאָ מיטעלמאַן און זיין פרוי (פון בוענאָס־איירעס); גיטעלע און יידל עדעלשטיין (פאַריז); רבקה און יעקב נאש (סידניי); מרדכי נודעלשטערן (ניו־יאָרק); פרידלענדער און שרה ווייסטוך (פאַריז); זהבי און אברהם קאָרן (פראַנקפורט).**

**ביי דער געלעגנהייט איז אויך באַגריסט געוואָרן דער אָנוועזנדיקער ישעיהו ווייסבראָט־האָרוויץ, צו זיין 85סטן געבוירנטאָג.**

אינעם וואָרט־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט: לעאָ מיטעלמאַן און גיטעלע שילדקרויט. דער עולם האָט פאַרברענגט עטלעכע שעה אין אַ געמיטלעכער, היימישער אַטמאָספער.

*

אַן אָריגינעלער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען מיט ראָסיטאַ און דוד מיזעריצקי פון בוענאָס־איירעס. דוד שטאַמט פון דער וואָליע, דעריבער זענען אייניקע חברים זיינע פון יענער געגנט, געקומען זיך פרייען מיטן גאַסט, וואָס איז באַגריסט געוואָרן דורכן פאָרזיצער פון אירגון יוצא לובלין. דוד מיזעריצקי האָט האַרציק געדאַנקט פאַרן קבלת־פנים און אויסגעדריקט זיין פרייד און באַוווּנדערונג פון מדינת ישראל, וועלכע ער האָט באַזוכט צום ערשטן מאָל.

*

דעם 21סטן מערץ ה. י. האָבן מיר אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב אויפגענומען אונדזער ליבן בן־עיר פון ניו־יאָרק, שלמה זינשטיין און פרוי. די באַגריסערס האָבן געהאַט אַ סך לויב־רייד פאַרן גאַסט, וואָס איז תמיד געזעלשאַפטלעך אַקטיוו און באַזונדערס — פאַר אונדזער מדינה. שלמה זינשטיין האָט דערציילט וועגן די לובלינער אַקטיוויטעטן אין ניו־יאָרק און געטיילט זיך מיט די איינדרוקן פון זיין באַזוך, בראש פון אַ גרופע פון „מסדה", אין ישראל.

*

דעם 28.10 ה .י. האָבן מיר מקבל־פנים געווען די ליבע געסט פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע: יצחק הערצמאַן מיט זיין פרוי.



ביים צווייטן וויטראַזש, וואָס שטעלט פאָר 9 בילדער פון יידישן לובלין. פון לינקס: משה נאַדעלשטערן ז״ל, רבקהלע שטאָקפיש, סוכער פאַכטשאַש און אברהם גאָלדפינגער.

## דער טראַדיציאָנעלער „יום העצמאות" באַל

5 שעה צייט האָבן לובלינער און פילנישט־לובלינער יידן פאַרברענגט אויפן טראַדיציאָנעלן באַל לכבוד דעם יום־טוב פון זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה. דער זאַל „שושנים" אין תל־אביב איז אין אָוונט פון 4טן מאַי 1976 געווען איבערפולט מיט אַ 200 געסט פון לאַנד און אויסלאַנד.

נאָך דער דערעפענונג פון מתתיהו האָרן, האָט דוד שטאָקפיש באַגריסט די געסט פון אויסלאַנד: לעווינבוים חוה און מענדל, עדעלשטיין גיטעלע און יידל, עסטרייך אַבּרהם־לייב, געלשטאָך העלען און יעקב, לאַק און זיין פרוי — אַלע פון פאַריז; פייגעלע און ישראל גאָלדבערג, האָלץ איוואַ און יעקב, צפורה שפייזמאַן — פון ניו־יאָרק; נאש שיינדל און יעקב — פון סידניי; פאַני און פישל ראָזענבוש — נייע עולים פון בריסל.

דער פייערלעכער אָוונט־ברויט, די פיינע מוזיק, דאָס אָנצינדן 28 ליכט פון 28 פאָרלעך, די התלהבותדיקע טענץ, געזאַנג, די אויספּלעטונג פון בילדער, געשאָנקען פון שמואל וואָדניצקי און חיה הוד, און איבעראַלעמען — לובלינער היימלעכקייט, אַטמאָספער און געזעלשאַפט.

ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט צוצוגרייטן אַזאַ אונטערנעמונג, פון וועלכער לובלינער יידן זאָלן הנאה האָבן און זיך פרייען מיטן יום העצמאות. לײדער, אונדזערע לאַנדסלייט דערשאַצן נישט ווי געהעריק אַזאַ צוזאַמענטרעף און גייען פאַרברענגען אויף אַנדערע ערטער. זאָל זיי ווויל באַקומען!

## פאַרטיילונג פון סטיפּענדיעס א״נ פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט

דעם 27סטן אַפּריל 1976 איז אין אודיטאָריום לעוו אין תל־אביבער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען די יערלעכע פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א״נ פון דער היסטאָריקערין פון לובלין, בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם דורך די נאַצישע רוצחים.

פאַרן אָפיציעלן טייל, האָט דער סעקרעטאַר פון ארגון יוצאי לובלין, מתתיהו האָרן, מספיד געווען דעם פאַרשטאָרבענעם קאָמיטעט־מיטגליד בער'ל גריזאָלעט. וועגן פאַרשטאָרבענעם יוסף כספי האָט גערעדט אַדוו' מאַקס הערץ־לענקעוויטש.

דערעפנט דעם אָוונט האָט ד״ר מתתיהו מינץ, פון תל־אביבער אוניווערסיטעט. אַדוו' חיים קאָסאָווסקי־שחור האָט אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פונעם פאַראיין צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון בעלא מאַנדעלסבערג. שבתאי אונגער, דער סטיפּענדיסט פאַרן יאָר 1976 האָט געלייענט זיין פרעמירטע אַרבעט „די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַליציע". צום לעצט האָט דפנה פורת, די סטיפּענדיסטין פון יאָר 1974, געלייענט איר פאָרש־אַרבעט „די קאָנצענטראַציע פון יידישע פליטים אין ווילנע אין די יאָרן 41—1939".

אויך אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים איז דעם 18טן דעצעמבער 1975, פאַרטיילט געוואָרן די יערלעכע סטיפּענדיע א.נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג — דעם היסטאָריקער אַלעקסאַנדער גוטערמאַן פאַר זיין אַרבעט „יידישע פאָרשלאַגן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון יידן אין פוילן אין דער תקופה פון פיר־יאָריקן סיים".

פּראָפ' ח. ה. בן־ששון, רעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר יידישע וויסנשאַפטן און פּראָפעסאָר פונעם קרייז פאַר געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָט געפירט דעם אָוונט און אַדוו' חיים קאָסאָווסקי־שחור האָט גערעדט וועגן דער אומגעקומענער היסטאָריקערין.

די פאַרטיילונג פון די סטיפּענדיעס ווערט אַדורכגעפירט בשותפות מיטן ארגון יוצא לובלין אין ישראל.

## די יערלעכע אזכרה

מיטוואָך, דעם 26סטן נאָוועמבער, איז אין תל־אביב אָפּגעמערקט געוואָרן די 33־סטע יאָרצייט נאָכן אומקום פון דער יידישער לובלין — קרבנות פון די דייטשישע רציחות.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען 3 נאָכמיטאָג, ביים דענקמאָל פאַר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק. נאָכן דערעפענונג־וואָרט פון לאה קוריס, האָט דוד רובינשטיין געזאָגט „קדיש". „אל מלא רחמים" און קאַפּיטלעך תהילים האָט מען געהערט פון חזן אונגער. פאַרענדיקט דעם טרויער־אַקט האָט מתתיהו האָרן.

אין אָוונט, אין בית העמלין, איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענטרעף. די זעקס ליכט האָבן אָנגעצונדן 12 לובלינער יידי פון דער שארית הפליטה: שרה און אלעקסאַנדער גרינפעלד; בתיה אַבראַמאָוויטש און שמואל אייזנער; רבקה אונדאַנק־דאַווידאָוויטש און יוסף ליכטענשטיין; זאָשע ראכמאַן און אסתר לאסקאָווסקי; איבערקלייד יוסף און מאַקס הערץ; רבקה און יהושע גאָלדבערג.

וועגן דער יידישער לובלין פון אַמאָל און לובלינער אין ישראל היינט — האָט גערעדט דוד שטאָקפיש. רבקה גאָלדבערג האָט געלייענט אייניקע שאַפונגען פון דער חורבן־ליטעראַטור. צום סוף איז געוויזן געוואָרן דער פילם „דער 81סטער שמיץ".



אונדזער בת־עיר **צפורה הערשטיין** מיט אייניקע פון אירע געמעלן אויף דער בילדער־אויסשטעלונג, וועלכע ס'האט אָרגאַניזירט די קולטור־אָפּטיילונג פון דער רמת־גנער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין יוני 1976, פאַר 14 מאַלערינס און מאָלערס, איינוווינער פון שטאָט

# אויפן וואנדער-וועג

(המשך פון ז' 21)

אַזוי האָט מען אָפּגעלעבט זומער מיט די קאָמאַרן, און ווינטער — פרעסט מיט וואַנצן, ביז היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד און מ'האָט די בעזשענצעס פון סיביר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן די טייגע. אַ סך זענען אַוועק קיין מיטל־אַזיע, צווישן זיי — מיין שוועסטער און שוואָגער. איך בין געבליבן אויפן אָרט. כ'האָב איבערגענומען די גאַנצע „פּירונג" פון דער באָד. ס'זענען געבליבן ווייניק מענטשן; מ'האָט מיר געגעבן צו הילף די וואַרשעווער פרוי פון דער משפחה, וואָס האָט געוווינט אין איין צימער מיט מיר. די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף מיר. שפּעטער איז אויך די משפחה אַוועק און איך האָב אַלץ געטאָן אַליין: געהייצט, גערוימט, געמאַכט די פּאַרע. האָלץ האָט מען געברענגט פון וואַלד, נאָר אַז ס'איז אַמאָל געווען נאַס, האָב איך געהאַט צרות מיטן הייצן. פלעג איך באַגיסן מיט נאַפט און דערביי זיך גוט געשראָקן פאַר אַ שריפה. ווען די „קליענטן" (סאַמע זאָרטיקע) האָבן זיך באַקלאָגט, אַז דאָס וואַסער איז קאַלט, האָב איך גע־זוענהט, אַז דאָס האָלץ איז נאַס — האָט מען אָנגעהויבן ברענגען טרוקן האָלץ. אינעווייניק אין באָד האָט זיך געפונען אַ זייער הויכע הילצערנע פאַס, וואָס האָט דער הויך אַ הילצערנע רינע, ביז אין דרויסן. אין די טעג אָקטאָבער־רעוואָלוציע — און פון פאַס האָט געפירט אין דער הויך אַ הילצערנע רינע, בין אין דרויסן. אין די טעג, ווען מ'האָט געהייצט די באָד, האָט מען געבראַכט עטלעכע מאָל צו אַ פאַס וואַסער. דער „וואָדאָוואָז" (וואַסערפירער) איז געשטאַנען אונטען, אין דרויסן, איך — אויבן, אויף שטיגן. ער האָט מיר דערלאַנגט עמערס מיט וואַסער, וועלכע איך האָב דורך דער עפענונג פון דער רינע אַריינגעגאָסן גלייך אין פאַס. פאַרשטייט זיך, אַז פון די וויאַדרעס האָט שטענדיק גערינען וואַסער און אין די ווינטער־טעג איז אויף מיינע שמאַטעס־מלבושים, אַרומגעבינדענע מיט שטריק שטענדיק געווען צוימען געפרוירן וואַסער. איינמאָל, נאָכן אָנגיסן אַ פולע פאַס, בין איך צו צום אויוון, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעמערל אין דרויסן, גוט איינגעהייצט און ווען עס האָבן געדאַרפט אָנקומען די „קליענטן", בין איך אַריין אין באָד צו מאַכן די צוגרייטונגען. נאָר אין באָד האָב איך דערזען אַ גרויסע בראָך: זי איז געווען פול מיט גע־דיכטע פאַרע פונעם הייסן וואַסער, אָבער די פאַס — ליי־דיק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע פאַס, וואָס איז צווישן די שפּאַלטן געווען פאַרשטאָפּט מיט פּאַקולעס, האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט און דאָס וואַסער האָט אויסגערי־נען. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם טאָג איז שוין קיין באָד נישט געווען — און אויף מיר האָט געציטערט די הויט. כ'האָב תיכף געמאָלדן ווו מ'דאַרף — און אין אַ מזלדיקער שעה האָט מען די פאַס פאַראַכטן...

(סוף — אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין")



אַ טייל פונעם פרעזידיום בעת דער דערעפענונג פון „חדר לובלין" (פון לינקס): לאה קוריס, פישל און פאַני ראָזענבוש, דוד שטאָקפיש, לובא קאַרן, מתתיהו האָרן, ישראל און באַלטשע אייזענבערג, משה קאָרן, אינזש. אברהם לאַסקאָווסקי

# לזכר נעדרים



## מרדכי גוטפינגער ז"ל

מרדכי גוטפינגר נולד ב־1903 לשמואל ו־ביילה גוטפינגר מלובלין. בנעוריו למד ב־גימנסיה רוסית ופולנית, ולאחר גמר למודיו הכלליים, השתלם בהנהלת חשבונות, מקצוע בו עבד כל ימי חייו.

ב־1935 התחתן עם גיטל לבית לוברט מ־לובלין וב־1936 נולד בנו חיים, המכהן כעת כפרופיסור בטכניון. בזמן מלחמת העולם השניה, ברח עם משפחתו לרוסיה, שם עבר את המלחמה, כאשר ידיעת המקצוע (הנהלת חשבונות) משמשת לו כעוגן הצלה ומצילה את חייו לא פעם.

ב־1946 חזר לפולין והתחיל מיד לפעול למען העליה ארצה. אחרי מאמצים רבים הוא עולה לישראל ב־1950 ולאחר שנה וחצי ב־מחנות עולים השתקע ברמלה, שם עבד כמנהל חשבונות במשרדי האופוטרופוס של נכסי נפקדים. כשהחברה הועברה ל„עמידר" המשיך לעבוד בה עד סוף ימיו. ב־1958 העתיק מגוריו לתל־אביב. בשנותיו האחרונות השקיע הרבה זמן ומרץ לפרסום היצירות המוזיקליות של אביו שמואל גוטפינגר ז"ל, ב־נושא זה גם הופיע מספר פעמים בתכניות רדיו וטלויזיה.

ידידיו הרבים הכירוהו כאדם חרוץ ועניו, עובד מסור ויהודי, שנפש ציונית ואהבת ישראל פעמו בקרבו.

יהיה זכרו ברוך.

■

## אהרון יצחק גאָלדפאַרב ז"ל

זון פון משה און ראָשע בראַנדל, געבוירן אין לובלין אין 1898. געלערנט אין אַ מאָדערנעם חדר, שפּעטער אָנגעהויבן אַרבעטן סטאָלעריי. אין 1925 חתונה געהאַט מיט שרה חנה זאַרמאַן. אין 1934 איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט זיין פרוי און פיר קינדער. אויך דאָ געאַרבעט ביים פאַך. פריער אין חיפה, דערנאָך אין תל־אביב. צוויי יאָר פאַרן טויט האָט ער אָנגעהויבן קרענקען און נפטר געוואָרן כ"ח שבט תשל"ג און געברענגט געוואָרן צו קבורה אין זיין קבר אויפן הר הזיתים, וועלכן ער האָט זיך באַזאָרגט ביים לעבן, נאָך מיט 30 יאָר צוריק.

זאָל אים די ערד גרינג זיין!

**שלמה שטאָקפיש**, חיפה

■



## רחל גלברשטט־מיטלמן ז"ל

רחל־רבקה גלברשטט ז"ל, בת דבורה ו־מאיר מיטלמן, נולדה בשנת 1915 בלובלין שבפולניה, למשפחה עתירת יחוסין בלמדניה ועתירת נכסים ברכושה. היתה בת־הזקונים במשפחה שמנתה 7 ילדים. בנעוריה חילקה עיתותיה בין עבודה בעסקי המשפחה ולימודים.

רוב בני משפחתה ניספו בשואה. בשנת 1939, וליבה מנבא לה רעות, עלתה לארץ־ישראל באונית המעפילים האחרונה שעזבה את פולין לפני פרוץ המלחמה.

בשנות השפל הכלכלי — שנת 1950, עברה עם בעלה יצחק גלברשטט ז"ל וילדיה אברהם וצביה לקיבוץ גבעת השלושה. שם חיה עד יום מותה. בקיבוץ עבדה כמבשלת ראשית וידועה היתה בטעמה הטוב.

ידועה היתה כאשת שיחה נעימה, בעלת דעות מקוריות, בעלת עצה נבונה וכבעלת מרץ בלתי־נדלה.

תחביביה ועיסוקיה היו רבים ומגוונים. החל בלימוד שפות וכלה בכתיבת שירים ביידיש ובעברית. התעניינה רבות באומנות לסוגיה השונים. אהבה את השקט, הבדידות והטבע. רבה היתה אהבתה לארץ ונופה ו־לילדי ישראל. היתה קשורה קשר אמיץ ל־משפחתה ולילדיה , אותם אהבה ולהם דאגה בכל נפשה ומאודה.

מותו של בעלה יצחק גלברשטט ז"ל, לפני כשנה, פגע בה קשות.

מחלתה הממארת שבאה עליה כחטף, קטעה את פתיל חייה הסוערים בעודה באיבה, ב־מלוא מירצה ותוכניותיה. מותה הפתאומי היכה בתדהמה את משפחתה וכל יודעיה והותירם אבלים וחפויי ראש.

השאירה אחריה: 2 ילדים — צביה ו־אברהם, ושלושה נכדים — דותן, אמיר ו־הילי. שני אחים — ליאון מיטלמן מבואנוס־איירס בארגנטינה, משה מיטלמן מירושלים, ואחות — ד"ר סבינה מיטלמן, היושבת ב־פאריס.

כחותם עד תהיה חקוקה בנשמתנו בתמצית חיינו.

■

## דב (בערל) גריזולט ז"ל

עם הסתלקותו של בן־עירנו, ידידנו ו־חברנו בערל גריזולט, הלך לעולמו איש יחיד במינו, שצניעותו, יושרו והגינותו היו מן הסגולות הנעלות המאפיינות את אלה מבני־דורנו, שעסקו רבות בצרכי ציבור ופעלו תמיד לטובת הכלל.

אני זוכר אותך, בערל, בעיר מולדתנו לובלין, כחבר מפלגת פועלי־ציון. הייתי צעיר ממך במקצת ויתכן שמשום כך הבטתי עליך בתמהון, וגם בהתפעלות: איזה יהודי יוצא־דופן, אתה! בעל חנות מכלת משגשגת, איש אמיד, כשהמושגים של הימים ההם הגדירו אותך כ„בעל הון", קפיטליסט בל־ע"ז — בכ"ז הצטרפת למפלגה פרולטרית מובהקת, בה דלת העם, פועלים שכירים ובני־„עמך" — היו רוב. והשתייכותך ל־מפלגה לא היתה פורמלית גרידא, אלא היית בין הפעילים והמעפילים במוסדות וב־מנהיגות. כולנו כיבדנו א ו ת ך , התחשבנו עם דעותיך והערכנו את נכונותך

לעזור לזולת. היית בשבילנו כתובת, ממש „מוסד", אליו באו לבקש את עצתך הנבונה ועזורתך הנדיבה. האתה קיימת מצוות „מתן מסתר" ביד רחבה — ליחידים, לתנועה ולמוסדות.

אולם התפעלותי הגיעה לשיא, כאשר עלית ארצה עם רעיתך לולה הנאמנה, עוד לפני המבול, בשנות השלושים. לא מצוקה כספית ולא בעיות אישיות גרמו לעזיבתך בית חם ומכובד ומקום־פרנסה טוב — אלא דבקותך ברעיון הציוני, לפי המימרה הידועה: נאה דורש — נאה מקיים.

נפגשנו שוב כאן, בארץ, לאחר השואה, שכילתה גם את לובלין, עיר ואם בישראל. זוכר אני את התרגשותך ושמחתך כאשר פגשת את בני־עירנו וכחבר הנשיאות של אירגון יוצאי לובלין בישראל מצאת תמיד את המלים הנכונות והזמן הדרוש להגיש סעד חומרי ומוסרי לאנשי שארית הפליטה. שוב נוכחנו לדעת, שברל גריזולט הוא כתובת, הוא מוסד לכל הזוקקים לעזרה. לא אשכח את הביקורים ביחד אתך בשנות החמישים, בסימטאות יפו, בבתים של לובלינאים עולים חדשים.

אתה, בערל, עשית הרבה להופעת ספר זכרון לקהילתנו — „דאָס בוך פון לובלין" ביידיש ו„ספר לובלין" בעברית, במסגרת האנציקלופדיה של גלויות.

כאן נודע לנו על פעילותך המבורכת ב„הגנה", שעבורה קיבלת אות הצטיינות מטעם הסוכנות ומוסדות ה„הגנה". וגם בתל־אביב — ממש „גלגולו של ניגון": אותו סוחר אמיד — ובכ"ז נאמן לתנועת העבודה, חבר פעיל בה במשך הרבה הרבה שנים.

דומא כי הצירוף המופלא הזה של תכונות רחוקות, וכביכול מנוגדות זו לזו, יצר את שפע הכוחת אצל ברל. התמזגו בו ראייה מפוכחת של מציאות, האומץ להתמודד עם בעיות ומצבים בלתי־שיגרתיים. הוא לא ניתק את החוט הקשור אל נעוריו, אל מחוזות עברו.

ארגון יוצאי לובלין בישראל וחבריו לרעיון ולתנועה, מרכינים את ראשיהם על קברו הרענן של בן־עיר וידיד, שזכרו ילווה אותנו זמן רב.

יהי זכרו ברוך!

**דוד שטוקפיש**
**(דברים על קברו)**

■

## דב (בערל) גריזולט ז"ל

**דוב יקר,**

שלושים יום עברו מאז שהלכת מאתנו לעולמים וקשה לנו להשלים עם האבדה הזאת; מי שהכיר אותך מקרוב יודע להעריך את הסגולות הנעלות; את יושרך והגינותך.

עסקת רבות בצרכי ציבור, כחבר הנשיאות של ארגון יוצאי לובלין בישראל מצאת תמיד זמן להגיש סעד חומרי ומוסרי לשארית הפליטה.

זוכר אני את התרגשותך ושמחתך כאשר נפגשת עם בני־עירנו שניצלו מהשואה ו־יכולת לעזור להם; עשית זאת בשקט ובצניעות.

לפני מספר שבועות הגיע אלינו בן־עיר מקנדה וכשספרתי לו על אבדה, שהלכת מאתנו לנצח, גילה לפני, עם דמעות בעיניו, איך שאתה טפלת בו בזמן עליתו ארצה בתקופת צבא־אנדרס.

עשית זאת בסתר ביד רחבה, ליחידים ולמוסדות. כחבר הגנה פעיל עשית עבודה מבורכת לקראת מלחמת השחרור והבית שלך היה פתוח לכל נצרך.

נוכחנו לדעת שבערל גריזולט הוא כתובת וגם מוסד לכל אלא הזוקקים לעזרה.

עשית רבות להופעת ספר זכרון לקהילת לובלין ביידיש ובעברית. זוכר אני איך באת אלי הביתה על מנת לקבל חומר ביוגרפי ותמונות על תנועות הנוער ובאיזו התלהבות והתרגשות עשית זאת. טוב היה לנו במחיצתך, ידענו שעם כל בעיה אפשר לפנות אליך והרגשנו ייעוד ובטחון.

במשך כל שנות שהותך בארץ קיימת קשרים עם הארגון שלנו.

היית בעל לדוגמא, אבא טוב. ידעת לייעץ, לעזור ולעודד.

אירגון יוצאי לובלין בישראל משתתף בצער וביגון של המשפחה.

זכרו לא ימוש מקרבנו לנצח.

**מתתיהו הורן**
**(דברים על קברו ביום השלושים)**

■



## אברהם הערץ ז"ל

געבוירן אין לובלין. געשטאָרבן דעם 24סטן יולי 1975, אין בוענאָס־איירעס. ער האָט פאַריתומט אַ פרוי, אַ טאָכטער און צוויי אייניקלעך.

כבוד זיין אָנדענק!

**ר. פ.**

■



## יהושע ווייס ז"ל

זון פון שפּיין־קרעמער יואל ווייס, געוווינט אויף 1 מאַי גאַס 26. געבוירן אין לובלין אין 1907, געלערנט אין חדר, שפּעטער אין בית־המדרש, וווּ ר'האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּהיטן און איינבינדן ספרים. געווען טעטיק אין „צעירי אגודת ישראל". אין דעצעמבער 1932 חתונה געהאַט מיט מאַטילדא — אברהמטשע שוחטס טאָכטער און איבערגעצאָגן וווינען אויף לובאַרטאָווסקע 28.

אין 1934 פאָרט ער קיין ארץ־ישראל. אין 5 יאָר שפּעטער ברענגט ער אַראָפּ זיין פרוי מיטן טעכטערל — און ביז 1972 גליקלעך געלעבט מיט זיין פאַמיליע, ביז ער איז שווער קראַנק געוואָרן און נאָך שווערע ליידן נפטר געוואָרן אין חודש אב 1973. זאָל אים די עחד גרינג זיין.

**שלמה שטאָקפיש, חיפה**

■

## וואלערשטיין יוסף ז"ל

געבוירן אין לובלין אין 1920, ביי די עלטערן מנחם און חיה וואלערשטיין־לאַנדאו. געלערנט אין חדר, שפּעטער אין פאָרשעכנע־שול. געוווינט ביז 1937 אויף שוויענטאָ־דוסקע 20 און דערנאָך אין טשעכיוו. געווען טעטיק אין בית"ר. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז ער אוועק קיין ראַוונע און פאַר נישט וועלן נעמען קיין סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, איז ער אַרויסגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער משפחה קיין סיביר.



נאָך דער מלחמה איז ער מיט דער מיש־פּחה געקומען צוריק קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין שטשעטשין. ערשט אין 1949 אַריבער קיין דייטשלאַנד, און אין אַ יאָר אַרום איז ער עולה אין ישראל און באַזעצט זיך אין רמת־גן. געקויפט בשותפות מיט זיינע 2 ברידער אַ פאַרם נעבן שדרות, מיט וועלכער ר'האָט זיך פאַרנומען די גאַנצע צייט. אין 1969 באַקומט ער דעם ערשטן האַרץ־אַטאַק און דעם 1טן יולי 1974 איז ער נפטר געוואָרן.

**שלמה שטאַקפּיש, חיפה**

## יהושע זילבער ז"ל

נפטר געוואָרן אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל. זון פון יצחק נטע און רויזע זילבער, געבוירן אין קראַסניסטאַוו, אַ נאָענטער קרוב פון הערשל זילבער ז"ל. איבערגע־לאָזט אין טרויער זיין פרוי דינה, טאָכ־טער דבורה און איידעם, 3 אייניקלעך. דאָס עלטסטע אייניקל שטודירט אין ירושלים.

## יוסף כספי (סרבניק) ז"ל

דמות אצילה ומקסימה נסתלקה מנוף חיינו. יוסף, המחייך תמיד, המקרין סביבו אוירת תרבות, רצון טוב — ואשר חיוכו הנפלא לא סר ממנו עד ימיו האחרונים; וגם כאשר גבר סבלו — רק מעטים מן הקרובים לו ידעו עד כמה כבדו יסוריו. כי העיקר היה לא להטריד, לא להציק, לא להכביד על אחרים.

עולמו הפרטי סבב במעגל משפחתו ועבו־דתו; אך עד לימיו האחרונים העסיקו אותו בעיות הארץ, החברה הישראלית, אורחות חייה ועתידה. פשוט, לא יכול היה להשלים כיצד נדרדרה חברה ומדינה משיאים כאלה של התעלות והקרבה, לחמרנות חסרת מע־צורים וסגנון של „חטוף ואכול".

ודוקא הוא שהכיר את עולם הכספים ו־אורחותיו — חש בפער הגדול. לא היה זה מבחינת מקרה. יוסף כספי (סרבניק), חניך הגימנסיה ההומנית בלובלין, ספג מילדותו עולם שלם של ערכים יהודיים ואנושיים; הם שליוו אותו והיו חלק ממנו לאורך כל חייו.

בית הוריו היה בית יהודי חם ותרבותי; היה זה בית מסורתי מן העילית של היהדות המסורתית בלובלין. האב היה דמות בולטת בתנועת „המזרחי", שעשה בשליחותה בתפ־קידים רבים: אם כציר בועד הקהילה בעיר, ואם כמסייע במתן בסתר לעניי העיר. ב־בית שכולו ספוג תרבות ומאור פנים — צמח יוסף כספי, בן הזקונים של המשפחה.

רק טבעי היה שכבר מנעוריו התמסר יוסף בכל מאודו לתנועת „הנוער הציוני" בעירו והיה אחד ממדריכיה ומנהיגיה, כאשר ה־חינוך לעליה היה נושא מרכזי בפעילותו.

יוסף כספי עלה ארצה ב1933, כאשר פניו לאוניברסיטה בירושלים. שנה לאחר מכן החל לעבוד בבנק קופת־עם בתל־אביב — והוא בן 22 שנה. חשב לעבוד וללמוד, אלא שהעבודה סחפה אות כולו; עבודתו — לא היתה בעיניו סתם פרנסה. הוא אהב את המוסד, את עובדיו, את בעלי המלאכה, ה־תעשיינים והסוחרים וסתם יהודים של יום יום, שפנו לבנק. לא מעטים מהם הפכו ל־אחר פגישות ראשונות לידידים, שהיו קשו־רים עם המוסד הכספי עשרות בשנים.

למעלה מארבעים שנה עבד יוסף בבנק קופת־עם וליוה את גידולו ממוסד כספי קטן



ועד לבנק בעל מעמד ופעילות ניכרים מאד. כל השנים עשה בסניף המרכזי ברח' אחד־העם, עד שהפך להיות מנהלו במשך שנים רבות.

מעטות הדוגמאות בימינו של מסירות כזו, של יחס של כבוד למוסד ולעובדיו; של נא־מנות והתמסרות ללא גבול ובמלוא ההויה — כמסירותו של יוסף לתפקידו ולמוסד בו שרת שנים כה רבות. תמיד מחייך, תמיד מסביר פנים, תמיד מקרין חמימות, גם כאשר נבצר ממנו לסייע.

יוסף כספי היה איש עבודה בכל הויתו. תמיד ידע לדרוש קודם כל מעצמו ולשמש בדרך זו מופת לאחרים. זה היה בעיניו מושכל ראשון; כאשר מערכת ערכים שלמה שימשה לו סימן דרך כל חייו.

דמות יפה של אדם ואיש תרבות נסתלקה מאתנו; דמות נדיבה ומקרינה, אשר כה חסרה למשפחתו ולכל חבריו ומכריו.

**שולמית כספי**



## יחזקאל לאַבערבלאַט ז"ל

דעם 13טן פעברואַר 1976, איז נאָך צווי יאָר שווערעליידן, אין עלטער פון 64 יאָר, געשטאָרבן אין פּאַריז יחזקאל לאַבער־בלאַט. ער האָט געהערט אין לובלין צו די גוטע פוטבאָל־שפּילערס, און איז געווען אַ ליבלינג ביי דער לובלינער יידישער יוגנט.

פון 1928 ביז צום מלחמה־אויסברוך, האָט ער געשפּילט אין קלוב פון „שטערן". די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי — די אַקטיווע „צוקונפט"־טוערין חוה'טשע, איבערגעלעבט אין די ווייטע געגנטן אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז אויך געווען מאָביליזירט אין די אַרבעט־באַ־טאַליאָנען: הונגער, נויט און קעלטן זענען געווען זיינע שטענדיקע באַגלייטערס. אָבער זיין מילדער שמייכל איז קיינמאָל נישט פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים. ער האָט אַלץ איינגענומען מיט הומאָר, שטענדיק געפונען אַ פאַרגלייך פון אַריגינעלן לובלינער פאָלק־לאָר.

יחזקאל איז געווען אַ „לעבעדיקע ענצי־קלאָפּעדיע" פון לובלין. האָט זיך ווער גע־וואָלט דערמאָנען אָן אַרט, אַ מענטש, אַ טיפּ פון לובלין — האָט מען געוווּסט ביי ווע־

מען מען קען זיך נאָכפרעגן. אויף צוזאַמ־טרעפן מיט לובלינער, איז ער געווען אין סאַמע צענטער, אַלע האָבן האַרציק געלאַכט פון זיינע דערמאָנונגען — און ביי אים האָט זיך דאַן אַ מילד שמייכל באַוויזן אויף זיין פנים.

זיין טויט האָט אַלעמען דערשיטערט. ער האָט פאַריתומט זיין פרוי און צוויי טעכטער, איידעמס און אייניקלעך. מיר, די מיטגלי־דער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, זענען פאַר־אָרעמט געוואָרן. לויט די גרויסע צאָל פריינד, וואָס האָט אים באַגלייט אויף דער לוויה, און די וואָס זענען געקומען צו די שלושים, צווישן זיי אַ סך נישט לובלינער, האָט מען געקענט אָפּשאַצן, ווי ווייט דער פשוטער, ערלעכער אַרבעטס מענטש, דער גוטער, איבערגעגעבענער מאַן און טרייער מיטגלידער אין אונדזער לובלינער משפחה — איז געווען ביי אַלע באַליבט.

כבוד זיין אָנדענק!

**משה זאַלצמאַן, פאַר״ז**



## דב ליבהבר ז״ל

נולד ב־1919 בלובלין, להוריו חיים והנדיל ז״ל. בשנת 1939 נשא לאשה את בחירת לבו בלומה לבית וולפברג תיבדל לחיים ארוכים.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה, כשהנאצים כבשו את לובלין, עמד דב מיד על טיבם של הכובשים הגרמניים והחליט לעזוב את לובלין. כאן מתחיל דב ואשתו במסע נדודים, שהשתרע על פני כל רוסיה הגדולה. מלובלין הם מגיעים לבריסק, שהיתה בכיבוש הרוסי, משם המשיכו למינסק. אחרי שהיה קצרה בבירת ביילורוסיה, הם עוברים ללמברג. מכאן גורשו על ידי הרוסים לסיביר.

לאחר 14 חודשים של רעב, קור וסבל בל יתואר, עברו עם בנם בכורם מתתיהו לקירגיזיה, שם היו 5 שנים ושם גם נולד בנם השני, פנחס.

בסוף שנת 1946 אספו את מטלטליהם וחזרו לפולין, לעיר שצ׳צ׳ין ובתום חודש ימים לשובם, עברו לברלין, שנהפכה למקום ריכוז של רבים מניצולי השואה.

בתום 3 שנים לישיבתם בברלין, עלה דב עם משפחתו לישראל. ב־מרץ 1949 נולד להם בנם השלישי, חיים.

את חבלי הקליטה עבר במרכז הקליטה בנתניה, משם למגורים בגני־תקוה.

את פרנסתו הוא מוציא כפועל בפתח־תקוה, אליה הוא עובר לגור, לאחר שהוא מצליח — על ידי חיי צנע — לחסוך סכום כסף לרכישת הדירה.

לאחר שנים של עבודה מפרכת, הוא מתחיל לראות פרי מעמלו, והאפשרות של חיי שלווה ומנוחה נמצאת בהישג ידו. אז הוא נופל למשכב, לבו בוגד בו ובטרם מלאו לו 57 שנה, נפטר בשלישי במרץ 1976.

איש צנוע וישר דרך, חי כל ימיו מיגיע כפיו, לא קינא בגדולים שעשו חיל יותר ממנו. אהוד על ידידיו, בעל נאמן ואב מסור. יהיה זכרו ברוך.

## גיטל לאַנדאַן (מעלער)

ווער אין לובלין האָט נישט געקענט דאָס הויז פון דוד לאַנדאַן — אַ שטוב פון תורה און חכמה, „חסידיש און נגידיש", אַ דין־תורה, אויסגלייכן סיכסוכים און אויסהערן אַ סוגיא וועגן טיפע תורה־געדאַנקען — איז מען געקומען אין הויז פון דוד לאַנדאַן.

אין אָט דער שטוביקער אַטמאָספער איז דערצויגן געוואָרן גיטל לאַנדאַן (מעלער), ווו זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט די חכמה און שאַרפזיניקייט פון אירע עלטערן, מיט וועלכע עס האָט געאָטעמט דער אָרום.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פוילן האָט צוריק באַקומען איר זעלבשטענדיקייט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט גיטל געפונען דעם וועג צו לינקע פועלי־ציון. אירע נייגונגען זענען געווען צו ליטעראַטור און פּאָעזיע. זי האָט גלייך פאַרנומען אַן אָרט אין דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע ביי דער „אַרבעטער־היים" אויף רינגעק 10 און אַ לענגערע צייט געווען די וואָרט־זאָגערין פון דער ביבליאָטעק, די ריכטיקע פאַרבינדלערין צווישן לייענער און דעם בוך. מיט איר האָט זיך דער לייענער באַראַטן. און זי, ווי אַ געניטע פּסיכאָלאָגין, האָט געריכטעט דעם לייענער וועלכע ביכער צו לייענען.

זי איז געווען אַ בונטאַרע, אינדיווידואַליסטיש, שטורמישע נאַטור. מיט קיינעם זיך נישט באַראַטן, איז זי אין די דרייסיקער יאָרן, דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, ווו זי האָט אין יענע שווערע צייטן אַדורכגעמאַכט די חבלי־לידה פון איינאָרדענען זיך, דערנאָך זיך פאַרבונדן מיט איר לעבנס־באַגלייטער, שמואל מעלער און צוזאַמען האָבן זיי געבויט זייער היים.

גיטל איז ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין קאָנטאַקט מיט אירע לובלינער לאַנדסלייט, ווייל ווער האָט דאָס נישט געקענט אין לובלין דאָס הויז פון די לאַנדאַנס, בפרט גיטל לאַנדאַן? — — —

דעם 19טן יאַנואַר 1976, איז זי נאָך אַ קורצער קראַנקייט, אַוועק אין דער אייביקייט.

די לובלינער וועלן זי לאַנג געדענקען.

**א לובלינער**



## לזכר טובה ליכטנשטיין ז״ל

לא אשכח את בוקר יום רביעי, 19 בנובמבר 1975, (ט״ו כסלו תשל״ו) כשאמא שלי הסבירה לי בשקט ובעדינות האופייניים לה, שבצורה כזאת אי־אפשר להמשיך לחיות. כעבור שעות הלכה לעולמה בלי דמעות, בשקט — נרדמה לנצח ממחלה ממאירה.

טובה (גניה) ליכטנשטיין ז״ל, הייתה הבת הבכורה לבית אונדק־גורפינקל. ב־היותה בת שבע נשארה יתומה מאמה, חנה גורפינקל ז״ל.

אביה, יעקב אונדק ז״ל, נשא שנית את גיטלה רוזן שהיתה לאם אוהבת לשלושת בנותיו היתומים.

כשפרצה מלחמת העולם השניה, עזבה טובה (גניה) ליכטנשטיין ז״ל, ביחד עם אחותה

תבדל"א, את הוריה, כשבדעתה להצטרף למשפחה הראשונה בה תיתקל ולהציע להם את שרותיה כעוזרת בית. היא גמרה בליבה, שאם לא יקבלוה במקום הראשון אליו תפנה, תשוב אל הוריה וגורלם יהיה גורלה.

המשפחה הראשונה אליה פנתה, מיד קיבלה אותה לעבוד אצלם ולאחותה דאגו לעבודה במשפחה שניה.

בעת שהותה בגוריי, חסכה אוכל מפיה והייתה מעבירה אותו אל הוריה, עד לאותו יום מר שהמשפחה נאלצה לעזוב.

המשפחה פנתה לפרמפול, שם הציגה את עצמה טובה ז"ל כגויה. גם במקום החדש נקלטה וישבה עד לאותו יום בו החלו לחשוד בה שהיא יהודיה.

טובה (גניה) ז"ל, התחלפה עם בחורה נוצריה ונשלחה במקומה לגרמניה לעבודה ואת ימי המלחמה העבירה כעוזרת בית נוצריה במשפחה בגרמניה.

לאחר המלחמה שבה ללובלין, עיר מולדתה, שם הכירה ונישא לבעלה, יוסף ליכטנשטיין וביחד נסעו לגרמניה ומשם לישראל.

בישראל הקימה בית חם ואוהב לבעלה ולשני ילדיה. לאורך כל הדרך, היתה אשה ענוה, צנועה, עדינת נפש. גם כשנודע לה על מחלתה הממארת, התנהגה כגיבורה ואיש לא הרגיש את הנעשה במסתרי ליבה.

וכשהרגישה שקיצה קרב, ביקשה מהקרובים לה: „מה שיקרה, תיקחו זאת בקלות כי כאלה הם החיים".

יהי זכרה ברוך.

**הבת חנה**

■

## ליום השלושים לפטירתו של ר' משה נודלשטרן ז"ל

משה נודלשטרן נולד בלובלין ב־2.3.1915. בכור להוריו מתוך 7 ילדים. אחרי מלחמת העולם השניה נותר עם אחד מאחיו בלבד מכל משפחתו הגדולה..

נפטר ביום 26.4.1976 (ערב יום הזכרון לשואה ולגבורה) בגיל 61 מות פתאומי. השאיר אשה, בן בת, אח ו־5 נכדים.

*

קשה לי, מאד קשה, להספיד ולכתוב הספד על המחותן שלי ר' משה נדלשטרן ז"ל, שהלך מאתנו בטרם עת. ואם עברו כבר 30 יום לפטירתו, הלב מסרב להאמין, ויותר מזה להשלים עם אבידה כבדה זו, שהמחותן משה איננו עוד אתנו.

למראית עין התאושש מן המחלה, שוב היה בעל דברים, איש שיחה נעים, המשיך לבקר את הנכדים היקרים, שכה אהב אותם, ושנפשו היתה קשורה בנפשם.

משרידי הניצולים מהמחנות היה, ומאז עליתו ארצה עם אשתו וילדיו השתדל להתגבר על מה שעבר עליו ועל מחלתו. המשיך בהתמדה ובמסירות בעבודה היום יומית, כדי שיוכל לפרנס את משפחתו ולתת



חינוך גבוה ל־2 ילדיו שכה אהב אותם. נתאמתו בו דברי ר' יוחנן בן זכאי שהסביר לתלמידיו: (אבות, פרק ב' משנה ט') שתשובת ר' אלעזר על שאלתו, איזוהי דרך ישרה שידבק האדם — לב טוב — היא הנכונה ביותר, כמו שנאמר שם: בכלל דבריו דבריהם, כי מי שהוא בעל לב טוב, כל מידותיו ישרות וטובות. וכזה היה המנוח משה ז"ל, שאת כל הכנסותיו הקדיש לחינוך ילדיו, ועליו אפשר להגיד את הכתוב: „תניא, רבי שמעון בן גמליאל אומר: אין עושים נפשות לצדיקים, דבריהם ומעשיהם הן הם זכרונם" (ירושלמי שקלים פ"א).

פתאום כבה נרו, נלקח מאתנו, נפל ללא קום, אבידה גדולה שאין תמורתה, חבל על דאבדין ולא משתכחין.

תהי נפשו צרורה בצרור החיים, יהי זכרו ברוך.

**רידר יצחק**

■

## הענרי סאמבערג ז"ל



לעצטנס האט דער טויט אוועקגעריסן פון דער לובלינער משפחה אין מאנטרעאל, דעם חשובן לאנדסמאן הענרי סאמבערג. ער איז געווען א טייערער, הארציקער מענטש. א געוויסע צייט איז ער געווען פארזיצער און אויך קאסירער. זיין פרוי העלען איז נאך איצט טעטיק אין דער לאנדסמאנשאפט.

מיר ווינטשן איר און דער משפחה נישט וויסן מערער פון קיין צער.

**א לובלינער אין מאנטרעאל**

■

## יהושע סוסין ז"ל

געשטארבן אין סאן־פאולא, בראזיל.

אבסאלוועט פון דער י. ל. פרץ שול אין לובלין. אדורכגעמאכט די קריג אין פוילן און ראטנפארבאנד. געקומען אין בראזיל נאך דער מלחמה. געלאזט אין טרויער זיין פרוי בערטא און צוויי זין.

ער האט א שוועסטער אין באר־שבע.

**ל. ג.**

■

## צדוק פעפער ז"ל

פון פאריז איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פונעם געזעלשאפטלעכן טוער און קולטור־עסקן צדוק פעפער. ער איז נפטר געווארן דעם 16־טן יוני 1976, אין עלטער פון 72 יאר.

כבוד זיין אנדענק!

■



## חיים פישמאן — פעלדמאן ז"ל

דעם 12טן נאוועמבער 1975, איז אין עלטער פון 62 יאר געשטארבן חיים פישמאן — פעלדמאן (ברודער פון יענקעלע פעלדמאן).

חיים פעלדמאַן שטאַמט פון אַן אַרבעטער־משפחה. דער פאַטער, שמואל פעלדמאַן — אַ מאַלער, האָט געוווינט אויף לובאַרטאָווסקי 54, ביי מאיר לעווין אין הויז. אין דער פריער יוגנט האָט חיים זיך אויסגעלערנט שניידעריי און געאַרבעט אין וואַרשע.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד און דאָרט פאַרשיקט געוואָרן קיין אַרכאַנגעלסק, וווּ ער איז געווען עטלעכע יאָר. דערנאָך געקומען קיין בוכאַרע, וווּ ער האָט ווי אַן אומלעגאַלער בירגער, אין שטענדיקער מורא, געוווינט מיט זיין ברודער יעקב און איטקעלע פעלדמאַן.

אין 1946 האָט ער געוווינט אין שטשעטשין מיט זיין צווייטער פרוי (די ערשטע פרוי איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד).

מיט 18 יאָר צוריק, איז חיים פעלדמאַן געקומען קיין ישראל און זיך באַזעצט אין עפולה, וווּ ער האָט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן.

ער האָט פאַריתומט אַ פרוי, אַ זון — אָפיציר פון צה״ל, אַ טאָכטער, אַן איידעם, 2 אייניקלעך.

כבוד זיין אָנדענק!

**י. פ.**

■



## חיה פרידמן (דורן) ז״ל

מבית רוזנמן. נולדה בלובלין ב־16.3.1913. נפטרה בחודש יולי 1976.

■



## איטקה קורנינסקי

### לתולדות חייה

איטקה נולדה בחודש מרץ 1916 בלובלין שבפולין.

משפחת הוריה היתה בין שומרי המסורת, משפחת חסידים.

זכורני: בשנת 1921 פרצה בעיר לובלין מגיפת השקרלטינה והפילה חללים רבים. בביתנו חלו שתי אחיות, איטקה ועוד אחות, שנפטרה מהמחלה. איטקה התגברה ויצאה בשלום.

בשנת 1930 כשגמרה איטקה את בית הספר „בית יעקב" של „אגודת ישראל" הצטרפה לתנועת „החלוץ הצעיר".

למרות ההתנגדות בבית־הורי לציונות, התחילה איטקה לגייס חברים לתנועה ואירגנה חוגים בסניף „החלוץ הצעיר" והיתה לאחת המדריכות, עד ליציאתה לקיבוץ־הכשרה.

בשנת 1936 יצאה איטקה לקיבוץ ההכשרה „קיבוץ בורוכוב" שבגוש בנדין, בעיר דומברובה. לאחר תקופה קצרה התרגלה לחברה החדשה והתחילה לקבל עליה תפקידים כגון: חורבשת, מנהלת האספקה ועוד עבודות־חוץ שונות.

בגלל סגירת שערי הארץ לא הספיקה לעלות ארצה ועם פרוץ מלחמת העולם השנייה נתעכבה בפולין.

בזמן המלחמה סבלה סבל רב אבל עמדה בתלאותיה ונשארה בחיים, כי עז היה רצונה להגשים את המטרה — העליה ארצה.

יהי זכרה ברוך

**אחיה זלמן ורדהיים, ת״א**

### בהכשרה

הכרתי את איטקה בהגיע לקיבוץ־ההכשרה בדומברובה גורניצ׳ה. אחיה זלמן כבר היה חבר בו מספר שנים ותפס עמדה מכובדת. היה זה לפני פרוץ מלחמת העולם השנייה. השמים באירופה היו קודרים כמו השמים בדומברובה, עיר־תעשייה ומכרות פחם.

אנחנו, חברי ההכשרה, עבדנו בתחנת הרכבת במשלוחים של מוצרי ברזל. ראינו רכבות עמוסות כלי מלחמה, קני תותחים וחיילים רבים שנסעו לכיוונים שונים.

העליה לארץ נפסקה. החיים בהכשרה היו אז אפורים. חכינו שנים רבות לעלות ארצה והשאלה שניקרה בראש כל אחד מאתנו: היספיק לצאת?

במצב זה הגיעה איטקה להכשרה. כשראיתיה יושבת עם אחיה, חשבתי שבה לבקר אצלו ביקור משפחתי מתוך דאגה לשלומו. כשנודע לי שהיא הצטרפה אלינו היה זה כמשב רוח רענן. איטקה ניקלטה בקלות, היתה חברה רצויה וצנועה, צעירה מאד. עודדנו אותה ועזרנו לה בכל דבר. צירפתי אותה לחוג לעברית. איטקה נתחבבה על כולם, היה לה טוב אצלנו ולנו — איתה.

אחרי עלותי ארצה, נותקו הקשרים. גדולה היתה השמחה בשמעי שהיא נשארה בחיים והגיעה ארצה. התגאתי במעשים חשובים שביצעה.

בכל פעם שהדרכתי טיולים לגליל, לא פסחתי על דפ״ה, ביקרתי אצל איטקה. כאשר נותקו הקשרים בזמן המלחמה לא פיללתי לראות עוד את פניה, והנה זכיתי.

**יצחק זלצברג עינת**

■



## מענדל קראַכמאַלניק ז״ל

געבוירן אין לובלין אין 1912, געוווינט שעראַקאַ 29, ביי די עלטערן חיים און הינדע. געלערנט צוערשט אין חדר, שפּעטער געענדיקט די „פּאָושעכנע" שול. געאַרבעט אַלס שטובן־מאַלער ביזן אויסברוך פון קריג. אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד,

ווו ר'האט חתונה געהאט. זיין פרוי מרים האט געבוירן פיר זין. נאכן קריג איז ער געווען אין לובלין, אין קיבוץ פון די ל״ג־קע פועלי־ציון, פון וואנען ר'איז דורך עסטרייך אנגעקומען מיט דער שארית הפליטה קיין ישראל, ווו ר'האט געארבעט אין כרכור און אין חיפה. אין יאר 1974 געשטארבן פון א הארץ־אטאק.

**ש. ש., חיפה**

■



## מ. קורנבערג ז״ל

נפטר געווארן אין חיפה מיט א יאר צוריק. אין לובלין, פאר דער מלחמה, געוווינט אויף נאדסטאווגע גאס, געארבעט סטאלערייי און געהאלפן אויסשטאטן פון איבעווייניק און אויסריכטן די ישיבת חכמי לובלין. געווען א מקורב צום הרב שאפירא זצ״ל.

עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין די דרייסיקער יארן און אהערגעבראַנגט די גאנצע משפחה. באזעצט זיך אין חיפה. א שטילער, ערלעכער און הארעפאשנער ייד געווען.

כבוד זיין אנדענק!

■

## יצחק רובינשטיין ז״ל

נפטר געווארן אין סאן־פאולא, בראזיל. זון פון א בכבודיקער חסידישער ארבע־טער־פאמיליע. געקומען אין בראזיל פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געווען טעטיק אין יידיש־געזעלשאפט־לעכן לעבן. געווען אן ארטיסט־אמאטאר. געלאזט אין טרויער זיין פרוי ניכטשע צוויי פארהייראטע קינדער און אייניקלעך. זיינס א ברודער וווינט אין ישראל.

■



## יוסף רוזן ז״ל

באוקטובר מלאה שנה מאז הלך לעולמו יוסף רוזן ז״ל.

נולד בלובלין בשנת 1902, להוריו מרים וסבי רוזן. את השכלתו התיכונית רכש בגימ־נסיה שפער ולאחר מכן סיים בי״ס גבוה לבוסקאות בגרמניה. חזר ללובלין לנהל את בית החרושת של חותנו, שעיה בורשטין ז״ל. בית־חרושת זה, שימש בפרוס מלחמת העולם השניה, כתובת ומקלט לרבים מאחינו בני לובלין, שנותרו בצד ה„ארי״ של לובלין, אחרי שהוקם הגיטו. יוסף רוזן דאג לכלכלתם ולמחבואם.

לאחר שעלה הכורת גם על „המאושרים״ בצד ה„ארי״, נאלץ גם הוא לברוח עם בני משפחתו לסביבת וורשה ואת נוראות המל־חמה עבר בכל מיני מחבואים. גם כאן עזר בכספו לקיים יהודים נוספים.

כשהסתיימה המלחמה, פנה מיד לשלטונות להשיג היתר יציאה לעלות לישראל. בקשתו נדחתה מספר פעמים — וכך נאלצה המש־פחה להישאר בלובלין עד סוף שנת 1949. בתקופה זו שימש ביתו בית חם לרבים מ־ניצולי השואה שחזרו הן ממחבואם והן מ־רוסיה.

בארץ עבד — עד צאתו לפנסיה — כמרכז ענף הבורסקאות בהתאחדות בעלי התעשיה.

איש חכם, צדיק שהיושר היה תמיד נר לרגליו. יהיה זכרו ברוך.

**לאה קורים**

# נזכור אותם

## לאנויר זיי דערמאנען

איינעקע לאנדסלייט ווילן באערן דעם אנ־דענק פון זייערע אומגעקומענע על קידוש־השם, אדער פארשטארבענע עלטערן, שוועסטער, ברידער, קרובים און פריינד. דעריבער ברענגען מיר אויך אין איצטיקן „קול לובלין״ דערמאנונגען וועגן אזעלכע געשטאלטן פון דער יידישער לובלין, וואס האבן פיל געטאן לטובת הכלל און א סך פון אונדז געדענקען זיי צום גוטן.

■

## עסקנים פון „זאמד״

ווי אן איינוווינער פון דער פארשטאט „זאמד״, האלט איך פאר נייטיק צו דערמא־נען אין „קול לובלין״ א צאל נעמען פון געזעלשאפטלעכע טוערס, וואס זענען געווען טעטיק אין פארשיידענע אלגעמיינע און פּי־לאנטראפּישע ארגאניזאציעס און אינסטי־טוציעס און אזוי ארום געהאלפן אנטוויקלען דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין יענער געגנט און אויך געטראגן הילף די נוי־ז־באדערפטיקע „זאמדער״ יידן.

אגענשטיין שלמה
אנקער הענעך
בלומענבערג זיינוול
בערגאוט זעליג
גאלדשטערן יוסף
האלצקענער
ווייס יואל
ווייסלפיש יוסף
טאפּעל אלי
לעווינשטיין העשל
ערליכמאן יהושע
עקהויז טאבע־הינדע
צוקערמאן אליעזר
שטאקפיש שלום
שניטבערג חיים
שלינגענבוים אברהם־יוסף

אוודאי זענען געווען נאך עסקנים, נאר צום באדויערן געדעק איך נישט אלעמענעס נעמען. ס'וואלט געווען א יושר, אז אין יעדן נומער „קול לובלין״, זאל מען ארויסברענגען זכרונות פון יענע יידן וואס האבן געלעבט נישט נאר פאר זיך, נאר אויך — פאר יענעם.

**שלמה שטאקפיש, חיפה**

## ירחמיאל גרטנקראוט ז"ל

שלוש שנים עברו מאז שהלכת מאתנו לעולמים.

מדי שנה בשנה, בערב יום הכיפורים, עולים, אחיך מוטל, שבא ממרחקים, ידידך, חבריך, ומוקיריך לקברך בקרית שאול, כדי להתייחד עם זכרונך.

כשאני מפליג לעבר הרחוק, לתקופת נעורך בלובלין, שאיננה עוד, וצפה לעיננו תמונת הבית המסורתי־דתי, שבו גדלת והתחנכת ושהביאך לציונות ואהבת הארץ. נוסף לזאת, גדלת והפכת להיות איש רב פעלים וסוחר מצליח. במשך תקופה קצרה בנית משק חקלאי לתפארת בסביבת לובלין.

בתקופה זו, שבה המילה ציונות בהדפת לגזענות ולגנאי, אין הוכחה טובה יותר לטוהר הציונות במעשיך דאז.

נצלת מציפורני הנאצים בתקווה לבנות מחדש בית שקט ושלו, אך קורבנך היה גדול; ארבעת ילדיך ואשתך נרצחו ע"י הגרמנים ימ"ש במחנות ההשמדה וגם בנך היחיד שניצל והצליח לחמוק מציפורני הנאצים בסובלו חרפת רעב; שנשמר על ידך כנכס יקר והיה כבבת עינך — לא יכול היה לעמוד בפני האוכל לאחר שנות רעב קשות ונפח את נשמתו על סף החיים החדשים.

לאור החינוך שספגת בבית אביך, היית קשור לארץ־ישראל בכל נימיך ורק סיבות משפחתיות מנעו ממך ההשתקעות פה, אך שמרת על גחלת ועל הקשר עם הארץ וידידיך.

אלה שהכירוך מקרוב, ששהו במחיצתך יזכרוך לעד.

יהי זכרונך ברוך.

**מתתיהו הורן**
**(דברים על קברו)**



## יוסף און בת־שבע לעווינסאָן ז"ל

א סך יאָרן זענען פאַריבער פון זייע־טויט. זייערע בלאַסע געזיכטער פאַרשווינדן ביסלעכווייז פון אונדזערע אויגן, אָבער אין זכרון זענען זיי טיף־טיף איינגעקריצט.

יוסף לעווינזאָן איז געווען דער זון פון חיים מאיר לעווינסאָן, וואָס איז געקומען קיין לובלין פון שטעטל זאַמערפאָרסט לעבן דאַנציק. אַ ייד אַ תלמיד־חכם, געווען בעל־קורא אין דער לייפער־שיל און מלמד פון אייניקע אויסדערוויילטע לובלינער יונגע־לייט, ווי די זין פון וויסאָקער רב, פון ד"ר הערשענהאָרן און אַנדערע.

זיין זון און מיין פאָטער יוסף ע"ה, איז געווען אַ מאַן מיט שטאַרקע אַמביציעס און אויסערגעוויינלעכער ענערגיע. ער האָט אויף צירולניטשע גאַס געעפנט אַ ליכט־פאַבריק און דערנאָך געוואָרן אַ שותף צו דער פאַבריק פון כעמישע אויסאַרבעטונגען „בענגאל", ווו אין דער געוו. וואַגן־פאַבריק פון העסס אויף לובאַרטאָווסקי, זענען געווען באַשעפטיקט איבער 300 אַרבעטער, צו וועמען ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס רעספעקט.

יוסף לעווינסאָן איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער גמילות חסודים קאַסע, פרעזעס פון קליינהענדלער־פאַראיין און פרעזידיום־מיטגליד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. ער האָט חתונה געהאַט מיט בת־שבען, די יינגסטע טאָכטער פון אליעזר נייבערג (לאָזער פאַרבער).

אויך מיין מוטער, בת־שבע לעווינסאָן, האָט זיך געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צוזאַמען מיט די פרויען אַקערמאַן און דאַבדשינסקאַ האָט זי געזאַמלט פאַר די ציוניסטישע פאָנדן און פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצערין פון דעם קאָמיטעט פאַר דער „תרבות"־שול אין לובלין.

יוסף און בת־שבע האָבן די מלחמה נישט איבערגעלעבט. בת־שבע איז דערשאָסן געוואָרן דורך די ס. ס.־באַנדיטן אין לובלין, אין יאָר 1942. יוסף איז מיט אַ יאָר שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין וואַרשע. געראַטעוועט זיך פונעם היטלעריסטישן גיהנום האָבן זייער טאָכטער פעליציאַ און דער זון אברהם. פעליציאַ איז געשטאָרבן אין תל־אביב, אין יאָר 1969.

כבוד זייער אָנדענק!

**אברהם לעווינזאָן**

## בלה מנדלסברג־שילדקרויט

בלה מנדלסברג־שילדקרויט נולדה וחונכה אצל הורים מסורתיים שבית מגוריהם היה ב„רינק" שבעיר העתיקה של לובלין. זהו כיכר מרובע רחב־ידים עם בתי־חומה, שבהם גרו לפנים רוזנים פולניים וגם מלכים היו מתאכסנים שם. נמצא שם גם בנין הטריבונל הקדום — ופקידים בעלי סמכות עליונה היו מכהנים שם בתקופת הפאר של פולניה המלכותית. היתה זו שכונה קדומה אפופה אווירה היסטורית — וסיפורים דמיוניים של פאר שאיננו עוד היו מתהלכים עליה. רישומים שבלה קלטה בשחר נעוריה באווירה מסתורית זו, השפיעו, כנראה, רבות על דרכה בחיים. ערה בימי נעוריה לכל התופעות שמסביבה ותאוה עצומה לפענח את ההתרחשויות כאן בעבר הרחוק, הפכה במרוצת השנים להיסטוריונית ושהציבה לעצמה מטרה לעבד את תולדותיה של יהדות לובלין.

כפי שהעידו חברותיה לספסל הלימודים בגימנסיה הפולנית בלובלין, היתה בלה תלמידה חרוצה ושקדנית ומצטיינת בלימודים. תמיד רצתה להגיע לשורש הדברים, לא הסתפקה בחומר שהגישו המורים והיתה מחטטת בספרים נוספים כדי להרחיב ולהעמיק את ידיעותיה ולרוות את צמאונה לדעת. כן נהגה בלימודים באוניברסיטה, היתה מחפשת ומחטטת במקורות ושאפה בכוחות עצמה לחשוף את האמת ההיסטורית. זה הכשיר אותה בבוא הימים לעבודה מדעית ולמחקרים שפורסמו בכתבי עת היסטוריים.

בעבודתה בהוראה, כמורה להיסטוריה בגימנסיות ההומניסטיות בלובלין, הסתייעה בשיטה הדידקטית של עבודה עצמית. ברצותה למנוע מן התלמידים את הכנת השיעורים בצורה שיגרתית, כדרך מצוות אנשים מלומדה, ללא העמקה בנושא, דרשה מהם עיון מעמיק ומגמתה ה י ת ה להקנות להם דרכי חשיבה נכונים. מובן מאליו, ששיטה זו היתה מטילה על התלמידים מאמץ נוסף והיו לפעמים מתרעמים עליה, אבל כתגמול על כך היתה מגלה להם יחס של חיבה ולבביות. היא הקלה עליהם בעזרה שהושיטה להם גם מחוץ לשעות עבודתה. בדרך כלל היתה בלה עממית ביחסה אל אנשים, מעורבת עם הבריות וחסרה את רגש היהירות; גם אל תלמידיה התיחסה בצורה כזאת ולא היתה מקפידה על מה שנדרש אז — מרחק מתאים בין התלמידים והמורה.

את ההוראה ראתה כיעד, ולא כקרדום לחפור בו בלבד.

בלה דגלה ברעיונות לאומיים שמאליים. היא השתייכה למחנה הציוני הסוציאליסטי השמאלי, אך רק במובן הצר של מפלגתיות, כשהציונות היתה צריכה לשמש דרך השחרור הסוציאלי של השכבות העממיות. עולמה הרוחני היה זך וטהור, האמינה בשלימות האדם ובניצחון של הטוב על הרע.

על גיבוש השקפת עולמה זו השפיעה גם הסביבה בה גדלה ובילתה את רוב ימי חייה. אחד הרחובות הצדדיים של ה„רינעק" היה רחוב גרודזקה שבקצהו היה שער ודרכו היו עוברים אל סמטאות מאוכלסות שכבות יהודים עניים ברובם. השער הזה נקרא בפי העם בשם „די יידישע ברום" — (שער בפולנית — „בראמא", ובפי היהודים „ברום"). האוכלוסיה היהודית בסמטאות אלה התפרנסה בדוחק מיגיע כפיהם. ישבו שם



teatrnn.pl

גרים ונפחים, חייטים וסנדלרים וגם סבלים ותגרנים זעירים — מה שקרוי ביידיש „עמך". בלה היתה עוברת תכופות את השער עוד בנעוריה ולנגד עיניה הופיעו תמונות שונות מאלה שהיתה רגילה להן בעיר העתיקה, האריסטוקראטית במקצת. ומכיוון שהיתה סקרנית לדעת את הכל שמתרחש מסביבה, באה במגע עם האוכלוסיה הזאת, התבוננה לאורח חייהם וחיבבה את האנשים האלה על תמימותם ויושרם. זה השפיע על גיבוש רעיונותיה, על השקפת עולמה ועל יחסה לחברה האנושית. אחרי שגמרה את חוק לימודיה באוניברסיטה והתחילה לעבוד בהוראה, החליטה להקדיש חלק מזמנה הפנוי גם לעבודה תרבותית בקרב השכבות העממיות האלה.

כשנוסדה בלובלין האוניברסיטה העממית, היתה נותנת תכופות במסגרתה הרצאות בצורה פופולרית, מתאימה על נושאים חברתיים, ספרותיים והיסטוריים. היא לא ידעה ליאות בעבודתה וחילקה את זמנה להוראה בגימנסיות, להפצת השכלה בקרב השכבות העממיות ולעבודה מחקרית מדעית בשטח ההיסטוריה בספריות ובארכיונים.

בלה ניגשה אז לממש את המטרה שהציבה לעצמה ולה נשאה את נפשה מכבר — עיבוד היסטוריה שלימה ומקיפה של יהודי לובלין.

לובלין תפשה במאות ה־16 וה־17 מקום ראשי בין הערים הגדולות בפולין: קראקוב, לבוב ופוזנן. בכרוניקה שלו מזמנים אלה כותב נתן האנובר: „לובלין היתה אחת מארבע הקהילות הגדולות בפולין, ואין כמוה בכל מדינת פולין בתורה וגדולה וגמילות חסידים". לרבניה ותכמיה וראשי ישיבותיה יצאו מוניטין ברחבי פולין ובכל הארצות השכנות ומשם באו ללובלין לקנות דעת. במשך מאתיים שנה התקיימו בלובלין, אחת לשנה, הכינוסים של ועד ארבע הארצות — המוסד האוטונומי העליון של יהודי פולין שעיצב את חיי היהודים במדינה מבחינה ארגונית תחיקתית ושיפוט פנימי. השפעתה של יהדות לובלין חרגה הרחק מתחום גבולותיה של פולין. לירידים המפורסמים שהתקיימו שלוש פעמים בשנה, היו באים סוחרים מארצות שונות וביניהם סוחרים יהודים שהעבירו מכאן למקומות ישוביהם את הערכים התרבותיים של יהודי פולין. וכך נעשתה לובלין היהודית כעין מרכז תרבותי בזעיר אנפין לתפוצות.

לובלין שבתוכה גדלה, שהיתה כה חביבה עליה, ועברה המפואר, קסמה לתחושתה ההיסטורית של בלה, ניגשה לעיבוד המונוגרפיה עליה בשקידה ובחריצות האופייניות לה: היא התחילה בעבודה זו עוד בהיותה תלמידת האוניברסיטה, אך הספיקה בימי חייה הקצרים שנכרתו בידי המרצחים הגרמניים האכזריים, לעבד רק כמה פרשיות חשובות: על המאבק לזכות העבודה נגד האיגודים המקצועיים הנוצריים שהצרו את צעדיהם של האומנים היהודים בביצוע מקצועותיהם; על הסחר של יהודי לובלין, במאבקם עם הסוחרים הנוצריים ועמדתם של שלטונות המדינה במאבק זה; על המצב המשפטי־ציבורי של יהודי לובלין במאה ה־17, על המסים והארנונות שהוטלו על היהודים, על הסיפרות האנטישמית שהופיעה בתקופה זו ועל עלילות דם. בלה הביאה הוכחות מן המקורות, סתרה את טענות השווא של האיגודים הנוצריים והזימה בעבודתה את דברי הסופרים האנטישמיים שסילפו בכוונה תחילה עובדות היסטוריות.

*

אני עובר כעת אל פרשת חייה של בלה בתקופת המאורעות האיומים שזעזעו את העולם כולו והרסו עד היסוד את ישובי היהודים במרכז אירופה ובמזרחה. כפי שציינתי, היתה השקפת עולמה מעוצבת במסגרת הציונות הסוציאליסטית, במפלגת פועלי־ציון שמאל, בתום לבה האמינה בהגשמת האידיאלים ההומניים במסגרת זו. אך הבלתי צפוי בא: החיה הנאצית גדלה והגבירה כוח ואיימה על העולם החופשי במלחמת דמים — והנה פתאום נעשה הסכם בין גרמניה הנאצית ובין רוסיה הבולשביסטית, שעיני העולם הסוציאליסטי השמאלי היו פנויות אליה. זה גרם למשבר ראשוני בנשמתה.

המאורעות השתלשלו אחר כך במהירות הבזק. צבא גרמניה כבש את פולין, הביא הרס על עריה, רצח אוכלוסיה שלווה, ובמחי יד אחת הוצאו יהודי פולין ממסגרת החוק ורכושם וחייהם נעשו הפקר. בתי הספר נסגרו. חנויות היהודים, עסקיהם ורכושם נגזלו מהם. חיי היהודים בלובלין כמו ביתר ערי פולין נעשו ללא נשוא. בתי העסק של היהודים נמסרו בתחילה לאינטליגנציה ולפקידות הפולנית שנושלו ממשרותיהם. הגרמנים ידעו, שהחברה הפולנית לא חטאה בחיבה יתירה ליהודים, ובזה רצו לקנות את אהדתם. החנות של משפחת מנדלסברג נמסרה על פי מקרה למורה להיסטוריה, פולניה, שהיתה בוודאי משתתפת עם בלה בוועידות מורים להיסטוריה. מטה לחמה של בלה נשבר והתחילה להרגיש מחסור. מן החנות לא קיבלה אף גרוש.

היו אז זמנים קשים מאד. היה מחסור גדול במצרכי אוכל. התחלנו לסבול מחרפת רעב ובלה נשאה בדומיה ובכבוד את הסבל הזה. הרדיפות וההתעללות באוכלוסיה היהודית גדלו מיום ליום. בלה מצאה גם אז את מקומה בעזרה למען הסובלים. התחילה לעבוד בעזרה הסוציאלית שאורגנה על ידי ה„יודנראט" למען הרעבים ולא פעם הלכתי אתה לבקר בבתי העניים ברחוב קראבייצקה וביתר הסמטאות לחפש את הילדים הרעבים — ודמעות נראו בעיניה למראה השכול ואלמון ששרר שם. סבלה הנפשי והפיזי היה גדול מאוד, וכאן נתגלה לבה הרחום לסבלות הזולת.

באפריל 1943 הומתה ע"י הגרמנים, ביחד עם רבבות מיהודי לובלין, אחרי שהותה במחנה המות מיידאַניק. היא נפחה את נשמתה בדמי ימיה, בקדושה ובטהרה.

**נחמן קורן, רמת־גן**



## ר' אברהם מרדכי פריידנברג ז"ל

בי"ד תשרי תשל"ו 19.9.75 הלך לעולמו בן עירנו ר' אברהם מרדכי פריידנברג ז"ל. מותיקי הארץ, היה חניך ישיבה, מחסידי קוז'ניץ בלובלין ומבאי ביתו של הרב שפירא ז"ל, מייסד ישיבת חכמי לובלין. ר' אברהם מרדכי היה מחשובי סוחרי טקסטיל בסיטונות בלובלין ומעמדו כסוחר מצליח היה מבוסס. היה ציוני נלהב, שהתמסר לעסקנות ציונית בעיקר בקרב חוגים דתיים.

על אף מעמדו החומרי האיתן קם ואמר: „חייב אדם, ובפרט איש המטיף לציונות, להיות לא רק נאה דורש, אלא גם נאה מקיים". סירב להמתין עד לקבלת סרטיפיקט מהתנועה הציונית ובהשאירו בלובלין את אשתו ובנו, עלה בשנת 1934 לארץ־ישראל כתייר והתיישב בחולון.

פרשה טרגית בחייו היתה אי־יכולתו להביא את משפחתו לארץ. לפי חוקי הגירה המנדטוריים, נחשב פריידנברג לבלתי־לגלי, היות וכתייר חייב היה לחזור לפולין. כל מאמציו להשיג היתר עליה למשפחתו — עלו בתוהו, בראותו שאין קץ לפרשה, הבריח את הגבול ללבנון וחזר משם כעולה והתחיל במאמציו להשיג היתר עליה למשפחתו, דבר שהיה אז דבר יקר מפז. הימים היו כבר ימי חרדה, עננים כבדים כיסו את שמי אירופה והעולם ובשרו את המלחמה המתקרבת. פריידנברג איחר את המועד — המלחמה פרצה ומשפחתו הקטנה הלכה בדרך שהלכה כל קהילת לובלין.

בארץ עבד פריידנברג במוסדות הממלכתיים של הישוב ובעשרים וחמש שנים האח־

רונות, עד צאתו לגימלאות — ה״ה במעמד בכיר במגבית היהודית המאוחדת.

גם בארץ לא משך את ידו מעסקנות ציבורית. בשנת 1942, ביחד עם ר׳ לייבל זינגער וצבי רוטרובין ז״ל, היה ממיסדי ארגון יוצאי לובלין וממארגני העזרה בצורת משלוח חבילות ליוצאי עירנו, שהוגלו או ברחו לברית המועצות. היה חבר הנהלת בית הכנסת הגדול בחולון, מקום מגוריו.

על אף מרצו ופעלתנותו, היה בו הענוה של תלמיד חכם, היה מכובד ואהוד על מוקיריו וידידיו הרבים.

יהי זכרו ברוך.

**אפרים**

**מאלמנתו של המנוח, שתבדל לחיים ארוכים, קיבלנו חומר ארכיוני מהתקופה שהמנוח היה חבר הנהלת ארגון יוצאי לובלין. נמיין את החומר ונכין אותו לדפוס — בלי נדר — ב„קול לובלין" הבא.**

**המערכת**



## אַ טרייער פריינד און גוטער מענטש

**(צו דער ערשטער יאָרצייט נאָכן טויט פון אלעקס פינקעלשטיין)**

דעם 25סטן אויגוסט 1975 איז אין עלטער פון 73 יאָר געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אונדזער חבר, פריינד און לאַנדסמאַן עליע (אַלעקס) פינקעלשטיין. געבוירן דעם 10־טן מאַי 1902 אין לובלין, ביי נישט פאַרמעגלעכע עלטערן. זיין טאַטע, בערעלע, איז געווען אַ סאַרווער, און די מאַמע, בלומע, האָט געהאַלטן גרייטן דעם טאַטן די חתונה־סעודות.

עליע האָט געלערנט אין חדר און אין דער פרייער צייט זיך פאַרנומען מיט זעלבסט־בילדונג. אין 1917, ביי דער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין לובלין, גייט אַלעקס זיך לערנען זיין אַ קאָמאַשנמאַכער. אין יענער צייט האָבן זיך די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזירט און געשאַפן זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עליע העלפט שאַפן דעם לעדער־פאַראיין — און אַזוי הייבט זיך אָן זיין וועג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דעם אַקטיוון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין 1918 ווערט ער אַ מיטגליד אין יוגנט־בונד „צוקונפט", וואָס איז געווען פאַר אים אַ פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע שול. ער איז שטאַרק אַקטיוו אין לעדער־פאַראיין, ווי אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג. שפּעטער גייט ער איבער פון דער „צוקונפט" אין דער בונדישער פּאַרטיי און איז דאָרט אַקטיוו אויף פאַרשידענע געביטן.

לובלין מאַכט אַדורך אין יענער צייט אַ קריזיס און עליע איז געצוואונגען זיך צו לאָזן אין וואַנדער־וועג צו זוכן אַרבעט. ער שוואַרצט די פּוילישע גרענעץ און אַרבעט אין גאַנצע דריי שטעט פון אייראָפּע. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער קומט ער צוריק קיין לובלין. זיינע עלטערן באַקומען פּאַפּירן פון דער משפחה אין אַמעריקע, נאָר די פּוילישע מאַכט לאָזט עליען נישט פאָרן, ווייל לויט זיינע יאָרן איז ער נאָך מיליטער־פליכטיק. די עלטערן פאָרן אַוועק און עליע בלייבט ווייטער אין לובלין. אין 1929 באַקומט ער פּאַפּירן צו פאָרן קיין קאַנאַדע, ווייל קיין אַמעריקע וועט ער דאַרפן וואַרטן אויף אַ ריי. עליע קומט קיין קאַנאַדע און אַרבעט אַלס קאָמאַשנמאַכער. ער טרעפט זיך מיט לובלינער וואָס לעבן שוין דאָרטן לאַנג, זיי העלפן. ער ווערט אַקטיוו אין „בונד", אין „אַרבעטער־רינג" אין און אַנדערע אינסטיטוציעס. מיט דער צייט פאַרלאָזט ער זיין אַרבעטס־פּלאַץ און ווערט פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער שיך־פאַבריק. אין 1937 שיקט ער קיין לובלין נאָך זיין כלה שבעלע. זי קומט קיין מאָנטרעאַל און זיי האָבן דאָרט חתונה. לעבן זיך זייער גוט. זי ווערט זיין לעבנס־באַגלייטערין און גייט מיט אים אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער ווערט קאַסירער פון שטאָטישן קאָמיטעט פון „אַרבעטער רינג" אין מאָנטרעאַל, העלפט גרינדן דעם וואָלאַדעק ברענטש און איז דער ערשטער פאָרזיצער פון ברענטש, קאַסירער פון דער הלוואה־אינסטיטוציע ביים א. ר. און פאָרזיצער פון סעמעטערי־ (בית עולם) קאָמיטעט, ווי אויך אַקטיוו אין דער שול־באַוועגונג, אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיטגליד אין דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און וויצע־פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט זייער אַ סך געהאָלפן די ניי־געקומענע, לעבן געבליבענע לובלינער יידן נאָכן היטלער־מאָרד.

אַלעקס האָט אָבער זיין גאַנצע נאָענטע משפחה אין אַמעריקע און זיי ווילן אים האָבן מיט זיך. אין 1956 פאַרלאָזט אַלעקס מיט זיין פרוי שבעלע קאַנאַדע און זיי באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק. דאָ טוישט ער זיין פאַך און ווערט דאַמען־שניידער (קלאָוקמאַכער). ער ווערט דאָ אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג שטאָט קאָמיטעט, מיטגליד אין „פאָרווערטס" אַסאָסיעישן (געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט). ער איז פאָרזיצער פון ניי־געקומענע לובלינער און אומגעגנט א. ר. ברענטש 360 נ. י. און איז אַקטיוו אין זיין פאַך־פאַראיין, ווי דער פאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיטע און מיטגליד אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. ער באַלאַנגט צום פאַראיינס־ברענטש. אַ מיטגליד אין יידיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אין אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אַזוי האָט געלעבט, געאַרבעט און געקעמפט אַלעקס פינקעלשטיין, פאַר אַ שענערע און בעסערע וועלט, פאַר דער מענטשהייט און פאַרן יידישן פאָלק.

ערע זיין אָנדענק!

**זעליג וואַסערשטראָם**

ניו־יאָרק



## מירל קאַזשדאַן־קאַהאַנע

**(וויינהאָלץ)**

געבוירן דעם 29טן 1888 אין לובלין. געשטאָרבן דעם 1טן דעצעמבער 1963 אין חולון — ישראל.

מירל קאַזשדאַן־קאַהאַנע איז געווען די טאָכטער פון דעם באַוווסטן טוער פון לינת הצדק, פייוול וויינהאָלץ ז״ל און דאָס אור־אייניקל פון באַוווסטן רבין עקיבא אייגער זצ״ל. עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָכן טויט פון ערשטן מאַן, האָט זי חתונה געהאַט

פארן באקאנטן סוחר פון דער טעקסטיל־בראנזשע, אהרון קאהאנע ז"ל.

מירל קאהאנע ע"ה האט אין גאנצן זיך אפגעגעבן דער טעטיקייט לטובת דעם יידישן שפיטאל אין לובלין, זייענדיק א מיטגליד אין דעם שפיטאל־קאמיטעט.

די עטלעכע קורצע דערינערונגען גיבן מיר, אין צוזאמענהאנג מיטן דערנענטערן זיך פון איר יארצייט.

כבוד איר אנדענק!

**ג. קאזשדאן**

■

## ד"ר אברהם קערשמאן ז"ל

אין 12טן יארטאג נאכן טויט פון אונדזער הארציקן בן־עיר און לאנגיאריקן פארזיצער פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, זענען מיר זיך צונויפגעקומען אויף זיין קבר אין קרית שאול, כדי דערמאנען און אפגעבן כבוד דעם דאזיקן פאלקסטימלעכן דאקטער און גוטן מענטש.

ד"ר אברהם קערשמאן איז געווען דער עלטסטער זון פון יוסף קערשמאן, דער אייגנטימער פון א דרוקעריי אויף קרולעווסקע, אנטקעגן דעם שטאטזייגער. אזא ייד ווי ר' יוסף, האט באדארפט קענען נישט נאר דאס פאך, נאר אויך זיין געבילדעט אין פויליש, רוסיש, דייטש און יידיש, כדי אליין רעדאגירן און קארעגירן די באשטעלונגען, אדער אפילו זיי איבערזעצן. ר' יוסף איז געווען א משכיל, אנגעזאפט מיטן יידישן גייסט און טראדיציע. נאך צוויי זין זיינע האבן געהאט אקאדעמישע בילדונג: אן אויגן־דאקטער וואס האט פראקטיצירט אין ביאליסטאק און אן אדוואקאט, באקאנט אין לובלין מיטן נאמען וויצעק קערשמאן (א זון פון וויצעקן איז אכזריותדיק פארפייניקט געווארן אין מיידאנעק דורך די דייטשע מערדער, ווייל ער האט זיך אפגעזאגט צו שלאגן, אויף זייער באפעל, אנדערע יידן־קאצעטלער. נישט אנדערש, אז אפילו ביים דריטן דור פון די קערשמאנס, האט נאציאנאלער שטאלץ און סאלידאריטעט דאמינירט איבערן אייגענער איך).

ד"ר אברהם קערשמאן איז געווען באקאנט אין לובלין ווי א ספעציאליסט פאר אינערלעכע און מאגן־און־לעבער־קראנקייטן. ער האט געהערט צו דעם גזע לובלינער יידישע דאקטוירים, ווי צימבערג, טענענבוים, ארענשטיין און אנדערע, וואס מיט זייער מעדיצינישן חוש, וואכזאם אויג און אייער און פילבארע פינגער, האבן זיי געשטעלט די ריכטיקע דיאגנאזע און פארשריבן די געהעריקע רעצעפטן. אבער זעענדיק מיט א וואסער ארעמען פאציענט מ'האט צו טאן — האט מען אויך איבערגעלאזט געלט צו קויפן די רעצעפטן, אדער א גלאז מילך פארן קראנקן קינד.

די דערמאנטע דאקטוירים, מיט קערשמאנען בראש, האבן געארבעט אין יידישן שפיטאל כמעט אן געלט. ביי אים איז עס נישט געווען בלויז פראפעסיע — נאר אויך א שליחות און אויפגאבע צו טראגן הילף די נויטבאדערפטיקע. זיין מסירת נפש צו היילן און ראטעווען, איז געווען א שם־דבר אין לובלין.

און נישט נאר אין לובלין. אויך אין גלות רוסלאנד, שפעטער אין דער באפרייטער פוילן און אין די לעצטע יארן אין תל־אביב — איז ד"ר קערשמאן געווען פאר אלעמען דער דאקטער פון סאציאלער הילף, וואס אויך זיין גוט ווארט, ליבלעכער שמייכל און ווארעמקייט האבן דערמוטיקט און געהיילט דעם קראנקן.

זיין איבערגעגעבנקייט צו די לובלינער איז באזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין די פופציקער יארן. ווי דער פארזיצער פון דער לאנדסמאנשאפט, זענען טעג און נעכט פארגעקומען אין דער גאסטפריינטלעכער וווינונג פון רעניא און אברהם קערשמאן אפטע זיצונגען, צוזאמענטרעפן און באראטונגען. בלב ובנפש איז ער געווען איבערגעגעבן דעם „לובלינער ענין". גרויס איז געווען זיין צושטייער ביים העלפן ארויסגעבן די צוויי יזכור־ביכער, אין יידיש און אין עברית, לזכר דער אומגעקומענער יידישער לובלין.

מיר זענען געווען כמעט פון די ערשטע, וואס האבן פאראייביקט די קהילה דורך א יזכור־בוך. דערנאך האבן אנדערע לאנדסמאנשאפטן נאכגעטאן דעם ביישפיל. ער האט אויך געהאלפן גרינדן די גמילות חסד קאסע, וועלכע האט דערטיילט די עולים קאנסטרוקטיווע הלוואות.

צום באדויערן, האבן מיר נישט אפגעהיטן יעדע יארצייט צו פארזאמלען זיך אויפן קבר פון דעם פארדינסטפולן עסקן. אבער זיי נאבעלע געשטאלט האט אונדז תמיד באגלייט — און וועט אונדז באגלייטן נאך לאנגע, לאנגע יארן.

**יוסף אכטמאן**

**(פונעם הספד אין קרית שאול,**
**ערב יום כיפור תשל"ז)**

■

## פאראייביקט דעם אנדענק פון טובה ראסעט ז"ל

זונטיק, דעם 19.10.75, אין דער ערשטער יארצייט פון טאבע ראסעט, וואס איז נפטר געווארן אין סאן־פאולא, בראזיל, איז אין יער בן־שמן פארגעקומען דער אקט פון פלאנצן א וועלדל אויפן נאמען פון דער פארשטארבענער. צו דעם אנדענק־אקט זענען געקומען פון בראזיל דער מאן ראובן ראסעט און זיין זון אלעקס, ווי אויך פיל לאנדסלייט פון ישראל.

דערעפנט די צערעמאניע האט גדעון אבראמאוויטש, שוואגער פון דער פארשטארבענער. אין נאמען פון דער וועלט־באוועגונג פון דער „חרות"־פארטיי, האט באגריסט אדוו. קאטלאוויטש. וועגן דער הארציקער פרוי און כלל־טוערין טאבע ראסעט, האבן גערעדט: דוד און שלמה שטאקפיש און שיע גאלדבערג.

פון יער בן־שמן איז דער עולם צוריק געפארן קיין תל־אביב, אין „בית זשאבאטינסקי", ווו אויפן 8טן שטאק איז אנטהילט געווארן דער אנדענק־טאוול אין איינעם פון די צימערן, וואס וועט טראגן דעם נאמען פון טובה ראסעט.

מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטן: די כנסת־דעפוטאטן מנחם בעגין און חיים לאנדאו.

ס'איז געווען א בכבודיקע פאראייביקונג פונעם אנדענק פון א לובלינער פרוי.

■



## כעלע און אייזיק ראזענבוש

מיר דערמאנען אין טרויער די יארצייטן נאכן טויט פון אונדזער מאמען, שוועגערין און מומע כעלע ראזענבוש־קרעמפעל, וועלכע איז נפטר געווארן אין מאנטרעאל דעם 2טן פעברואר 1962 — און אונדזער פאטער, ברודער און שוואגער אייזיק ראזענבוש, געשטארבן אין בריסל דעם 1טן מאי 1972.

אונדז וועט תמיד באגלייטן דער אנדענק פון די צוויי ערלעכע, פאלקסטימלעכע מענטשן, וואס האבן אויך געארבעט פארן לובלינער ציבור.

כבוד זייער אנדענק!

*

צו די צוויי יארצייטן שענקען מיר פארן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל 500 ל"י.

פראפ' מייק ראזענבוש (פאר. שטאטן);
די משפחות: וויעזשכאווסקי (בריסל);
ראזענבוש (גבעתיים);
שטאקפיש (רמת־גן)
און קרעמפעל (לאנדאן).

---

ווען דער נומער איז שוין געווען אין דער דרוקמאשין, האבן מיר דערהאלטן פון איזאק קרעמפעל פון לאנדאן א באשרייבונג וועגן זיין פארשטארבענעם פאטער, דעם אין לובלין גוט באקאנטן געזעלשאפטלעכן טוער **בעריש קרעמפעל** ז"ל. מיר וועלן דאס אפדרוקן אין נאענטסטן נומער „קול לובלין".

---

לכבוד ציונה מורסקי והודה
רחוב ירמיהו 20 ..... מס'
העיר תל-אביב

במקרה של אי־מסירה,
נא להחזיר:
לארגון יוצאי לובלין,
תל־אביב, דיזנגוף 158

PAYE TELAVIV-YAFO

# האזכרה השנתית לקדושי עירנו ביום השנה ה־34 להשמדת יהודי לובלין על־ידי הרוצחים הנאצים

**ת ת ק י י ם ב י ו ם ש ל י ש י 16.11.76 (כ"ג ח ש ו ן ת ש ל"ז)**

### ב ב י ת ה ק ב ר ו ת נ ח ל ת י צ ח ק

**ליד האנדרטה לקדושי לובלין ומיידאנק**

15.00 : התכנסות.

15.30 : דברי פתיחה — **מתתיהו הורן.**

15.40 : קדיש — **דוד רובינשטיין.**

15.45 : אל מלא רחמים — החזן **יעקב סמק.**

16.00 : דברי סיום — **לאה קוריס.**

### ב„ב י ת ל י י ו י ק" ב ת ל ־ א ב י ב

**רח' זב הוז 30 (מול אולמי „גיל")**

18.00 : התכנסות ופגישה חופשית.

19.00 : דברי פתיחה — **דוד שטוקפיש.**

19.15 : הדלקת 6 הנרות — ניצולי השואה.

19.30 : הקרנת הסרט „5 ערים בפולין לפני השואה".

סדרי תחבורה: לבית הקברות בנחלת יצחק — אוטובוסים 53, 63.

ל„בית לייוויק": 4, 5, 55, 61, 66.

**במקרה של מזג אויר גשום, נא להצטייד במטריות.**

„קול לובלין", מופיע פעם בשנה. המו"ל: ארגון יוצאי לובלין בישראל, תל־אביב, רח' דיזנגוף 158.
המערכת — רעדאקציע: אלחנן הורוויץ, מתתיהו הורן, עובדיה פעלד, נחמן קורן, מאיר שילדקרויט.
העורך — רעדאקטאר: דוד שטאקפיש. מזכיר המערכת: אפרים איינשטיין.
דפוס „ראש־פינה", רח' ראש־פינה 19, ת"א

teatrnn.pl